# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 121- Spring 1993 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2kk1z611

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 121(1)

### Publication Date
1993

### Copyright Information
Copyright 1993 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 121

SPRING
1993

פרילינג
תשנ"ג

ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל.א.

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל - די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פּראָגרעסיוו אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל.א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
לואי סענענסיב, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

Telephone: (213) 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



**EDITORIAL BOARD:**

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

**ADMINISTRATIVE COMMITTEE:**

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: (310) 820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **M. COHEN N. GIEROWITZ, L. MEISNER & J. SHAFER**



Subscription price: $8.00 per year

# אינהאַלט


משה שקליאַר: ליד ........................................ 3

מ.ש.: אין שטענדיקן געראַנגל ........................................ 4

לילי בערגער: יאַנוש קאָרטשאַק דער פּעדאַגאָג־פּאָרשער ........................................ 6

חנן קיעל: לידער ........................................ 16

פּיניע פּלאָטקין: ליד ........................................ 18

ישראל גובקין: טענדענצן אין דער איצטיקער ישראלדיקער ליטעראַטור.. 18

צבי אייזנמאַן: דער קאַלענדאַר ........................................ 21

חנן קיעל: צווי שרייבער פון דער גרופּע יונג־ישראל ........................................ 25

מאיר חרץ: לידער ........................................ 33

שירה גאָרשמן: מיניאַטורן ........................................ 35

משה וואַלדמאַן: ליד ........................................ 37

משה וואָלף: סטאַלינס פאַרשפּילטע מלחמה קעגן די יידן ........................................ 38

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן: לידער ........................................ 48

שמואל איזבאַן: קרבן פּסח ........................................ 49

חיים קעניגער: לידער ........................................ 53

ישראל גובקין: לידער ........................................ 54

שרה ראַפּאַלין־ליינער: אין זכות פון די ערלעכע פרויען ........................................ 56

הינדע זאַרצקי: לידער ........................................ 59

גרוניאַ קאַהן: לידער ........................................ 60

יצחק קאַהאַן: 500 יאָר נאָך גירוש שפּאַניע ........................................ 61

זשאַק בורשטין־פּינער: עמבלעמען (דערציילונג) ........................................ 68

עקיבא פישבין: עלי וויזעל טוט "יום־טובן דעם תלמוד" ........................................ 72

משה שקליאַר: געדענקסט די ליים־גריבער (דערציילונג) ........................................ 74

משה וואַלדמאַן: אַ חבר עלטערט זיך ........................................ 82

* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........................................ 84

יוסף סאָסקי: אַרכיוו-ווינקל ........................................ 85

יעקב שייפער: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........................................ 86

# אַ הסתדרות אַניואַיטי טראַסט-קאָנטראַקט

- פון דער -

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

**אינקאָרפּאָריטעד**

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: -

* אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
* באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, "פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל-גיינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואַיטי טראַסט פונדאַציע.

**עלווין סמאָלין, וויצע־פּרעזידענט**

**אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר**

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
811 Beverly Blvd., Suite 1700 * Los Angeles, Calif. 90017
Telephone: (213) 683-8036


**ל.א. יידישער קולטור קלוב**

**ציונ. אַרב. פאַרבאַנד - שטאָט קאָמיטעט,**

**יידיש־צווייג, ציונ. אַרב. פאַרבאַנד.**

אין אָנדענק פון אומפאַרגעסלעכן חבר, פריינד, אומדערמידלעכן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־טוער,פּיליאָריקן פּרעזידענט פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג און פרעזידענט פון פאַרבאַנד יידיש־צווייג

# נאָרמאַן קאַרין

ער איז אַוועק אין דער אייביקייט, אָבער זיינע מעשים טובים, זיין האַרציקע חברשאַפט און טאָטאַלע איבערגעגעבנקייט צו אונדזערע געמיינזאַמע אידעאַלן וועלן פאַרבלייבן אונדזער ירושה פאַר לאַנגע יאָרן.

אונדזער האַרציקן מיטגעפיל צו דער ליבער
פרוי, אונדזער פּיליאָריקע פירנדיקע קולטור־טוערין
חברה ב ע ר ט א ק אַ ר י ן און דער
גאַנצער פאַריתומטער משפחה.
געפינט אַ טרייסט אין זיינע גוטע מעשים און אין
ז י י ן ג ו ט ן נ אָ מ ע ן.

# חשבון

**נומ. 121**

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

**משה שקליאַר:**
רעדאַקטאָר

**ישראל גובקין:**
מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
נתן גערשוויטש
משה כהן
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

48־סער יאָרגאַנג, נומער 121 • פרילינג 1993 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.




## משה שקליאַר

# איך האָב געלאָזט

איך האָב געלאָזט די רויטסטע בלום
מיין האַרץ
צופוסנס פונעם קאַלטן שטיין
דעם געטאָ־דענקמאָל
וואָס שטייט שטום אַליין
אין שטאָט פון מיין געבוירן
און שטרעקט הענט פאַרבראָכענע
פון קדושים און גיבורים
צום הימל ליידיקן
וואָס קוקט בלינד
ווי ס׳גייט און גייט און גייט
אַ מאַמע מיט אַ קינד
אויף הונגעריקע הענט
און ס׳גייען יידן - מתים
מיט ביקסן און טליתים
און אַרום
עס ברענט מיין יידנשטאָט
און ס׳ברענט די בלום
מיין האַרץ
וואָס כ׳האָב געלאָזן דאָ
מיט יאָרן לאַנג צוריק

וואַרשע, זומער 1992

# אין שטענדיקן געראַנגל

צוערשט האָט זיי דער נאַצי־דייטש פאַרשפּאַרט אין געטאָס פון שטעט און שטעטלעך פון דער אָקופּירטער אייראָפּע ווו זיי האָבן געלעבט, די יידן, די ברידער אונדזערע, זינט הונדערטער יאָרן, געאַרבעט, געמסחרט, געשאַפן גייסטיקע און קולטור־ווערטן און בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון די פעלקער און לענדער וואָס זיי האָבן באַוווינט. פאַרשפּאַרטע אין די ענגע מויערן, באַרויבטע פון זייער האָב און גוטס, זענען זיי בהדרגהדיק אויסגעגאַנגען פון הונגער און נויט, פיזישער און גייסטיקער דערשעפונג, עפּידעמיעס, טאָג־טעגלעכע רדיפות, כאַפּענישן אין די גאַסן און אַרויסשיקונגען אין די טויט־לאַגערן וואָס דער נאַצי־דייטש האָט אויפגעשטעלט פאַר אונדזערע ברידער אויף דער אָקופּירטער דורך אים פּוילישער ערד, אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע. אָבער זיי האָבן נישט אויפגעהערט דעם ביטערן געראַנגל פאַרן לעבן, נישט געלאָזט זיך באַרויבן פּונעם צלם מענטש, געזאָרגט פאַר די קראַנקע און שוואַכע, געזאָרגט פאַר דערציאונג און בילדונג פון די קינדער. ביים פלעמל פון האָפענונג אויף דערלייזונג, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שוואַכער, האָבן זיי אָרגאַניזירט זייער ווידערשטאַנד דעם שונא אויף די פאַרשיידנסטע אופנים.

און שפּעטער זענען געקומען די "גרויסע אַקציעס" ווען נישט הונדערטער און טויזנטער יידן זענען געשיקט געוואָרן אין די נאַצישע טויט־לאַגערן, נאָר הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען! אַ גאַנץ פאָלק איז באַשטימט געוואָרן אויף אויסראָטונג, צו ווערן פאַרטיליקט און פאַרגאַזט אין די אוישוויצס און טרעבלינקעס. ליקווידירט זענען געוואָרן די געטאָס אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך; אויסגעליידיקט די געטאָס אין די גרעסערע שטעט. און געברענט האָבן טאָג און נאַכט די קאַלכאויוונס און יידישע קינדער און זקנים, יידישע מענער און פרויען געבראַכטע פון אַלע עקן אייראָפּע קיין פּוילן, זענען געשיקט געוואָרן צום גאַז... און די וועלט האָט געזען, און די וועלט האָט געוווסט, און די וועלט האָט געשוויגן. בלויז געציילטע פון די אַמאָליקע שכנים האָבן אויסגעשטרעקט אַ האַנט פון רעטונג. אַנדערע האָבן זיך צוגעקוקט פּאַסיוו ווי אַ פאָלק ווערט פאַרניכטעט, און נאָך אַנדערע האָבן גאָר הנאה געהאַט וואָס די "יידן־פּראַגע" ווערט געלייזט דורך פרעמדע הענט און זייער געוויסן קאָן בלייבן ריין...

און דעמאָלט האָבן וואַרשעווער יידן, די רעשטלעך לעבן געבליבענע, אָבער אַנטשלאָסענע צו שטאַרבן פאַרן כבוד פון זייער אומגעבראַכטן פאָלק, אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד און געצאָלט מיט בלוט פאַר בלוט, און ווי אַ מאָל די מכבייער אַריינגעשריבן אויף אייביק אַ הערלעכן בלאַט אין אונדזער פיל־טויזנטיאָריקער געשיכטע.

און געווען איז עס אין פרילינג פון 1943 יאָר, דעם 19־טן אַפּריל, מיט פופציק יאָר צוריק, דעם ערשטן טאָג פסח, וואָס איז ביי אונדז דער סימבאָל פון באַפרייאונג. און אַזוי רופט זיך איבער די געשיכטע.

* * *

...און אַזוי רופט זיך איבער די געשיכטע. אויך אין פרילינג, מיט פינף יאָר שפּעטער, ה' באייר תש"ח, דעם 14־טן מאַי, 1948, איז ווייט פון די שחיטה־פעלדער, אויף דער

היסטאָרישער ערד פון אַמאָליקן ארץ ישראל, פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה. ביי די זעקס מיליאָן יידן וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשישע נאַציס און זייערע פאַרשיידענערליי מיטהעלפערס, איז אָפּגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט צו זען דעם גרויסן נס, הגם זייער אומקום האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט, אַז די וועלט, וואָס האָט זיך געפילט שולדיק לגבי דעם יידישן פאָלק, זאָל דעם נס אָנערקענען.

אָבער די שאירות הפליטה, די אַנטרונענע פון די היטלעריסטישע קאַלכאויוונס, די צוריגעקומענע פון די פּאַרטיזאַנישע וועלדער, יענע וואָס האָבן אין שרעקן און פּיינען איבערגעלעבט אויף דער א.ג. אַרישער זייט, האָבן מאַסנווייז געאײלט צו די טויערן פון דער יונגער יידישער מדינה כדי זיך איינשליסן אין איר בויאונג און אינעם קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ. פון אַ יישוב וואָס האָט אין 1948־טן יאָר געציילט 600 טויזנט יידן האָבן מיר היינט אַ לאַנד מיט העכער פיר מיליאָן יידישע נפשות; יידן פון פאַרשיידענע עדה'ס, געקומענע פון אַלע עקן וועלט, וואָס האָבן זיך דורך שווערן געראַנגל איינגעוואָרצלט אין דעם אַלט־נייעם לאַנד אויף דאָ צו זיין, אויף דאָ צו בלייבן אויף שטענדיק, אויף אַלע אייביקייטן.

נאָר די געשיכטע חזרט זיך איבער... נישט באַשערט איז אונדזער פאָלק צו לעבן אין רו און אין רו צו בויען זיין צוקונפט. איז די יידישע מדינה אָן אויפהער באַדראָט דורך אירע אַראַבישע שכנים. טעראָר־אַקטן און מלחמות, קלענערע און גרעסערע, קומען אין קאַטאַסטראָפאַלע ציקלען. און ווידער פאַלן קרבנות... און יעדער קרבן טוט וויי, אַן אייגענער אָדער אַ פרעמדער. און מען רעדט וועגן שלום, און ס'גייט אָן די "אינטיפאַדאַ", און די איסלאַמישע פונדאַמענטאַליסטן וועמענס איינפלוסן פאַרשפרייטן זיך אַלץ מער אין דער אַראַבישער וועלט, פּראָקלאַמירן, ווי אַ מאָל היטלער, אַז "דער גורל פון די יידן איז צו ווערן אויגעשאָכטן דורך אונדזערע הענט... קיין שום ייד איז נישט אומשולדיק. אַלע יידן מוזן אומקומען... ישראל וועט עקזיסטירן ביז זי וועט פאַרניכטעט ווערן דורך איסלאַם"...

נאָר ישראל עקזיסטירט, און ישראל בויט און שאַפט און באַקומט אַלץ מער אָנזען אין דער ציוויליזירטער וועלט. און נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע דראָנונגען ווערן פאָרגעזעצט די באַמיאונגען פאַר שלום, און עס גייט אָן דער עליה־שטראָם מצד יידן פון געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און די מדינה שטאַרקט זיך, בייקומענדיק אַלערליי שוועריקייטן - אינערלעכע און אויסערלעכע.

פאַר די 45 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט מדינת ישראל פאַרווירקלעכט די טרוימען פון דורות יידן וואָס האָבן שטענדיק, ווו נאָר זיי זאָלן נישט האָבן זיך געפונען, געקוקט מיט בענקשאַפט צו ירושלים וואָס איז דער סימבאָל פון דער אַלט־יידישער מלוכהשאַפט; און אין דער מאָדערנער צייט געפירט געוואָרן צו עליה דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג. היינט איז די בענקשאַפט, דער טרוים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרייד. אין פרייד פון די יידן אין ישראל און אין דער וועלט. און די בענקשאַפט וואָס איז פרייד געוואָרן, וועט אונדז ביישטיין.

מ. ש.

לילי בערגער / פּאַריז

# יאַנוש קאָרטשאַק דער פּעדאַגאָג־פאָרשער

## (צו דער פופציקסטער יאָרצייט פון זיין אומקום)

עס קאָן קלינגען ווי אַ קוריאָז און פאָרט זעט עס מיר אויס אַזוי צו זיין: דער לעצטער, טראַגישער וועג פון קאָרטשאַקן, זיין גרויסער קדוש־השם, שטעלט היינט טיילווייז אין שאָטן זיין אַלזייטיק ווערק, סיי דאָס ליטעראַרישע, סיי דאָס פּעדאַגאָגישע. אויסער אין ישראל און אין פּוילן, אין זיין געבוירן־לאַנד, וווּ ער האָט 40 יאָר פון זיין שעפערישן לעבן אָפּגעגעבן דעם קינד, איז קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגיק ווייניק באַקאַנט. אויב ווייסט מען עפּעס וועגן קאָרטשאַקן, איז דאָס, אַז ער האָט מיט זיין אייגענעם ווילן באַגלייט זיינע צוויי הונדערט קינדער אין די גאַז־קאַמערן קיין טרעבלינקע. צומאָל אויף אָנדענק־אַקאַדעמיעס, הייבט מען אַרויס בלויז די לעגענדע פון דעם מאַרטירער.

יאַנוש קאָרטשאַק איז אָבער געווען אַ לעגענדאַרע געשטאַלט שוין ביים לעבן. און דאָס טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט מיט גרויס מסירת־נפש אַ גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם פאָרשן דאָס קינד און גלייכצייטיק געווען אַן אַפּוטרופּוס, אַ פריינד און אַ פאָטער פון דעם צום מיינסטן באַעוולטן קינד - דעם יידישן יתום.

ער איז געווען אַ באַגאַבטער מעדיצין־דאָקטער. ער איז נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט געווען, ווען הענריק גאָלדשמידט (יאַנוש קאָרטשאַק) האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַן ערשט ראַנגיקן קינדער־דאָקטער צו וועלכן ס'האָבן אויך געמוזט אָנקומען רייכע מענטשן און צומאָל קריסטן - וואָס איז צו יענע צייטן געווען אַ זעלטנקייט - כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז דער דאָקטער פון דער יידישער אָרעמשאַפט און נעמט ביי זיי, די אויסגעוויילטע פון דער געזעלשאַפט, "פּראָפעסאָרישע האָנאָראַריומס", ווי ער דערציילט דאָס אַליין אין זיינע זכרונות געשריבענע אין געטאָ, כדי צו קאָנען אומזיסט היילן די אָרעמע פּאַציענטן זיינע און זיי נאָך צוגעבן רפואות, מיטברענגען אַ שפּילכל פאַר אַ קראַנק קינד.

ער איז געווען אַ טאַלאַנטירטער שרייבער. אויף זיינס אַ בוך, אַ פעליעטאָן אין אַ ליטעראַרישער שריפט, האָבן לייענער געוואַרט. דער ליטעראַרישער נאָמען קאָרטשאַק איז געוואָרן אַ שם דבר. דעם יונגן באַקאַנטן שרייבער און דאָקטער האָט אַנטקעגן געשמייכלט אַ לעבן אין רייכטום און כבוד. ער האָט געקאָנט מאַכן אַ גרויסע קאַריערע בלויז אַלס מעדיקער. און אָט האָט דער דרייסיק־יאָריקער דאָקטער פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל, צעשיידט זיך מיט זיין רייכער, פּריוואַטער קליענטעלע און אַוועק זיך פאַרנעמען מיט אָרעמע קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס, וווּ עס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט דער קומענדיקער גרויסער פּעדאַגאָג.

דאָס איז אגב, נישט געקומען פּלוצלינג. ווען מען פאָלגט נאָך קאָרטשאַקס שטורמיש לעבן, קאָן מען דערזען ווי דאָס וואַרפן זיך מיט לייב און לעבן צו פּעדאַגאָגיק, איז געווען אַ נאַטירלעכע פאָרזעצונג פון זיינע פריערדיקע שעפערישע באַשעפטיקונגען, און אַ סברה, אַז די פריערדיקע זענען פאַרלאָפן דעם וועג.

אין זיין בוך "דער ווידוי פון אַ זומערפייגעלע", וואָס באַשטייט פון אַ טאָגבוך פון אַ

14-13 יעריק ייִנגל און וואָס איז דאָס סאַמע אויטאָביאָגראַפישע בוך פון קאָרטשאַקן, שרייבט דער מחבר, אַז אין עלטער פון 14 יאָר האָט ער געקליבן מאַטעריאַלן, אָבסערווירט זיינע קאָלעגן און זיך גופא, כדי אָנצושרייבן אַ פאָרש־אַרבעט אונטערן טיטל "דאָס קינד".

שפּעטער, יאָרן נאָכן פאַטערס טויט, ווען דער אָרעמער סטודענט גאָלדשמידט האָט, חוץ די לעקציעס מיט וועלכע ער האָט פאַרדינט אויסצוהאַלטן זיך און די משפּחה, געשריבן פעליעטאָנען און ביכער, האָט ער אויסגעזאָגט אַ סוד דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון אַ ליטעראַרישער שריפט, בעת יענער האָט אים פאָרגעלייגט אַ טעמע: "מיך אינטערעסירן צוממיינסטן פּראָבלעמען פון דערציאונג".

ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ער איז געזעסן אַלס סטודענט אין איין תּפיסה־קאַמער מיטן פּוילישן געלערנטן קזשיווּיצקי, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג אי אַלס סאָציאַליסט, אי אַלס סאָציאָלאָג... קאָרטשאַק, ווי אַ סך אַנדערע, האָט דערוואַרט, אַז נאָך פּוילנס באַפרייאונג וועט נישט נאָר דאָס לאַנד באַפרייט ווערן פון פרעמדן יאָך, נאָר אויך די מענטשן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון אייגענע באַדריקער. דאָס דערוואַרטעטע איז נישט געקומען. די זעלבע, וואָס האָבן פריער געקעמפט קעגן אונטערדריקונג, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער, זענען אַליין געוואָרן אונטערדריקער. די נייע אונטערדריקער זענען נישט מילדער געווען פון די פריערדיקע. די פריערדיקע קעמפער און שפּעטערדיקע הערשער האָבן אים געגעבן אַ סך צו טראַכטן. ער האָט זיך פולשטענדיק אָפּגערוקט פון זיי, נישט אָנגעהאַלטן קיין באַציאונגען צומאָל מיט די אַמאָליקע נאָענטע חברים. קאָרטשאַק איז אָבער געווען אַ דענקער. ער האָט געזוכט די סיבה נישט נאָר אין אויסערלעכע אומשטענדן, נאָר אויך אין מענטש גופא. ער האָט וועגן די ענייִנים אָדער וויייניק אָדער אין גאַנצן נישט גערעדט. אָבער ס'איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די שענסטע און בעסטע אידעאַלן טויגן אויף כּפּרות, ווען דער מענטש ווערט נישט גענומען אין באַטראַכט, ווען דאָס פּינטעלע מענטש איז דערביי נישטאָ. ובכן, כדי צו ענדערן דעם סדר פון דער וועלט, די צווישן מענטשלעכע באַציאונגען, דאַרף מען ענדערן עפּעס וואָס אין מענטש גופא, אים דערציען. און ווען זאָל מען אָנהייבן דערציען דעם מענטש, אויב נישט גלייך פון קינדווייז אָן?

קאָרטשאַק דער פּעדאַגאָג־נאָוואַטאָר האָט אומאויפהערלעך איבערגעחזרט, אַז "איינע פון די גרעסטע פעלערן איז צו באַטראַכטן פּעדאַגאָגיק ווי אַ לערע בלויז און אויסשליסלעך וועגן קינד, דאָס איז אַ לערע וואָס האָט אַ שייכות צום מענטש, אַ לערע וועגן אים און פאַר אים". דער מענטש איז אָבער אין זיין אורשפּרונג אַ קינד. און פון אים דאַרף מען אָנהייבן, כדי ס'זאָל אויסוואַקסן אַ מענטשלעכער מענטש.

די דערוואַקסענע מוזן קודם כל ענדערן זייער באַציאונג צום קינד. ביי קאָרטשאַקן דריקט זיך דאָס אויס אויף אַזאַ אופן: "ס'זענען נישטאָ קיין קינדער, ס'זענען דאָ מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס האָבן אַנדערע דערפאַרונגען, וואָס טראַכטן, פילן און באַנעמען אַנדערש". אָדער: "אַ קינד איז נישט בלויז אַ צוקונפטיקער מענטש, עס איז שוין איצט אַ מענטש, נאָר פון אַ שוואַכערער פיזישער קאָנסטרוקציע, מיט אַן אַנדער געדאַנקען־גאַנג", מיט איין וואָרט – מענטש אין פריען עלטער, מיט וויייניק דערפאַרונג, אָבער וואָס טראַכט, אָבסערווירט, טרוימט, ליידט, האָפט, וואָס קאָן ליב האָבן און קאָן האַסן. דאָס מענטשלעכע באַשעפעניש, וואָס מיר רופן קינד, האָט זיינע זאָרגן, זיינע

סודות און אומגליקן. די איינזאַמקייט, דער אומעט בייסט זיך מער אַריין אין זיין האַרץ ווי ביי אַ דערוואַקסענעם. ס׳איז נישט אמת, אַז דאָס קינד פאַרגעסט גיך. אַ דערנידערונג, אַ באַליידיקונג, אַן עוולה וואָרצלט זיך איין אין זיין האַרץ אויפן גאַנצן לעבן. "אָן אַ געהעריקער קינדהייט קאָן דער דערוואַקסענער ווי געהעריק זיך נישט פאָרמירן". מ׳זאָגט, אַז דאָס קינד האָט אַ צוקונפט. ניין, זאָגט קאָרטשאַק, נישט נאָר אַ צוקונפט האָט עס, נאָר אויך אַ פאַרגאַנגענהייט, וואָס ווירקט זיך אויס אויפן צוקונפטיקן דערוואַקסענעם.

ווען ס׳זענען אין 20-1919 דערשינען קאָרטשאַקס צוויי ביכער אויף פעדאַגאָגישע טעמעס - "מאָמענטן פון דערציאונג" און "ווי אַזוי ליב האָבן דאָס קינד" (איז צוויי טיילן) איז עס נאָך געווען פאַרן ערשטן אַלוועלטלעכן קאָנגראַס צום באַשיצן דאָס קינד. און ווער ווייסט צי קאָרטשאַק האָט נישט געגעבן אַ גרויסן שטויס דערצו? זיכער איז, אַז ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן דורכגעלייגט אַ וועג און צוגעגרייט דעם באָדן פאַר די הייַנטיקע פאַרשידענע אָרגאַניזמען און אינסטיטוציעס פאַר קינדער־שוץ. נאָך אין 1929, ווען ס׳איז דערשינען זיין פעדאַגאָגיש בוך "דאָס רעכט פונעם קינד צו אַכטונג", איז עס געווען אַ נייער אַלאַרם־גלאָק אין די דעמאָלטיקע באַדינגונגען און אויך אַ נייער דורכברוך אין דער דערציאונג, אין דער פעדאַגאָגישער וויסנשאַפט.

הייַנט זענען די זאַכן פאַר אונדז פשוטע, דעמאָלט זענען זיי געווען נאָוואַטאָראָשע און קאָרשטאַקס ווירקונגען זענען נישט געווען פון קליינער באַדייטונג. און ווען מיר לייענען הייַנט ביים גרויסן פעדאַגאָג־סאָציאָלאָג, אַז קינדער און יוגנטלעכע זענען פונקט אַזאַ אונטערדריקטער קלאַס, ווי די אַרבעטער, פרויען, קאָלאָניאַלע פעלקער, איבער וועלכע מען הערשט אונטערן פרעטעקסט, אַז זיי זענען נאָך נישט רייף אַליין מיט זיך אָנצופירן, דאַרף מען דאָס נעמען אין דער איינשטעלונג פון יענע צייטן און נישט פון אונדזער צייט, הגם נישט ווייניק פרטים זענען נאָך הייַנט אַקטועל.

כדי אָבער באַשיצן דאָס קינד - הייַנט ווי אַ מאָל - כדי אים צו געבן מעגלעכקייטן פאַר זעלבשטענדיקער, פרייער אַנטוויקלונג, דאַרף מען עס קענען. און אָט אויף דעם געביט פון דערקענען דעם קינדס נשמה, האָט קאָרטשאַק געשאַפן אַ פולשטענדיק אייגענעם מעטאָד. ער האָט זיך דאָ באַנוצט מיט דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. מען פלעגט זאָגן, אַז ווי אַ דאָקטער איז ער געווען אַ פעדאַגאָג, און ווי אַ פעדאַגאָג, אַ דאָקטער. דאָס איז נישט קיין שפּיל פון ווערטער. אין זיינע "סקיצן פון דערציאונג" באַגרינדעט ער די פאַרבינדונג צווישן מעדיצין און פעדאַגאָגיק. אין דער הקדמה צו דעם בוך לייענען מיר: "די וויכטיקסטע זאַך אין דער מעדיצין איז די וויסנשאַפט פון דערקענטעניש. דער סטודענט, וואָס לערנט מעדיצין, האָט צו עקזאַמינירן אַ סומע אינדיווידואומס, ער אייגנט זיך צו די פעיקייט צו באַטראַכטן און דערזען, צו דערקענען די סימפּטאָמען, ער דאַרף געפינען צווישן זיי דעם שייכות און אים אויפקלערן, כדי אַרויסצוציען די קאָנקלוזיעס".

"אויב די פעדאַגאָגיק דאַרף גיין לויט דעם וועג, ווי ס׳האָט זיך אָנגעצייכנט די מעדיצין, מוז זי אויסאַרבעטן אַ פעדאַגאָגישע דיאַגנאָסטיק, באַזירנדיק זיך אויף דער דערקענטעניש פון סימפּטאָמען. דער שמייכל, דער געלעכטער (פונעם קינד־ל.ב.) די טרערן, די פאַרויטיקטע בעקלעך, וואָס עס רופן אַרויס עמאָציעס זענען פאַרן פעדאַגאָג דאָס זעלבע וואָס פאַרן מעדיקער די טעמפּעראַטור, אַ הוסט, דאָס אויסברעכן. עס זענען

נישט פֿאַראַן קיין סימפּטאָמען אָן באַדייטונג... עס גייט נישט בלויז צו וויסן ווי אַזוי און וואָס צו פֿאָדערן פֿונעם קינד. ווי אַזוי און וואָס אים צו באַפֿעלן, נאָר אין דער ערשטער ריי צו זען וואָס אים פֿעלט, וואָס עס ריזלט אין אים צופֿיל, וואָס דאָס קינד גופֿא באַגערט און וואָס עס איז פֿעיִק צו געבן..."

פֿון דעם דרינגט אַרויס, אַז כּדי דאָס קינד צו דערקענען, דאַרף מען עס אָבסערווירן און, לויט די פֿאַרשידענע רעאַקציעס, ווי וויינען, שרייען, פֿאַרשידענע העוויות, הייבן מיט די אַקסלען, שלעפֿן די פֿיס, גיין אימפּעטיק, אָדער קריכנדיק, האַלטן זיך גלייך אָדער איינגעהויקערט, לויט די אַלע סימנים דערקענען זיין נשמה, דערוויסן זיך וואָס ס'טוט זיך אין זיין האַרץ. ובכן, דער פּעדאַגאָג מוז זיין אַן אָבסערוואַטאָר. דעריבער האָבן מיר אויפֿגעשריבן דעם טיטל: פּעדאַגאָג-פֿאָרשער. פּונקט ווי אַ וויסנשאַפֿטלער אָבסערווירט, פֿאָרשט אין זיין לאַבאָראַטאָריע אַן אָביעקט, אַ דערשיינונג, אַזוי האָט קאָרטשאַק אָבסערווירט און געפֿאָרשט דאָס קינד און געלייענט אין זיין נשמה, ווי אין אַן אָפֿן בוך. דאָס איז געווען אַ זעלטענע קינדער-קענטעניש. און ביי דעם אַלעם האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס קינד איז נאָך אַלץ אַ סוד, עס פֿאַרמאָגט נאָך גענוג פֿאַרבאָרגענע ווינקעלעך אין זיין עמפּינדלעכער נשמה, אין די רייכע פֿאַנטאַזיע-מעגלעכקייטן, וואָס לאָזן זיך נישט לייכט אויפֿדעקן און דערקענען. דעריבער מוז דער דערציער, דער פּעדאַגאָג אויך לויט די דיסקרעטע אָדער געהיימע רעאַקציעס און האַנדלונגען מאַכן די אויספֿירן.

קאָרטשאַק האָט זיך אונטערגענומען צו גראָבן טיף. ער האָט אָנגעהויבן צו אָבסערווירן דאָס קינד שוין אין דער מוטערס שויס און ווידער אַ מאָל נישט בלויז ווי אַ מעדיקער-וויסנשאַפֿטלער, נאָר גלייכצייטיק ווי אַ פּסיכאָלאָג-פּעדאַגאָג. אין זיין וווּנדערלעכער פֿילאָזאָפֿיש-פּסיכאָלאָגישער נאָוועלע "באַבאַ" ווייזט ער אונדז מיט עכטן ליריזם, מיט גרויסער ליטעראַרישער קונסט דעם קינדס רעאַקציעס בעתן קומען אויף דער וועלט, עס ווערט געבוירן נישט נאָר אין ליידן פֿון דער מוטער, נאָר אויך אין אייגענע ליידן. די ליכט, די לופֿט, די געענדערטע טעמפּעראַטור, דאָס אַנדערשטיקע אָטעמען - די גאַנצע נייע וועלט פֿאַלט אויף אים ווי אַ שווערע משא, וואָס רופֿט אַרויס אַ געוויין, אַ געשריי, אין וועלכן קאָרטשאַק, דער מעדיצינער און פּסיכאָלאָג דערקענט אַ ווייטיק-געשריי. ער אָבסערווירט דערנאָך די כּסדרדיקע פּסיכישע עוואָלוציע פֿון קליינעם נפֿשל און ער פֿירט אויס: "...די נאַטור רוט קיין מאָל נישט, זי סקולפּטירט אומאויפֿהערלעך און מייסטערהאַפֿט דעם קליינטשיקן מענטש".

צוגעבן דערצו דאַרף מען, אַז ער גופֿא, קאָרטשאַק, סקולפּטירט פֿאַר אונדז מייסטערהאַפֿט דאָס בילד פֿון אינערלעכן לעבן פֿונעם קינד, אָנהייבנדיק פֿון זיין געבורט. ער איז אָבער געווען אין דעם נישט נאָר אַ קינסטלער, נאָר אויך אַ פֿאָרשער, וויסנשאַפֿטלער.

ביי דעם אַלעמען איז קאָרטשאַק נישט געווען קיין פּעדאַגאָג-טעאָרעטיקער, ווי מען פֿאַרשטייט דאָס אין אַקאַדעמישן זין. ער איז געווען קודם אַ פּראַקטיקער. פֿריער האָט ער פּראַקטיצירט און פֿון דער פּראַקטיק האָט ער אויסגעשיילט דעם קערן פֿון זיין טעאָריע, וואָס ער אַליין האָט געמוזט אויספּרוּוון און אָנווענדן. אַ סבֿרה דערפֿאַר האָט ער אָנגעהויבן זיין פּעדאַגאָגישע אַרבעט פֿון אַ דערציער אויף קינדער-קאָלאָניעס. דערנאָך איז נויטיק געווען אַ גרעסער פֿאָרטונגס-פֿעלד, וואָס איז פֿאַר אים געוואָרן דאָס יתומים-הויז אין וואַרשע, אויף קראָכמאַלנע 92.

* * *

אין דעם גרויסן, ווייסן הויז, וואָס ער אַליין האָט אונטערגענומען צו בויען, האָט ער זינט 1911 געווינט צוזאַמען מיט די קינדער, צוזאַמען מיט זיי געטיילט אַלע פריידן און ליידן. ער איז געווען איינער פון זיי.

ס'האָט זיך ביי מיר אין זכרון צום שטאַרקסטן און אויף שטענדיק איינגעקריצט אַ בילד פון קאָרטשאַקן מיט די קינדער פון אַן ערשטן באַזוך. ס'איז געווען אַ שבת אין דער פרי, ווען קאָרטשאַק האָט פאָרגעלייענט פאַר די קינדער צוזאַמען מיטן פערסאָנאַל די וואָנט־צייטונג. די פּראָווינצער גימנאַזיסטקע פון אַ וואַרשעווער מיטל־שול וואָס איך בין געווען, האָט זיך שוין געהאַט געמאַכט איר איינענע פאָרשטעלונג פונעם קינדער־הויז און קאָרטשאַקן. מיר, די יונגע אָדלערס, וואָס האָבן זיך געבונטעוועט קעגן אַלץ און אַלעמען, האָבן זיך פאַסצינירט מיט קאָרטשאַקס ביכער. ער איז דאָך אויך געווען אַ גרויסער בונטאַר. און אַז אַ בונטאַר, און פירט דורך וואָס ער וויל, דערצו שרייבט ער אַזעלכע ביכער, איז ער אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן צו אַ געשטאַלט אַ ריז, מיט אַ פעסטער, קלינגענדיקער שטימע צווישן אַ מחנה ווייסע חברהניקעס. ווי איבעררראַשט בין איך געווען, ווען איך בין אַריין אין גרויסן זאַל און אין אויבנאָן איז פאַר אַ אַ קליין טישל געשטאַנען אַ מיטלוווקסיקער מאַן, מיט אַ גאָלן קאָפּ אָן איין האָר, מיט אַ גוטמוטיק פּנים באַצירט מיט אַ בלאָנד בערדל, און פאָרגעלייענט רואיק, געלאַסן, נישט אויפגעהויבן די שטימע, נאָר בלויז פון צייט צו צייט אָפּגעריסן דעם קאָפּ פון די בלעטלעך, געוואָנדן די קלוגע אויגן צו דער יונגער אוידיטאָריע און ווייטער געלייענט. די קינדער, גרעסערע, קלענערע, גאָר קליינע, זענען געזעסן אויסגעזעצט אויף בענק און בענקלעך און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט.

און אָט איז שוין נאָכן לייענען, דאָס קליינוואַרג צעוויגט זיך, אַ כאָפּטע קינדער רינגלען אַרום קאָרטשאַקן, דער און יענער האָט נאָך וואָס צו פרעגן, וויל נאָך עפּעס וויסן, די גאָר קליינע קלעפּן סתם צו אים ווי צו אַ מאַמען. און ער, קאָרטשאַק, אָנגעטאָן אין דעם גרינעם אַרבעטס־פאַרטעך, וואָס ער טראָגט שטענדיק אין קינדער־הויז, און וואָס מאַכט אים גיכער ענלעך צו עפּעס אַ באַשיידענעם באַאַמטן ווי צו אַ געלערנטן, רעדט ווייטער שטיל, געלאַסן, דעם ענטפערט ער מיט אַ וויץ, איינעם גיט ער אַ שנעל איבערן נאָז, אַן אַנדערן אַ גלעט איבערן קאָפּ און פון די טיפע, בלויע אויגן שפּראָצט עס מיט גוטסקייט און קלוגשאַפט. ער זעט אויס צווישן די קינדער ווי איינער פון דער גרויסער משפחה, נאָר מיט מער וויסן, מיט מער דערפאַרונג, מיט קענטענישן מיט וועלכע ער טיילט זיך מיט אַלע.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן די הונדערטער קינדער וואָס זענען אין אַלע יאָרן דאָרט דורכגעגאַנגען, וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע סביבות, פון אָרעמע, טייל מאָל צעשטערטע היימען וווּ ס'האָבן געפעלט די מאַמע, דער טאַטע, אָדער ביידע; אָדער גאָר קינדער, וואָס האָבן אין גאַנצן קיין היים נישט געהאַט. זיי זענען געקומען אין יתומים־הויז מיט פאַרשידנאַרטיקע געוווינהייטן, אָפט מאָל זייער שלעכטע, קינדער פון 7 ביז 14 יאָר, וואָס האָבן איז זייער קורצן לעבן געזען מער שלעכטס ווי גוטס. און ס'איז געשען דאָס גרויסע ווונדער: קאָרטשאַק האָט זיי אַלע פאַראייניקט אין איין משפחה - ער האָט געשאַפן פון די אומגליקלעכע קינדער אַ גליקלעכע קינדער־רעפּובליק, ווו יעדעס קינד האָט זיך געקאָנט פריי אַנטוויקלען און אויסלעבן. אין זיינע זכרונות, וואָס קאָרטשאַק האָט געשריבן אין געטאָ, דערמאָנט ער וועגן אַ

בריוו, וואָס אַ יונגער בחור האָט אים צוגעשיקט נאָכן פאַרלאָזן דאָס יתומים־הויז. "ווען איך וואָלט נישט געווען אין דעם הויז, וואָלט איך נישט געוווסט, אַז ס׳זענען פאַראַן ערלעכע מענטשן אויף דער וועלט, מענטשן, וואָס גנבענען נישט. איך וואָלט נישט געוווסט, אַז מ׳קאָן זאָגן דעם אמת. איך וואָלט אויך נישט געוווסט, אַז עס זענען פאַראַן געזעצן וועגן יושר אויף דער וועלט".

וואָס האָט קאָרטשאַק געטאָן, אַז אַזאַ פאַרוואָרלאָזט קינד זאָל זיך אַזוי ענדערן? וועלכער איז געווען זיין פּעדאַגאָגישער צוגאַנג? זיין סיסטעם?

ווידער דאַרף מען זיך באַוואָרענען, אַז קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגיק איז שוין היינט נישט אין גאַנצן נאָווינע. ער האָט אָנגעהויבן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. און אויך דעמאָלט זענען שוין די נעמען פון פּעסטאַלאָצי און פרעבל פון לאַנג באַקאַנט געווען. מאַריאַ מאָנטעסאָרי, אויך אַ קינדער־דאָקטער, האָט שוין ביי איר אין לאַנד, אין איטאַליע, אַרבעטנדיק מיט אָפּגעשטאַנענע קינדער, געהאַט פּראָקלאַמירט די נויטיקייט פון זעלבשטענדיקער, פרייער דערציאונג. קאָרטשאַק איז געגאַנגען אַ סך, אַ סך ווייטער פון די דריי טעאָרעטיקער פון דער מאָדערנער דערציאונג. און געטאָן האָט ער דאָס אין אַ לאַנד, וואָס איז באַהערשט געווען פון דער צאַרישער דערציאונג, געשטיצט אויף קאַזאַרמע־דיסציפּלין, אויפן קנוט. קאָרטשאַק האָט, אגב, געוויזן די רוסישע שול אין זיין בוך "אַ וואָך פון אומגליקן". ער גופא, ווי ער דערציילט, איז געגאַנגען אין אַ שול, וווּ מ׳האָט "געגעבן שמיץ".

אין וואָס זשע באַשטייט קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגישע "מאַגיק"? אייגנטלעך וואָלט מען דאָס געקאָנט אויסדריקן אין דריי ווערטער: זעלבסטדערציאונג, זעלבסטדיסציפּלין און זעלבסטפאַרוואַלטונג. באַגריפן, וואָס זענען היינט באַקאַנט אין דער פּעדאַגאָגיק, אָבער וואָס זענען אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט געווען אומבאַקאַנט און פרעמד אין דער דערציאונג.

קאָרטשאַק, דער גרויסער קענער פון קינד, האָט ווי זעלטן ווער געוווסט ווי אַזוי פּראַקטיש אויסצונוצן זיין ענערגיע וואָס עס מוז אויסלאָדן; זיין פאַנטאַזיע, זיין באַדערפעניש צו זיין אין באַוועגונג, זיין ווילן צו האָבן פאַראַנטוואָרטלעכקייטן און, דער עיקר, זיין באַגער מ׳זאָל אים אָנטרויען, סטימולירן דעם קינדס איינגעבוירענע אייגנשאַפטן, דערוועקן ביי אים אַ געפיל פון זעלבסטדערציאונג, פון זעלבסטדיציפּלין, אַנטוויקלען די פעיקייט אַליין זיך צו פאַרנעמען מיט די אייגענע ענינים. פאַרשטייט זיך, אונטער אַ וואַכיקער און געניטער אויפזיכט פון דערוואַקסענע. דערביי האָט אָבער קאָרטשאַק אָנגעוויזן און דאָס איינגעפלאַנצט - סיי דורך זיינע שריפטן, סיי דורך זיינע לעקציעס - אין באַוווסטזיין פון זיינע סטודענטן, די צוקונפטיקע דערציער און פּעדאַגאָגן, וואָס ער האָט צוגעגרייט, אַז דאָס קינד טאָר אין קיין שום פאַל נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאַסיווער אָביעקט ווּעמען מען שטעלט צו פאַרטיקע כללים פון אויפפירונג, נאָר ווי אַן אַקטיווער אינדיווידואום, וואָס אַבסאָרבירט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַ געריכטע געזעצמעסיקייט פון אויפפירונג און צוזאַמענלעבן. ס׳קאָן נישט זיין קיין רייד פון קיין שום פאַרטיקן מאָדעל פון אַזאַ דערציאונג, און דאָ איז, אַ סברה, קאָרטשאַק געגאַנגען ווייטער ווי די היינטיקע פּעדאַגאָגיק. לויט אים איז דער בעסטער מאָדעל, וואָס דאַרף מאָדעלירן דאָס קינד, אויך אַ שלעכטער, ווייל יעדוועדער מאָדעל שטערט אין דער פרייער, זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג פון אַן אינדיווידואום. דעם קינד דאַרף מען געבן צוזאַמען מיט דער עלעמענטאַרער בילדונג באַגריפן וועגן גוטס

און שלעכטס, וועקן אין אים אַ געפיל פֿון יושר צוזאַמען מיט אַ אַמביציע צו גוטער אַרבעט, צו זיין נוצלעך, צו האָבן אַ שטאַרקן ווילן, ווי מ׳זעט דאָס אין אַזעלכע ביכער זיינע פֿאַר קינדער ווי ״דאָס פֿאַרעקשנטע ייִנגל״, ״רום״. אָבער אונטערטראָגן דעם קינד פֿאַרטיקע קאָנצעפּציעס, פֿאָרמולירונגען - דאָס נישט. דאָס קינד אַליין אין זיין אַנטוויקלונג - אויב זי איז אַ נאָרמאַלע, פֿאַרשטייט זיך - פֿאָרמירט צום בעסטן אַליין אויס זיין אינדיווידואַליטעט.

די עטלעכע אַלגעמיינע שטריכן פֿון קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגיק זענען דאָ געבראַכט געוואָרן כדי צו דערמאָנען, אַז קאָרטשאַק האָט זיך אינטערעסירט נישט בלויז מיטן קינד פֿון קאָלעקטיוו. ער האָט אין זיינע פּעדאַגאָגישע שריפֿטן באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פֿון דערציאונג אין פֿאַרשידענע אַספּעקטן און באַדינגונגען. ער איז אויך נישט געווען קיין אָנהענגער פֿון קאָלעקטיווער דערציאונג. קיין שום אינסטיטוציע קאָן נישט, לויט זיין מיינונג, פֿאַרטרעטן די היים, די עלטערן. ווען ס׳איז אָבער נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, מוז מען אין אַ קינדער־אַנשטאַלט שאַפֿן אַזאַ אַטמאָספֿער און אַזעלכע באַדינגונגען אין וועלכע דאָס קינד זאָל זיך לכל הפּחות נישט פֿילן אין ער פֿרעמד, נאָר ביי זיך.

ווי אַזוי אָבער זיך פֿילן ביי זיך אין אַ יתומים־הויז?

אין דעם יתומים־הויז אויף קראָכמאַלנע 92 איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן באַלד פֿון אָנהייב אָן אָנפֿירונג פֿון קינדער, וואָס האָט זיך אַלע מאָל מער פּערפֿעקציאָנירט. דאָס איז געווען אַ ראַט, אַ מין קינדער־פּאַרלאַמענט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 22 אויסגעוויילטע ייִנגלעך און מיידלעך פֿון פֿאַרשידענעם עלטער. דער קינדער־ראַט האָט צוזאַמען מיט דערוואַקסענע דערציער, בראש מיט קאָרטשאַקן און דער איבערגעבענער פּעדאַגאָגין סטעפֿאַניאַ ווילטשינסקאַ, וועלכע איז אַלע יאָרן געווען דירעקטאָרן פֿון יתומים־הויז, באַהאַנדלט אַלע ענינים פֿון דער געמיינזאַמער היים און נישט חס וחלילה אָפּגעקומען מיט רעדן - ווי ס׳געשעט ביי דערוואַקסענע - נאָר אויסגעפֿילט פֿונקציעס, געווירקט און געוואַכט, אַז אַלע אַנדערע זאָלן אויספֿילן זייערע אויפֿגאַבן. מ׳קאָן זאָגן, אַז אין אַלע אַרבעטן פֿון יתומים־הויז האָבן זיך באַטייליקט די קינדער. זיי האָבן געהאָלפֿן אין דער קיך, אין שניידער־וואַרשטאַט, אין אויפֿהאַלטן די אָרדענונג, די ריינקייט. די עלטערע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט די ייִנגערע, די בעסערע שילער האָבן געהאָלפֿן די שוואַכערע ביים צוגרייטן די לעקציעס, די געניטערע זענען געווען סאַניטאַרן, ביבליאָטעקאַרן.

קאָרטשאַק האָט אויך געוווּסט, אַז קינדער זענען פּונקט ווי דערוואַקסענע, ווייט נישט קיין מלאכים. איז וואָס טוט מען ווען עמעצער וויל נישט אויספֿילן וואָס עס געהערט צו אים, אָדער טוט בפֿירוש קאַפּויער? און וואָס טוט מען ווען איינער דעם אַנדערן טוט אַן עוולה? פֿאַראַן דאָך קינדער, ווי דערוואַקסענע, וואָס האָבן גערן צו דערגיין יענעם די יאָרן, בפֿרט ווען אַזאַ באַשעפֿעניש ווייסט, אַז קיין האַרבע שטראָף וועט ער דערפֿאַר נישט באַקומען?

די הויפּט־ראָל אין אַזעלכע פֿאַלן האָט געשפּילט די עפֿנטלעכע מיינונג - דער קאָלעקטיוו. דער גאַנצער קאָלעקטיוו ווי אַזעלכער האָט געוואַכט, אַז זיינס אַ גליד זאָל נישט געשטרויכלט ווערן, ווייל פֿון שלעכטע טאַטן פֿון איינעם, פֿון עטלעכע, וועלן אַלע ליידן, שוין אָפּגערעדט דערפֿון וואָס אַזאַ אינדיווידואום דאַרף מען כּלל היילן פֿון אַזאַ חולאת לטובת אים גופא. צו זיין פֿאַרטיידיקונג האָט דער קינדער־קאָלעקטיוו געהאַט

די וואַנט-צייטונג, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס גאַנצע לעבן אין דער קאָלעקטיווער היים, און דאָס שטאַרקסטע פּאַרטייידיקונגס-מיטל איז געווען דאָס קינדער-געריכט.

ווען אַ מענטש האָט געהערט פון דער ווייטנס וועגן אָנטייל פון די קינדער אין דער אָנפירונג און וועגן די אויסגעפירטע דורך זיי פונקציעס, האָט זיך געקאָנט באַקומען ביי אים אַן איינדרוק, אַז ס'איז זייער קאָמפּליצירט - אָדער די קינדער ווערן צו פיל באַלאַסטעט, אָדער זיי פילן שלעכט אויס זייערע פונקציעס, מען טוט עס פּטור צו ווערן פון דער לאַסט. יענע אָבער, וואָס האָבן דאָס געזען פון דער נאָענט, באַקאַנט געווען מיטן גאַנצן "מעכאַניזם", ווייסן וואָס פאַראַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג און זויבערקייט ס'האָט געהערשט אין יתומים-הויז.

קאָרטשאַק האָט דורך זיין אויטאָריטעט, מיט זיין כישופדיקער פּערזענלעכקייט, קלוגשאַפט און גוטסקייט אָנגעשטעקט די קינדער. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון קינדער-הויז האָט געקלאַפּט ווי אַ גוט רעגולירטער זייגער. געוואַכט איבער דעם דירעקט האָט סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ, די זעלטענע פרוי, וואָס האָט ווי אַ יונג מיידל, גלייך נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט, פאַרלאָזט די רייכע היים פון אירע עלטערן, כדי זיך אָפּצוגעבן דעם אָרעמען, פאַריתומטן קינד, פריער אין פינדל-הויז אויף פראַנטשיסקאַנער גאַס, דערנאָך, ווען די גרופּע קינדער איז איבערגעפירט געוואָרן אויף קראָכמאַלנע 92, האָט זי דאָרט געטראָגן דעם גאַנצן עול פון דער ווירטשאַפט, געווען אַ געטרייע מאַמע צו די יתומים און באַגלייט זיי, ווי קאָרטשאַק, און זייער לעצטן וועג.

* * *

דאָס קינדער-הויז אויף קראָכמאַלנע איז געווען אַ גרויסער עקספּערימענט אין דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. פאַראַן אַספּעקטן, וואָס זענען נאָך היינט ווייניק באַלויכטן, אָדער גאָר אומבאַקאַנט. אַזוי צום ביישפּיל האָט קאָרטשאַק אויסגעפונען, אַז אַ קינד, פּונקט ווי אַ דערוואַקסענער, מוז צייטנווייז בלייבן מיט זיך אַליין. פאַרן קינד פון אַ קאָלעקטיוו איז דאָס אַ סך דרינגענדיקער ווי פאַרן קינד, וואָס לעבט אין זיין באַגרענעצטער משפחה, בפרט פאַר אַ קינד מיט אַ באַזונדערן כאַראַקטער. און קאָרטשאַק האָט דאָך קיין מאָל נישט באַטראַכט קינדער, ווי אַ מחנה, וואָס איז אויסגעגאָסן פון איין גוס, און אויסגעסקולפּטירט פון איין מאַטעריע. ובכן, נישט יעדעס קינד קאָן זיך שטענדיק אָפּגעפונען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע, פאַראַן אַ באַדערפעניש זיך צו פאַררוקן אין אַ ווינקל. קאָרטשאַק האָט צוליב דעם געשאַפן אין יתומים-הויז אַ "צימער פון שווייגן", ווו יעדעס קינד האָט געקאָנט פאַרברענגען שווייגנדיק, אין אייגענע טראַכטענישן אַזוי לאַנג, ווי עס האָט באַגערט. און עס זענען געווען נישט ווייניק בעלנים.

קאָרטשאַק האָט אויך געהאַלטן, אַז אַ קינד, וואָס קומט פון אַ רעליגיעזער סביבה, דאַרף האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן לויט זיין שטייגער. אויב אַזאַ קינד מוז דערדריקן אין זיך די רעליגיעזע געפילן, וואָס ס'האָט מיטגעבראַכט פון דער פריערדיקער היים, קאָן זיך דאָס גוט נישט אויסווירקן, און סתם אויב אַ קינד האָט אַזאַ נייגונג צוליב וואָסערע עס זאָלן נישט זיין סיבות, דאַרף מען די נייגונג רעספּעקטירן. קאָרטשאַק גופא איז ווייט נישט געווען קיין פרומער, אָבער יעדעס קינד, וואָס האָט געהאַט די געוווינהייט תפילה צו טאָן, אָדער סתם חשק געהאַט דערצו, האָט עס געהאַט אַלע מעגלעכקייטן. ס'איז געווען אַ ספּעציעלער צימער צו דעם ציל, אַ מין מקום-קודש. קיינער האָט קיינעמען אין דעם פאַל נישט געטאָרט צורעדן אָדער אָפּרעדן. בלויז דאָס

קינד האָט דעצידירט. די גרעסטע זינד איז אָבער געווען, ווען אַ קינד איז געקומען אין מקום־קודש און פאַרהאַלטן זיך נישט ווי ס'באַדאַרף צו זיין אין אַזאַ אָרט.

דאָס נעמען אין באַטראַכט דעם קינדס גייסטיקע באַדערפענישן, דאָס זוכן מעגלעכקייטן פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון זיין אינדיווידואַליטעט איז געקומען צום אויסדרוק אויף די פאַרשידנסטע אופנים. קאָרטשאַק האָט געשאַפן די ערשטע צייטונג פאַר קינדער און אָנגעפירט פון קינדער. די וואָכן־צייטונג "מאַלי פשעגלאָנד" (קליינער איבערזיכט") איז געווען דער ערשטער עקספערימענט פון אַזאַ הילפס־מיטל פאַר נייער דערציאונג. חוץ דעם הויפּט־רעדאַקטאָר, דעם באַקאַנטן פּוילישן שרייבער און גרויסן יידן־פריינד איגאָר נעווערלי, וועלכער איז צו יענער צייט געווען קאָרטשאַקס סעקרעטאַר, איז די רעדאַקציע באַשטאַנען אויסשליסלעך פון קינדער. און יעדעס קינד - נישט נאָר פון קינדער־הויז - האָט געקאָנט דאָרט אָפּדרוקן אַן אַרטיקל, אַ ליד אָדער אַן אַנדער שאַפונג.

* * *

קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגישער סיסטעם, וואָס ער האָט אָנגעווענדט אין קינדער־הויז אויף קראָכמאַלנע 92, האָט באַלייגט דעם שווערסטן עקזאַמען אין די פינצטערע געטאָ־יאָרן. דאָס הויז איז בעתן ערשטן היטלעריסטישן איבערפאַל אויף וואַרשע באַשעדיקט געוואָרן דורך באָמבע־שפּליטערן, וואָס האָבן אַרויסגערופן שריפות. דערנאָך איז עס באַפלן געוואָרן פון היימישע וואַנדאַלן. קאָרטשאַק און ווילטשינסקאַ זענען בייגעקומען די אַלע ערשטע נסיונות נישט נאָר אַ דאַנק זייער אייגענער מסירת־נפשדיקייט, נאָר אויך מיט דער הילף פון דער גאַנצער קינדער־מחנה, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ מוסטערהאַפטע רייפקייט.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, נאָך דעם ווי קאָרטשאַק צוזאַמען מיט די קינדער האָבן מיט איבערמענטשלעכע כוחות דאָס הויז צוריק געבראַכט אין אָרדענונג, אָפּגערוקט דעם הונגער, וואָס האָט זיי גלייך נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה באַדראָט, ווי מ'האָט געמוזט עס פאַרלאָזן. קראָכמאַלנע גאַס איז געבליבן אויסער די גרענעצן פון געטאָ. און ווידער האָט דער פּערסאָנאַל צוזאַמען מיט די קינדער אויסגעהאַלטן אַ שווערן עקזאַמען, איינאָרדענענדיק דאָס יתומים־הויז אין אַ לאָקאַל אויף כלאָדנע גאַס. אגב איז קאָרטשאַק ביים איבערפירן דאָס קינדער־הויז אין געטאָ אַרעסטירט געוואָרן, ווייל ער האָט אָפּגעזאָגט אָנצוטאָן דעם שאַנד־צייכן אויפן אָרעם און דערנאָך אָפּגעזעסן אַ שטיקל צייט אין טרויעריק באַרימטן "פּאַוויאַק". אָבער אויך פון נייעם מקום מקלט איז דאָס יתומים־הויז אין גיכן פאַרטריבן געוואָרן, ווייל כלאָדנע גאַס איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון געטאָ. קאָרטשאַק מיט די קינדער האָבן דעמאָלט באַוויזן ווונדער שבווונדער צו אָרגאַניזירן אויף ס'ניי די קינדער־רעפּובליק אין אַ ענגן, נישט צוגעפּאַסטן לאָקאַל אויף שענגע גאַס. און די קינדער־רעפּובליק האָט ניש קוקנדיק אויף אַלע אומגליקן, פונקציאָנירט ווי אין די גוטע צייטן. אין יענע גיהנומדיקע באַדינגונגען האָט אַלץ געקלאַפּט ווי אַ מאָל: עס האָבן ביזן לעצטן טאָג עקזיסטירט די קינדער־פאַרוואַלטונג, דאָס קינדער־געריכט, די וואַנט־צייטונג, אַרטיסטישע קרייזן, ס'זענען פאָרגעקומען פאָרשטעלונגען פון די קינדער. די קינדער זענען אָנגעגאַנגען מיט אַלע זייערע באַשעפטיקונגען, זיי האָבן געאַרבעט און געלערנט, אויך העברעאיש און יידיש און, ווי ס'האָבן מיר איבערגעגעבן עדות, איז די אָרדענונג, די זויבערקייט, וואָס די קינדער אַליין האָבן אָפּגעהיט, דער פלייס צו דער אַרבעט נישט געמינערט געוואָרן.

אָט ווי עס האָט באַשריגן אין 1948 דאָס קינדער־הויז אַ געוועזענע דערציערן, אירענע כמיעלעווסקאַ, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט קאָרטשאַקן אויך אין געטאָ און אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט גלייך נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבערגעטראָגן מיט די קינדער אויף שעננע גאַס:

"אַ צוזאַמענדרענגעניש, אַ שרעקלעכע ענגשאַפט און גלייכצייטיק אַן אָרדענונג, וואָס איז זיך קוים פאָרצושטעלן אין אַזעלכע באַדינגונגען. אַלץ איז אייגגעשטעלט, אַלץ איז זויבער, יעדע זאַך שטייט אויף איר אָרט. די ווענט זענען אַרומגעשטעלט, מ'קאָן זיי שוין מער נישט אויסנוצן, האָט מען געפונען אַנדערע ערטער אויסצוהענגען אַפישן און טאָוולען. אויף די שענק און אַנדערע מעבל זענען אויך געווען צוגעשפיליעט שטיקלעך פּאַפּיר אויף וועלכע מ'האָט געקאָנט לייענען, אַז אַ קינד דריקט אויס אַ דאַנק אַן אַנדער קינד פאַר אַזאַ אָדער אַנדער טובה, דאָ ווידער איז אַ קינדערשע אויפשריפט, וואָס בעט אַנטשולדיקונג ביי אַ חבר פאַר אַ נישט גוטע האַנדלונג לגבי אים... אויסגעקלעפּטע דיאַגראַמען, דער קאָדעסט פון טריבונאַל, פון דאַנען קוקט אַראָפּ די וואַנט־צייטונג, ערגעץ אַנדערש וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס אויפגעהאָנגענע קעסטל, ווו מ'קאָן אַריינוואַרפן אויפגעשריבענע פראַגן און אַזוי כסדר... ביי דער זייט פון טיש זיצט אַן עלטערער, אויסגעמאַטערטער מענטש. ער איז אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישער, צעקנייטשטער קאַפּאָטע. אויפן קאָפּ אָן האָר איז אַ יידיש היטל, זיינע אויגן גליען מיט נישט קיין געוויינלעכן אומעט... פלוצלינג פאַלן אַריין צו אים אין צימער די יינגסטע. און שוין איז ער אויף די פיס. ער גייט מיט די קינדער פון איין צימער אין צווייטן. איין קינד נעמט אים אָן פאַר דער האַנט, אַ צווייטס האַלט זיך אָן אין זיין קאַפּאָטע, אַן אַנדערס טוליעט זיך צו אים. מיט אים, לעבן אים פאַרשווינדט ביי זיי יעדער סימן פון אומזיכערקייט, פון פאַרדאַכט. די קינדערישע זאָרגלאָזיקייט שיינט אַראָפּ פון זייערע פּנימער, דער קינדערישער געפּילדער איז פול מיט צוטרוי... אויף אַ פענצטער שטייט אַ פלאַנץ אין אַן ערדענעם טעפּל, צוויי צווייגלעך זענען איבערגעבראָכן. די הענט פונעם דאָקטער באַנדאַזשירן זיי מיט געניטשאַפט. זיין מויל הייבט אָן שעפּטשען, ער קלערט אויף דעם קליינוואַרג די מיסטעריע פון זיין אַרבעט, די קינדער קוקן זיך צו מיט נייגיר און אויפמערקזאַמקייט..."

קאָרטשאַקס פּעדאַגאָגישער סיסטעם איז דורכגעגאַנגען און אויסגעהאַלטן די שווערסטע פייער־פּרוון. אין דער היינטיקער צעטרייסלטער און וואַנזיניקער צייט, ווען פון אַ סך שיינע אידעאַלן צו ענדערן די וועלט אויף בעסער איז געוואָרן אַש און בלאָטע, האָט קאָרטשאַקס געדאַנק צו ענדערן פון דער פריער דערציאונג דעם מענטש גופא גאָרנישט נישט פאַרלוירן פון זיין גילטיקייט.

(געקירצט)

---

מחברים ווערן געבעטן נישט צו שיקן שוין געדרוקטע מאַטעריאַלן. כתב־ידן דאַרפן זיין געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשינקע (אויב מעגלעך). שיקט בלויז די ערשטע קאָפּיע, נישט קיין "זיראַקס".

אַ דאַנק.

**חנן קיעל** / ניו־יאָרק

## יאַנוש קאָרטשאַקס תפילה

אַ תפילה פאַרן קינד
אין ערשטן פּלי:
באַשער אים ליכטיקע אויגן,
שטאַרקע הענט פאַר ערלעכער מי,
נס פון זון און ברויט
אַ ביסל מילך אין מאָרגן־רויט.

באַשיך זיינע טריט
אין זומפּיקן דרויסן:
אין אַליינקייט פאַרווירט

ער זאָל מיך ניט האַסן,
נישט פאַרשטויסן

דערפאַר
וואָס כ׳האָב געלערנט אים
ליב האָבן דיין וועלט,
וואָס איז חרוב־קראַנק
אין פאַר יעדן נייעם טאָג
נאָך זאָגן אַ שיינעם דאַנק.

## יזכור

יזכור אלוהים, אונדזער שטראַלנדיקע עדה
אין וואַגאָנען געפירט צו דער עקדה;

יזכור אלוהים, די ברענענדיקע שיל,
גאַסן חרובע אין רויכן איינגעהילט;

יזכור אלוהים, די חדר־יינגלעך צאַרטע,
חלומעלעך וואָס זינקען אין דער וואַרטע;

יזכור אלוהים, ווען ס׳האָט די נאַכט
געטרינקען,
מיין מאַמעס טרערן אין גרויליקן
טרעבלינקע;

יזכור אלוהים דעם מאַרטירער הויף,
מיין טאַטע אין צעשראָקענעם אַנטלויף;

יזכור אלוהים - מיינע ברידער, וויי און
ווינד,
יאושדיק זיי לויפן ראַטעווען אַ קינד;

יזכור אלוהים - די יונגע געטאָ־העלדן,
פאַרטיזאַנער, פאַראַטן אין די וועלדער;

יזכור אלוהים די ערד זאָל נישט
פאַרהוילן
דאָס אָנגעגליטע אַש פון יידנטום אין
פוילן.

## אין דיין זכרון

מיט אויגן פאַרמאַכטע, אַז דו דערקענסט
מיך
אין יונגן געלעבטער, אין האַרבסטיקע
ווייען,
בין איך לעבן, זיינען מיר פאַרוועבט אין
צווייען.

ווען אין זכרון הערסט נאָך מיינע שטילע
טריט,
דעם גליאיקן טרויער פון מיין לידער־לשון,

אַפילו אויף יענער זייט באַרג־אַראָפּ
בין איך נישט פאַרלאָשן.

ווען אויף דיינע גורלדיקע שטראָזן
פאַרלירסט מיך פון דיינע אויגן מידע,
אַפילו זיי זיינען נישט פאַרמאַכט
איז מיין ליד אַ בלעטל אין ווינט
און איך בין דיין נאַכט.

## די פידל שפּילט פאַרן ווינט

די סומנע לידער פון בלינדן בעטלער
פירן מיך אַריבער דעם צויבער באַרג
פאַרגעסענעם
וואָס האָט זיך געטובלט אין אָוונטיקן
דעמער;
אַ טייך איז געפלאָסן דורך שפּאַלערן פון
ביימער
און אַוועקגעטראָגן די פייגל־לידער אין
בלויען פאַרשווינד,
די פאַראָבלטע פידל שפּילט פאַרן ווינט.

אויף רוזוועלט־גאַס, אין הייסן געדרענג
מיר פלאַטערן אַוועק צום נעכטיקן
ראַנד
פון הייזער פאַרזונקענע אין טויאיקע
גראָזן,
סוד־געפּילסטער פון שעמעוודיקע
מימאָזן;

אין צעבלימלטן פעלד גייט אויף אַ
געזשום
פון ווילדע האָניק־בינען:
ווו זיינען די פייגל־לידער
פאַריתומטע אַנטרינען?

## נסימדיקע רגעס

פאַרוואָס זאָל איך ציילן מיינע אָפּגענוצטע
יאָרן
אַז יעדער טאָג שאַריעט מיט
ערשט־געבוירענע נסיונות,
יונג־טויאיקע חופּות אין זומער־פּאַרק
צעפּלוישטן,
פייגל־געטריל אין מיין פענצטער, אַ מזל
טוב צום אויפשטיין.

איך בין אַליין דער היטער און געביטער פון
שטויבעלע עגאָ,
דאָס דין־האָריק שפּאַרעלע פאַר נסימדיקע

רגעס
וואָס צינדן אָן די בליץ־לעמפּלעך
פון מיינע מעת־לעתן;
ציילן פון יאָר די סך־הכלען איז מיר
שוין דערעסן.

וועל איך יעדן אין דער פרי אָנהייבן
מיט אַ מודה אני,
און ווי מיין קלוגער זיידעשי זיך
צוגעוויינען
פאַרן שלאָפן גיין פליסטערן אַ
נייעם קרישמע־לייענען.

---

## "לאָמיר לערנען יידיש"

### אַ ניי לערנבוך דערשינען אין דער רינה קאָסטאַ יידיש קאַטעדרע אין בר־אילן

עס איז דערשינען אַ לאַנג דערוואַרט לערנבוך פאַר יידיש פון ר ב ק ה ר י י ך, לעקטאָרין אין דער רינה קאָסטאַ יידיש־קאַטעדרע ביים בר־אילן אוניווערסיטעט.
אין "לאָמיר לערנען יידיש" - וואָס איז אַ לערנבוך פאַר אָנהייבער, שטעלט פאָר רבקה רייך אַ שיטה ווי צו לערנען יידיש תלמידים וואָס עברית איז זייער מוטערשפּראַך.

דאָס איז אַ בוך וואָס וועט געוויס אַרויסהעלפן דעם לערער אין זיין טאָגטעגלעכער אַרבעט און איז וואַרעמלעך רעקאָמענדירט. אַנטהאַלט אַ גלאָסאַר ווי אויך רשימות פאַרן ריכטיקן געברויך פון ווערבן. ארויסגעגעבן דורכן פארלאג "ישראל־בוך".

ישראל גובקין

## טענדענצן אין דער איצטיקער ישראלדיקער ליטעראַטור

סע ליגט פאַר מיר דער סעפּט־אָקט., 1992, נומער פון "מאזנים" (וואָגשאָל), וואָס איז די וויכטיקסטע העברעישע שריפט אַרויסגעגעבן דורכן פאַראיין פון העברעישע שרייבערס אין ישראל, און איז דער בעסטער שפּיגל פון די אָרטיקע ליטעראַרישע טענדענצן.

דער זשורנאַל איז אָנגעפּיקעוועט מיט כל־טוב: פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, קריטיק, אַ ביסל חכמת־היהדות, און אָפּהאַנדלונגען איבער דער יידישקייט פון דער מאָדערנער ישראלדיקער ליטעראַטור.

די דערציילונגען זיינען אין פראַנץ קאַפקאַס זשאַנר. איין ספור, למשל, "רגל של יונה" - אַ פוס פון אַ טויב - איז וועגן אַ פרוי וואָס זוכט שטענדיקע אויפמערקזאַמקייט און ליבע. זי האָט אַ מאַן, אַ מיטגליד פון דער כנסת, און צוויי דערוואַקסענע טעכטער, אָבער איר משפחה - ווי זי פילט - האָט ווייניק צייט פאַר איר, און זעטיקט ניט איר עמאָציאָנעלן דורשט; זי פילט זיך איינזאַם, פאַרלאָזן און אומגליקלעך.

זי איז מקנא די טויבן אין דער שכנותדיקער פּלאַזאַ, וואָס אַ פּנים - לאָזער מאַן האַלט זיי תמיד אין קעכלען, שפּייזן מיט פאַרעלטערטע, פאַרכישופטע קריזשקעס ברויט, און קושט זיך מיט זיי אין די פּיסקעס. אויף איר פאַרלאַנג ווערט זי, מיט דער הילף פון טויבן־שפּייזער, בהדרגה פאַרוואַנדלט אין אַ טויב, כאָטש אַלע אַרומיקע זעען דאָס ניט; אפילו איר אייגענער מאַן באַמערקט ניט, אַז ער ליבט ניט קיין פרוי נאָר - אַ טויב...

לסוף באַשליסט זי זיך צו לאָזן פליען אין הויכן הימלשן רוים, ווי אַלע טויבן; זיך אומקערן צום פּנים־לאָזן מאַן, און ווערן געקושט און געשפּייזט דורך אים. זי דראַפּעט זיך אַרויף אויף אַ הויכן בנין, צעלאָזט אירע פליגל־הענט, לאָזט זיך פליען, און פאַלט ארונטער אויפן ברוק, אַ צעבלוטיקטע, אַ טויטע.

איר אומעט און בענקעניש זיינען געענדיקט.

---

פיניע פּלאָטקין

## אויף קבר־אבות

און ס׳שטייט לעבן קבר אַ פּשוטער יידישער דיכטער
דאָרט, וווּ ס׳איז זיין שטעטל פאַרגראָבן געוואָרן, פאַרניכטעט,
ער שטייט אויף דעם שטחל ערד, וווּ עס זיינען די ווונדן נאָך קענטיק,
וווּ זעלטן אַ פויגל, אָן מורא, דאָס לעבן פאַרענדיקט.
און וווּ ס׳איז ניט ליכטיק, ניט פינצטער - ניט קאַלט און ניט וואַרעם,
וווּ ס׳גייט ניט פונאַנדער ניט זומער, ניט ווינטער די כמאַרע.
און ס׳זעען די אויגן דעם דיכטערס געניוג דורך דעם האַרבסטיקן נעפּל
ווי טיף אין דער ערד איז פאַרגראָבן געוואָרן זיין שטעטל,
ווי ס׳בייגט זיך אַ טאָפּאָל און ווייט פון די טויטע באַהאַלט זיך,
ווען אָפּט מאָל, באַנאַכט, פון אַ מבול, דער הימל צעשפּאַלט זיך.

די מעשה דערמאָנט פראַנץ קאַפקאַס "מעטאַמאָרפאָז", ווו אַ יונגערמאַן כאַפּט זיך אויף פון שלאָף איבערגעאַנדערשט אין אַ שרץ. דער אונטערשייד: דער יונגערמאַן ווערט געענדערט קעגן זיין ווילן, פאַרשטייט זיין אומגליקלעכן מצב, און אַלע זעען דעם טראַגישן שינוי; די פרוי אין "כנף יונה" בייט זיך אויף איר אייגענעם באַגער, און קיינער באַמערקט עס ניט. ביידע מעשיות ענדיקן זיך טראַגיש - מיט טויט.
אין דעם סטיל און גייסט זיינען אויך די אַנדערע לענגערע צוויי דערציילונגען - קאַפקאַיש און ניט־דאַיק.

* * *

דער זשורנאַל איז רייך אַרויסגעגעבן, באַפּוצט מיט אולטראַ־מאָדערניסטישע בילדער און אילוסטראַציעס, צופיל עראָטישע נאַקעטקייט. כ'בין זיך משער, אַז זיי וואָלטן ניט געדרוקט געוואָרן אין היגן העברעישן "הדואר" און ניט אין קיינעם פון די יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן. די פּראָזע בכלל לייענט זיך גוט, אָבער ניט די מערסטע לידער, וואָס זיינען שווער, "אינטעלעקטועל", מע דאַרף זיך "ברעכן דעם קאָפּ" צו באַגרייפן וואָס דער דיכטער איז אויסן. ניט תמיד קען מען זיין זיכער, אַז מע האָט געטראָפן, און צי דעם דיכטער אַליין איז קלאָר זיין שאַפונג...
דאָס דערמאָנט דעם אַנעקדאָט וועגן אַן "אַבסטראַקטן" פּאָעט, וואָס האָט געענטפערט זיינע קאָלעגן אין קאַפע "ראָיאַל", ניו־יאָרק, אַז ער אַליין וואַרט אויף ש. ניגערס אַרטיקל און זונטיקדיקן "טאָג" צו דערקלערן אים גופא וואָס ער האָט געמיינט...
אָבער דאָ קומען מיר צום עיקר. ס'איז ביי אונדז אַן אָנגענומענער אַקסיאָם, אַז אונדזערע ביידע ליטעראַטורן - אויף יידיש און עברית - זיינען "איין ליטעראַטור אויף צוויי שפראַכן". אין ליכט פון די לעצטער טענדענצן אין דער ישראלדיקער העברעישער ליטעראַטור, מוז דער אַקסיאָם ליידער רעווידירט ווערן. די דאָרטיקע ליטעראַטור דערווייטערט זיך אַלץ מער פון דער יידישער אין טעמאַטיק, אידעאיש און אויך אין פאָרם. זי ווערט שטאַרק ענלעך צו די ניט־יידישע ליטעראַטורן פון גאָר דער וועלט, איבערהויפּט פון אייראָפּע. זי ווערט עקסטרעם־סעקולאַריסטיש, פאַרגויישט, און בלייבט יידיש נאָר אין אות, אין שפּראַך, וואָס ווערט אויך שטאַרק מושפע פון אויסלענדישע לשונות, און ווערט צוליב דעם צומאָל אויך שווער אַפילו פאַר העברעיש־קענענדיקע.
נאָכמער, דער שינוי לרעה און אָפּפרעמדונג ווערן אין דעם "מאזנים" פאָרמולירט און באַרעכטיקט דורך אהרון אמיר אין זיין עסיי "נורמה יהודית לספרות העברית" - אַ יידישער נאָרם פאַר דער העברעישער ליטעראַטור. ער באַגריסט דעם אַריינדרינג פון קריסטלעכע אַראַבער און דרוזן אין דער ישראלדיקער העברעישער ליטעראַטור, כאָטש זיי האָבן אין זייער הינטערגרונט קיין שייכות ניט צו יידישער ליטעראַרישער היסטאָרישקייט, פאָלקלאָר און פאָלקסטימלעכקייט. די שלשלת הזהב - די גאָלדענע קייט פון יידישן דורותדיקן שאַפן - ווערט דורך דעם איבערגעריסן. די טענדענץ ווערט פאַרשטאַרקט דורך די ישראלדיקע העברעישע דיכטער יהודה עמיחי, נתן זך, א.א. וואָס האָבן אין תוכן אַ קנאַפּע פאַרבינדונג מיט דער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע פון ח.נ. ביאַליק און גאַנץ ווייניק אַפילו מיטן "העלעניזירטן" שאול טשערניכאָווסקי, אָדער זלמן שניאור.
דער מרחק צווישן דער יידישער און ישראלדיקער ליטעראַטור ווערט אַלץ ברייטער

און טיפּער, און איז במילא גורם צו אַ מסוכנדיקער גייסטיקער אַסימילאַציע פון דער סעקולאַרער קולטור, צו וועלכער די מערסטע ישראלים גּעהערן.

דאָס האָט געפירט און פירט אויך אַצינד צו מחלוקתן מצד די עקסטרעמע סעקולאַריסטן ניט נאָר מיט די פּאָליטיש־רעליגיעזע גרופּירונגען, די אגודה, דגל־התורה, ש"ס, א.א., נאָר אויך מיט טראַדיציאָנעלע ישראלים, יידן וואָס זיינען געבליבן היימיש, ביי וועמען יידישע טראַדיציעס און דורך יאָרן פאַרהייליקטע מנהגים זיינען טייער.

די רייסערייען, מיט דער פאַרביטערונג וואָס זיי שאַפן, טוען ניט קיין טובה דער יידישער מדינה און פאַרשאַפן ניט קיין כבוד יידן בכלל.

* * *

סע ווילט זיך גלויבן, אַז ס'זיינען נאָך פאַראַן ביי אונדז די כוחות, און בעיקר דער רצון, צו באַנייען דעם אַקסיאָם פון "איין ליטעראַטור אויףביידע יידישע שפּראַכן" און אַז די טעמאַטיק און זשאַנר אין דער ישראלדיקער העברעישער ליטעראַטור זאָל ניט פאַרפרעמדט און פאַרגויאישט ווערן.

וואָס קען אונטער די איצטיקע שטימונגען און אומשטענדן געטאָן ווערן?

שטיצן און פאַרשטאַרקן אַלע יידיש־שאַפנדיקע כוחות און אינסטיטוציעס אין ישראל; אונטערנעמען אַ ברייטע איבערזעצונג אויף עברית פון געקליבענע און ווי ווייט־מעגלעך אינטערעסאַנטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר די ישראלדיקע לייענער, און אין ישראל לייענט מען אַ סך; אויף אַלע יידישע יישובים געזאָגט געוואָרן...

דאָס וועט הייבן דעם פּרעסטיזש פון יידיש בכלל, און וועט העלפן דערוווייטערן דעם עולם פון פרעמדע תרגומים, מיט וועלכע דער דאָרטיקער ביכער־מאַרק ווערט ממש פאַרפלייצט, ווי אויך פון לאָקאַל־געשאַפענע חיבורים, וואָס האָבן ניט קיין יידישן טעם.

סע דאַרף פאַרשטאַרקט ווען די טעטיקייט, אַז דער לימוד פון יידיש און יידישער ליטעראַטור זאָל איינגעפירט ווערן אין אַלע מיטלשולן און גימנאַזיעס, אַפילו אויב דאָס קען לעת־עתה געטאָן ווערן נאָר אויף אַ פּרייוויליקן באַזיס ווי אַן אויסוואַל־קעגנשטאַנד. דער לימוד איז שוין דאָרט איינגעפירט אין די מערסטע אוניווערסיטעטן און אין אַ צאָל שולן, אָבער דאָס איז ווייט ניט גענוג.

אַוודאי, דער וועג איז ניט קיין לייכטער, און וועט זיך זיכער אָנשטויסן אויף בודזשעטערע שוועריקייטן און אויך אויף קעגערשאַפט מצד געוויסע קרייזן, וווּ סע לעבט נאָך דער גייסט פון די אַמאָליקע פאַנאַטישע "מגיני השפה"ניקעס - שפּראַך־פאַרטיידיקער, ווי סע האָט זיך לעצטנס אַרויסגעוויזן ביי געוויסע געלעגנהייטן; אָבער אויף דעם קען אויך גילטן הערצלס באַרימטע מאָטאָ: "אם תרצו, אין זאת אגדה" - אויב איר ווילט, איז דאָס ניט קיין לעגענדע.

---

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב-שטאַטן פון אַמעריקע

צבי אייזנמאַן/ קיבוץ אַלונים

# דער קאַלענדאַר

ערב ראש השנה.

אויף איינעם פון די גאַס-געשטעלן, ווו מען האָט פאַרקויפט פאַרשיידענע ווינטשקאַרטן און קאַלענדאַרן פון אַלע סאָרטן, פון אַלע גרייסן, פון אַלע שאַטירונגען, האָט זיך אויך געפונען אַן אַלטמאָדישער קאַלענדאַר, אַזאַ צו וועלכען מיר זענען יאָרן אויף יאָרן געווינט געווען צו זען אין אונדזערע אַלטע היימען. אַזאַ וואָס האָט געהאַט פאַר יעדן טאָג אַ באַזונדער בלטעל און פאַרמאָגט, חוץ פון דער לויפנדיקער דאַטע אויך דאַטעס פון דער יידישער געשיכטע, פון דער וועלט-געשיכטע, שפּריכווערטער, פּסוקים און ציטאַטן פון שרייבער און פילאָזאָפן.

באַזונדערס האָבן זיינע בלעטער אָפּגעצייכנט און אונטערגעשטראָכן די דאַטעס פון גירוש ספרד, כמיעלניצקיס שחיטות, פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד און פון גאָר נאָענטן חורבן פון יידישע קהילות, וואָס די האַקנקרייץ-טרעגער האָבן איבערגעלאָזט אין די אייראָפּעישע לענדער.

איז אָט דער אַלטמאָדיש געקליידטער קאַלענדאַר, מיט זיין גאַנצן בלעטער-פאַרמעג געלעגן אויפן געשטעל און אַזוי פאַר זיך אַריינגעקלערט:

- ווו בין איך דאָ אין מיטן? עמעץ האָט אַ טעות געהאַט און מיך פאַרביטן. געמיינט מן הסתם דאָס יונגוואַרג און באַקומען אַן אַלטן תרח, נאָר ניט מסוכן. ניט מסוכן. דער, וואָס זוכט מיך, וועט סייווי מיך געפינען אינעם רוישיקן אָנוואָרף פון קאָלירן. אינעם מישמאַש פון בונטע געמעלן. אינעם געדראַנג פון קאַלענדאַרן און ווינטשקאַרטן, וואָס יעדער פון זיי וויל פאַר יעדן פרייז געפעלן.

און טאַקע - ביים סוף פון טאָג האָט מען אונדזער גוט-באַקאַנטן קאַלענדאַר געקויפט. געקויפט, אַהיימגעבראַכט און אים געשטעלט אויף אַ שרייבטיש. אַ שרייבטיש וואָס האָט געשמעקט מיט טראַדיציע און מיט סאָלידער איינגעפונדעוועטקייט.

די ערשטע, וואָס האָבן אים מקבל-פּנים געווען און אָפּגעמאָסטן (ווי מען זאָגט ביי לייטן) פון קאָפּ ביז די פיס, זענען געווען די ברילן. ברילן, וואָס מען נוצט צום שרייבן און צום לייענען. זייער קוק איז געווען סתמיק און עס איז שווער געווען אָפּצושאַצן וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף זיי געמאַכט דעם קאַלענדאַרס פּלוצעמדיק דערשיינען אויפן שרייבטיש.

ניט ווייט פון די ברילן האָט זיך געפונען די פעדער, אָבער די פעדער האָט זיך באַצייטנס און דיסקרעט אָפּגערוקט אין אַ זייט, כדי מען זאָל זי ניט חושד זיין, אַז זי מישט זיך אַריין אין דער העראַרכיע פון די, וואָס באַפעלקערן דעם שרייבטיש.

- ווי גיט מען צו פאַרשטיין - האָט זיך געמוחט דער קאַלענדאַר - דעם שטיילאָמפּ מיט דער יאַרמלקע אויפן שפּיץ קאָפּ, דעם שטויס פּאַפּירן און די זאָרגלאָז-צעוואָרפענע צעטלעך, דעם מעסער, וואָס איז באַגרענעצט נאָר צום אויפשניידן קאָנווערטן, דער פען, די ברילן און די ווערטערביכער, אַז ער וויל קיינעם ניט אַרויסשטויסן, אַז ער קאָנקורירט ניט מיט קיינעם, אַז ער באַנוגנט זיך מיט דעם אָרט וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן?

דער קאַלענדאַר האָט בחינם געזוכט אינעם אַרונטערגעבויגענעם קאָפּ פונעם

שטיילאַמפּ עפּעס אַן אויפבליץ, אַ ווונק פון פאַרשטענדעניש פּאַר אַ נייעם שכן, וואָס אַלץ אַרום אים איז אַזוי אַנדערש, אַזוי אומבאַקאַנט. זיין לאַמפּיש פּנים איז געווען פאַרחתמעט און קאַלט.

ביי די צעטעלך, פּאַפּיר־בויגנס און ווערטערביכער איז גלייך געווען צו דערקענען, אַז זיי האָבן אים ניט געוואָלט נעבן זיך, אַז זיי דאַרפן אים ניט און קאָנען זיך אָן אים באַגיין, זיי האָבן זיך אויפגעפּירט אַזוי, ווי זיי וואָלטן אים ניט באַמערקט.

עס האָט דעם קאַלענדאַר געאַרט זייער באַנעמונג. ס'האָט אים פאַרדראָסן די גרינגשעצונג. מען האָט געקענט מיינען פון מי יודע וואָס פאַראַ אַדלליט זיי שטאַמען. זיי וועלן דאָס אפשר פאַרלייקענען, אין דער אמתן אָבער, זענען זיי קרובים (יאָ, יאָ - קרובים!). אין סך הכל שטאַמען זיי פונעם זעלבן מקור. פונעם זעלבן מאַטעריאַל.

די צעטעלעך האָבן זיך ביי יעדער געלעגנהייט באַרימט, אַז זיי זענען פלינק און לייכט צום באַנוצן, אַז מען שרייבט אין זיי אַריין די שפּראָצן און אויפבליצן פון די ערשטע געדאַנקען, ערשטע פאָרמורלירונגען, וואָס אָן דעם קאָן מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן אַ גרויסע שריפטלעכע אַרבעט.

די ווערטערביכער ווידער האָבן זיך געגרויסט, אַז זיי שטעלן צו פאַר דעם, וואָס שרייבט די גרויסע אַרבעט, דעם פאַרטייטש און דעם מיין פון די שווערסטע באַגריפן.

די ווייסע, די נאָך ניט־באַשריבענע בויגנס פּאַפּיר האָבן געשוויגן. זיך געפּוילט אַריינצולאָזן אין אַ וויכוח ווער פון וועמען איז בעסער, איז וויכטיקער, איז גרעסער מיט זיינע אויפטועץ, מיט זיינע דערגרייכונגען. נאָך אַלעמען ווערן זיי, די פּאַפּיר־בויבנס, דער הויכפּונקט - אַלע מחשבות קאָנצענטרירן זיך, אַלע רעיונות קריסטאַליזירן זיך אויס אויף זייער גלאַטיקער אויבערפלאַך.

אויב מען גלייבט זיי ניט, קאָן מען אַ פרעג טאָן ביי דער פּען. די פּען איז דער באַגלויבסטער עדות

צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען אַ נייע אָנשיקעניש - דער קאַלענדאַר. ער וויל אַלעמען איבערצייגן, אַז ער איז דער באַשיידנסטער פון די באַשיידענע. אין דער אמתן האָט אויך ער זיך געשטופּט צום אויבן אָן.

וועמען וויל ער איינרעדן, אַז ער און נאָר ער באַשטימט דעם אומבייט פון טאָג אויף נאַכט און ער וואַכט, אַז דער זייגער זאָל פּינקטלעך אויסמעסטן די צייט?!

אויף אַזאַ ביטול האָט זיך דער קאַלענדאַר ניט געריכט. דאָס איז שוין אַריבער אַלע גרענעצן. זאָל מען אויף אים זאָגן וואָס מען וויל. דאָס אָבער ענדערט ניט דעם פאַקט, אַז קיינער פון די הויכגעשעצטע תושבים פונעם שרייבטיש, קאָן אים ניט פאַרטרעטן אין די אַלע זאַכן וואָס זענען שייך צום טאָג־טעגלעכן לעבן. ער, און ניט קיין אַנדערער, טוט דערמאָנען ווען עס פאַלט אויס אַ ראש השנה, אַ יום טוב, אַ חול המועד. ווען מען איז געלאַדן צו אַ חתונה, אַ ברית און להבדיל - ווען מען דאַרף גיין צום דענטיסט. ווען דער אינסטאַלאַטאָר דאַרף קומען.

ניט אַנדערש, נאָר די צעטעלעך, די פּאַפּירן זענען אים פּשוט מקנא, ווייל ווי נאָר די טיר פונעם קאַבינעט עפנט זיך אין די פרימאָרגן־שעהן, איז צום אַלעם ערשטן דערנענטערט מען זיך צו אים. זיי האָבן דאָס ניט געקאָנט אויסהאַלטן. געשפּרונגען ממש פון דער פּאַפּירענער הויט, געשאָרכט און געשושקעט זיך און מן הסתם אויסגערעדט אויף אים וואָס אין דער קאָרט שטייט.

זאָלן זיי - האָט דער קאַלענדאַר געטראַכט ביי זיך - זיין חשיבות וועט דערפון ניט געמינערט ווערן. יעדן טאָג האָט ער געשענקט און ער וועט ווייטער שענקען פון זיין בלעטערדיקן האָב־און־גוטס (בייזע צינגער זאָגן, אַז ניט ער "שענקט", נאָר מען רייסט פון אים אָפּ די בלעטלעך). ער קאַרגט ניט און וועט ניט קאַרגן. עס וועט סטייען. ער האָט זיי, די בלעטלעך, גענוג אויף אַ גאַנץ יאָר. ער איז טאָלעראַנטער, לאָיאַלער פון די אַלע גרויסהאַלטער. ווען ער זעט, אַז מען זעצט זיך צום טיש און מען פאַרצייכנט עפּעס אייליק אין די צעטעלעך - זאָל מען פאַרצייכענען. אים שטערט עס ניט. צי גאָר, ווען מען פילט אויס בויגנס נאָך בויגנס מיט אַזעלכע געקרייזלטע אותיות - פאַרגינט ער. דערויף זענען פאַראַן פּאַפּיר־בויגנס מען זאָל זיך מיט זיי נוצן. עס טרעפט אָבער אַז מען איז ניט אַזוי צופרידן מיטן געשריבענעם און מען צערייסט אַ בויגן - איז אים פּריקרע צו זען יענעמס דורכפאַל. אין אַזעלכע מאָמענטן ליגן די אַנדערע פּאַפּירן און די אַנדערע צעטעלעך ווי די לעמער און לאָזן ניט אַרויס קיין פּיפּס וואָס מען האָט זייערס אַ לייבלעכן ברודער אויף שטיקער צעריסן און אין פּאַפּירקויבער אַריינגעשמיסן.

דער טאָג פון ניינצנטן אַפּריל איז פאַרן קאַלענדאַר געווען גאָר אַ שווערער טאָג. ס'האָט אויף אים געדריקט דער זכרון. ער האָט זיך געוואָלט טיילן מיט עמעצן פון די שרייבטיש־באַוווינער מיט זיינע אַנונגען, מיט זיינע שפּירונגען, מיט זיינע האַרץ־ריסן, וואָס וועלן זיך שוין מן הסתם קיין מאָל ניט פאַרהיילן, כאָטש אויסערלעך זעט מען עס ניט אָן און די דאַטעס פון די שפּעטערדיקע געשעענישן פאַרדעקן כביכול יענעמס אייטערדיקן פלאַסט. ער האָט אויף קיינעם ניט געוואָלט אַרויפלייגן דעם לאַסט, אָבער אַזאַ חברה יונגוואַרג, ווי די צעטעלעך, האָבן געמעגט וויסן, אַז מען דאַרף אין אַזאַ טאָג, ווי דער ניינצנטער אַפּריל, זיך אויפפירן לייטישער - ניט רעשן אַזוי, ניט שטופּן איינער דעם אַנדערן און ניט אונטערשפּרינגען אין דער לופט.

זיי האָבן אים ניט געוואָלט הערן און אים געבעטן, דעם קאַלענדאַר, ער זאָל זיך ניט מישן, ניט שטערן זייער לעבן.

זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי געדענקען וואָס עס איז געשען אין יענעם ערב־פּסח, אין יענעם אַפּריל־טאָג אויף דער ווייטער ערד פון גלות. זיי האָבן אויך דאַטעס פון ניינצן זיבן־און־זעכציקסטן יאָר, פון דריי־און־זיבעציקסטן, פון צוויי־און־אַכציקסטן. מען קאָן אָבער דאָס לעבן ניט פאַרוואַנדלען אין איין לאַנגער קייט פון זיצן שבעה, פון רייסן קריעה.

דאָ, אַנומלט, האָט דער, וואָס האָט דעם קאַלענדאַר דאָ אַוועקגעשטעלט, צונויפגענומען אַ צאָל צעטעלעך, פאַרשריבענע פּאַפּיר־בויגנס, די פעדער, די רעזערוו־ברילן און איז אַוועקגעפאָרן. און אויס, און דווקא אים, דעם קאַלענדאַר, איבערגעלאָזט. עס זענען אויך געבליבן די ווערטערביכער, וואָס טוען דיר אַ טובה אַז זיי שענקען דיר אַ בליק, און דער שטיילאָמפּ, דער שווייגער, וואָס טוט זיך טייל מאָל אָנצינדן אָן אַ פאַרווען און אָן אַ פאַרוואָס און מען מוז זיך פאַר אים היטן ווי פאַר פייער.

עס האָט דעם קאַלענדאַר זייער געאַרט וואָס ער איז געבליבן שטעקן אויפן אויסגעליידיקטן טיש. ער איז דערפון קראַנק געוואָרן. פאַרלוירן די צייט־רעכענונג. זיין קאַלענדאַרישער גוף איז געשוואָלן געוואָרן פון ערגערניש און פון אַרויפגעצוווּנגענער בטלה.

עטלעכע אָפּגענוצטע פּאַפּיר־בויגנס האָבן זיך פון אים אָפּגערוקט, ווי מורא געהאַט זיך אָנצושטעקן.

דאַקעגן, דער שטייל־אָמפּ, האָט זיך אומדערוואַרט געענדערט צום גוטן - געוואָרן צוגעלאָזענער, וואַרעמער. געטאַפּט ביים קאַלענדאַר דעם דופק, ווי ניט איז געטרייסט און פון צייט צו צייט אים איינגעגעבן אַ פונק פון האָפענונג. דאָס געשווילעכץ איז אָבער ניט אַפּגעטראָטן. פאַרקערט - זיך נאָך פאַרמערט און דעם, וועלכער איז אַוועקגעפאָרן, האָט מען אַלץ ניט געזען און ער, דער קאַלענדאַר, האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די אַלע דאַטעס, טעג און חדשים וואָס האָבן אין אים געבושעוועט, וואָס האָבן אים צעריסן די געדערים און אָן עמעצנס הילף האָט ער זיך ניט געקאָנט פון זיי באַפרייען.

ערשט פאַר דעם אָנקום פון אַ נייעם יאָר האָט דער קאַלענדאַר דערהערט טריט. באַקענטע טריט. סוף כל סוף זיך דערוואַרט!

דעם קאַלענדאַרס פּאַפּירן האַרץ האָט אויפגעכוואַליעט. ער האָט שוין אויסגעקוקט אויף דער מינוט צו דערפילן יענעמס פינגער אויף זיין אויסגעבענקטן, אויסגעקרענקטן קערפּער.

דער צוריקגעקומענער האָט טאַקע גענומען דעם קאַלענדאַר אין האַנט און אָנשטאָט אים אַ גלעט טאָן, אַ רעד טאָן, זיך פאַרענטפערן וואָס אַזוי לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן - אָנשטאָט דעם, האָט זיך דער קאַלענדאַר געפונען אין קויבער און אויף זיין אָרט, אויפן שרייבטיש, האָט דער צוריקגעקומענער אַוועקגעשטעלט אַ נייעם קאַלענדאַר.

דער נייער קאַלענדאַר ווייסט ניט און וועט ניט וויסן, אַז דער, וואָס ליגט אים צופוסנס, אין קויבער - איז געווען אַ שוטה, אַ גלויבער וואָס האָט געדינט מיט לייב און לעבן, וואָס האָט געריסן פון זיך פּאַסן פאַר יענעם און געהאָפט, אַז מען וועט אָפּשאַצן און אים לאָזן געלאַסן, געלאַסן, טאָג נאָך טאָג צוקומען צום סוף פון די טעג און ניט אויסגענוצט, ניט באַפרידיקט, ניט אויסגעלעבט געפינען זיך אויפן דנאָ פון קויבער און דער קויבער איז זיין באַגרעב.

עס האָבן אים ניט געהאָלפן די ציטאַטן פון שרייבער און פילאָזאָפן. עס זענען אים ניט בייגעשטאַנען די פסוקים פון דער הייליקער תורה און ניט דער שאַרפזין פון די שפּריכווערטער - פאַר אים איז דער פּאַפּיר־קויבער דער סוף פון אַלע סופן.


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

**NATHAN STEINMAN**

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

**פאַרוואַלטונג "חשבון"** Phone: (213) 820-2976

חנן קיעל/ ניו־יאָרק

# צוויי שרייבער פון דער גרופּע יונג־ישראל

## 1

## צבי אייזנמאַנס וועלט פון וויזיעס און שיינקייט

די אויפמערקזאַמע לייענערס האָבן באַמערקט אין לעצטן יובל־נומער פון "די צוקונפט" קליינע "אַנאָנסן" אין דער טאָג־פּרעסע וועגן אַ פּאַרלוירענעם שמייכל, אַ האָפענונג וואָס איז פאַרשווונדן געוואָרן; וועגן פאַריכטן צעבראָכענע הערצער אָדער – צו פאַרקויפן אַ ביסל אהבת ישראל, וכדומה, וואָס דערמאָנט יענעם זקן פון שלום אַש "קידוש השם", וועלכער האַנדלט מיט בטחון. דער מחבר פון די "אַנאָנסן" איז צבי אייזנמאַן וועלכער איז מיט זיין פרוי יהודית געוועזן צו גאַסט אין ניו־יאָרק און מיר זיינען געווען צווישן די באַגריסער אויף דער מסיבה לכבוד די געסט אין קולטור־קאָנגרעס.

מיר האָבן זיך פיל מאָל באַגעגנט אין ליטעראַרישע צייטשריפטן מיט צבי אייזנמאַנס לידער, מיט זיינע אימפּרעסיווע מיניאַטורנע מעשהלעך, בילדער, שפּליטערס פון איבערלעבונגען, פּאָעטישע שילדערונגען פון נסיעות, קאָשמאַרן פון די חורבן־יאָרן, שפּיטאָל־האַלוצינאַציעס, זכרונות, בילדער פון ליטעראַרישן אַלבום, וויזיעס וואָס לעבן אויף אין דיסטילירטן וואָרט און ניגון פון קינסטלער, מיר האָבן געפילט אַ דראַנג נאָך אַ מאָל לייענען נישט צוליב אומפאַרשטענדלעכקייט, נישט־דערזאָגענישן, נאָר צוליב דער שיינקייט און חכמה איינגעוועבט אין פּאָעטישן צימצום, אין קליינע גערטנדלעך– אַ שפע פון פרות. זיין שאַפן איז אַ זעלטענער זשאַנער וואָס איז אונדז באַקאַנט אין דער וועלט־ליטעראַטור ווי דיכטונג אין פּראָזע. אייזנמאַן איז אָבער איינציק־אַרטיק, אַנדערשטיק, היינטיק.

יעדע דיכטערישע שאַפונג איז אַ סוביעקטיווע איבערלעבונג, אַן עמאָציאָנעלע און אינטעלעקטועלע דערפאַרונג. אויך די פאָרעם, דער סטיל קומט פון פּאָעטס אינערלעכער נויטווענדיקייט, אַ מין קאַרדיאָגראַם פון דער נשמה אויסגעדריקט אין דער באַהעפטונג פון וואָרט און מעלאָדיע.

ביי אונדזער דיכטער בענקט אָפט דאָס וואָרט צום ניגון ווי צו אַ געליבטער. מיר דאַרפן פאַרשטיין אַז די היינטיקע קאָמפּליצירטע צייט צווינגט אַרויף אויפן דיכטער אַ באַזונדערן צוגאַנג, אַ פערזענלעכע עסטעטיק, וואָס איז צומאָל אין קאָנטראַסט צו די אָנגענומענע סטאַנדאַרטן. אָבער מיר גלויבן אין דער קאָנצעפּציע, אַז בדרך כלל שפּיגלט פּאָעזיע אָפּ די נשמה פון פּאָעט. און דאָס דערקענט מען אין צבי אייזנמאַנס שאַפן לויט דער טעמאַטיק און סטיל.

פון די קאַרגע ביאָגראַפישע נאָטיצן אויף דער הילע פון "נעמט מיך אין לאַנד פון פאַרגעסן" דערוויסט מען זיך, אַז דער דיכטער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין וואַרשע, פאַרענדיקט די באַראָכאָוו־פאָלקס־שול; אין מלחמה־צייט זיך געוואַלגערט אין ראַטן־פאַרבאַנד, 1947 – מיט די מעפּילים אויפן וועג קיין ישראל פאַרהאַלטן און פאַרשיקט געוואָרן קיין ציפּערן. פון 1949 געפינט ער זיך אין קיבוץ יגור, דערנאָרך אין אלונים וואָס איז זיין היים ביז היינט.

אייזנמאַן איז פון די גרינדער פון "יונג־ישראל", ער האָט אַרויסגעגעבן אַכט ביכער

און איז אין 1980 באַערט געוואָרן מיטן מאַנגער־פּרייז. דורך זיינע שאַפונגען באַקענט זיך דער לייענער מיט דער מענטאַלער וועלט פון דיכטער וואָס שפּיגלט אָפּ די אינערלעכע איבערלעבונגען פון אונדזער אומרואיקן און אומזיכערן דור. זיין וועלט איז אויך אונדזער יידיש־הומאַנע וועלט אין אַלע קאָלירן וואַריאַציעס, און דערפאַר נאָענט און אייגן. זיין שפּראַך איז אַ פּשוטע, נישט אַבסטראַקט. זיינע וויזיאָנעלע אידעען סטימולירן דעם לייענער זיך צו פאַרטראַכטן. אַ יידישער דיכטער קען זיך נישט אויסבאַהאַלטן, רעזיגנירן, קען נישט אַנטלויפן פון זיך און נישט פון אונדזער גראַנגל פאַרן יידיש־מענטשלעכן קיום, וואָס מיר, די לעצטע פון דור החורבן, דערפאַרן ביז הינטיקן טאָג.

מיר וועלן זיך אַ ביסל באַקענען מיט צבי אייזנמאַן, פּראָבירן איבערגעבן און אַנאַליזירן אַ צאָל פון זיינע שאַפונגען, סיי פון זיין בוך "נעמט מיך אין לאַנד פון פאַרגעסן" סיי אַנדערע מיניאַטורן צעזייטע אין פאַרשידענע זשורנאַלן.

אַ מעשה וועגן אַ מענטש וואָס איז אין דער וויסטעניש געגאַנגען זוכן אַ פאַרשטיינערטן באַרג וואָס קומט אים אָפּט צו חלום און וואָס בעט זיך ער זאָל אים דערלייזן פון גליוועך. דער מענטש ווערט באַצוווּנגען פון חלום און נאָך לאַנגע וואַנדלונגען אין דער וויסטעניש געפינט ער דעם באַרג און, געבנדיק עטלעכע קלעפּ מיט אַ צווייג צעקרישלט ער אים אויף שטויב. פון שטויב אַנטפּלעקט זיך אַ פּרוי, זי נעמט פון מענטש די צווייג און פלאַנצט עס איין אין באָדן. "און ס'איז געווען נאַכט, און עס איז געווען טאָג", די צווייג איז זיך צעוואַקס און געוואָרן אַ בוים. די פּרוי איז פאַרשוווּנדן און דער מענטש האָט פאַרוואַנדלט דעם מדבר אין אַ געדיכטן וואַלד מיט פריילעך געזאַנג פון פייגל. פאַר דער מעשה איז נישט נייטיק אַ באַשטימטער באַשייד ווי למשל אַ ישראלדיקער. דער ענטפער איז אַן אוניווערסאַלער. חלום און מי קען פאַרוואַנדלען וויסטענישן אין אַ גן עדן פון דער וועלט.

דאָס זעלבע איז גילטיק פאַר דער דערציילונג וועגן אַ מיידל וואָס איז אין געפאַנגענשאַפט אויסגעגאַנגען פון בענקעניש צו איר היים און בלויז די פייגל־פריינד, די מעוועס ביים ברעג פון ים האָבן פאַרשטאַנען איר צער. דער אַלטער בעל מופס האָט פאַרוואַנדלט איר נשמה אין אַ בוים מיט ווייסע אומשולד־געבליטן וואָס פאַרבלענדן יעדן דורכגייער, ווען ער זעצט זיך אָפּרוען אונטערן בוימס שאָטן. די באָהיניאַ איז אַ בוים פון שיינקייט, וואָס אַפילו ער עקזעסטירט נישט לוינט אים אויסצוטראַכטן. זיינע בלעטער־הערצלעך זיינען נייטיק דעם דיכטערס געמיט וואָס שיינקייט באַגלייט זיין שאַפן. הגם דער "מה נאה אילן זה" קען פאַרפירן, לוינט זיך עס בכדי צו דאַנקען פאַר זון און רעגן און באַדויערן דעם ווינט וואָס האָט נישט קיין היים. בוים, וואַלד זיינען סימבאָלן פון צעשפּילטע אילוזיעס און טרויעריקע דמיונות. דער בוים ביי דער וועראַנדע איז זיין טאַטע, וואָס ער האָט פאַרלוירן אין סכנהדיקן אַנטלויף. אַן איינציק וואָרט – וואַלד אויפן פּאַפּיר און ס'הייבן אָן אויפטויכן שרעטעלעך פון זיין אומגעקומענער וועלט. אויסגעזעגטע ביימער, פאַרברענטע היימען, פאַרטיליקטע פייגל ווימלען ביזן שפּראָץ פון טאָג.

אַזוי קומען אַנדערע אַלעגאָרישע מעטאַפאָרן, ווי דער זייגערמאַכער טרוימער מיט דער צענומענער צייט; דער קונסט־מאָלער וואָס צעפליקט זיינע בילדער ווי ס'איז צעפליקט געוואָרן זיין וועלט. דער אַלטער וואָס זוכט אַרום זיין אַ מאָל און באַמערקט

נישט ווי ס'קרייזט איבער אים זיין יונגקייט און מיט איר באַנאַנד פֿאַרבייט ער דעם טאָג אויף נאַכט.

זיינע וועלט־נסיעות שילדערט אייזנמאַן נישט ווי אַ רעפּאָרטער נאָר ווי אַ פּאָעט. די נאַטור־וווּנדער צעשפּילן זיך אין זיינע טראַכטונגען און וויזיעס וואָס אַנטפּלעקן זיך אין אָנבליק פֿון געטלעכן מעשה בראשית. די ניאַגאַראַ, יאָסעמיטי, די אינדיאַנער זומערס אין סאַנט אַדעל, די אָזירע וואַרו ווו ער האָט זיין גאָט געפֿונען. דער דומם און די מיסטעריע מענטש אין לאָס וועגאַס, ווען ער דינט צום געץ־קעסטל; דער גאַסן־זינגער אין סאַן פֿראַנציסקאָ אָדער די אַלטע שימפּאַנזע וואָס לעבט נאָך מיטן חלום פֿון יונגע הוידלקעס, און פֿון אַלע נסיעות קומט אָפּט אייזנמאַן צוריק צו די קאָשמאַרן פֿון זיין אומגעבראַכטער וועלט און צו דער היינטיקער צייט וואָס איז אים נישט מוחל זיין צוריק קומען פֿון די גאַזקאַמערן צום לעבן.

די קאָשמאַרנע וויזיעס אַנטפּלעקן זיך אין חלום און אין וואַך־זיין. בילדער פֿון געטאָ־קינדער; אַ מאַמע וואָס לאָזט איבער איר מיידעלע ביי אַ קריסטין. אַ ייִנגעלע וואָס זוכט אַ קאָמפּאַס עס זאָל אים פֿירן קיין לוקאָוו צום זיידן. אָבער ווו געפֿינט מען אַ קאָמפּאַס ווען גאָט אַליין האָט אים פֿאַרלוירן.

אַ ייִד אין ישראל איז זיך מתבודד ערגעץ ווו לעבן בעדואינער־געצעלטן און ס'אַנטפּלעקט זיך פֿאַר זיינע אויגן אַ קעמל־קאַראַוואַן ווי אין די חומשדיקע טעג. די וואַסער־שעפּערין האָט פֿאַרן גאַסט געבראַכט וואַסער זיך צו וואַשן די פֿיס און אָנטרינקען די קעמלען. דער ייִד דערמאָנט זיינע חדר־יאָרן. הגמיעיני נא מעט מים מכדך. בייג איין דיין קרוג און לאָמיך טרינקען. און דער ייִד טראַכט: איז דאָס מעגלעך אַז ווען דער וואַרשעווער געטאָ האָט געברענט האָבן בעדואינער פּאַוואָליע געשפּאַנט מיט די קעמלען שאַ און שטיל; נישט קיין קול פֿון דער ערד, קיין בת קול פֿון הימל, און ס'רייסט זיך אַרויס אַ געבעט: אָ קעמלען, נעמט מיך אין לאַנד פֿון פֿאַרגעסן.

האָבן דאָך פּויערישע משפּחות אַרום טרעבלינקע און מיידאַנעק געלעבט ווי אין ריימאָנטס "פּויערים" און מאַמעס האָבן זיך מיט זייערע קינדער געוויילט אויף קאַרוזעלעס אין דרויסן פֿון ברענענדיקן געטאָ...

אין בוך ווערן דערמאָנט קליינע שפּליטערס פֿון דער גרויסער מלחמה. ווידער נסיעות, פּוילן, טרעבלינקע, וואַרשע, ער שטייט לעם מיצקעוויטשעס מאָנומענט, ווי אַ מאָל אַ ייִנגל וואָס האָט געחלומט צו ווערן אַ ייִדישער פּאָעט. ער דערקענט דעם קאָפּערניק־מאָנומענט וואָס איז גאַנץ געבליבן מחמת ספק־פּויליש, ספק־דייטש. אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט ביים הייליקן קרייץ דוכט זיך אים, אַז יעזוסעס האַנט ווייזט אויף אים - אָט גייט אַ ייִד.

מיר פֿאַרנעמען זיך נישט איצטער מיט געבן אַ פֿולן איבערבליק פֿון אייזנמאַנס פֿיל־קאָלירדיקע טעמעס, אַספּעקטן, פּאָעטישע וויזיעס און אַלעגאָרישע מעשהלעך. זיינע לידער און פּראָזאַישע מיניאַטורן שאַפֿן איין גאַנצקייט. פֿאַראַן אַפֿילו גראַמען אין די מעשהלעך, ווי מוזיקאַלישע בייקעס, וואָס אין נאָרמאַלע שולן קאָנען אַ היפּשע צאָל פֿון זיי ווערן אויסגעקליבן פֿאַר כרעסטאָמאַטיעס, מחמת דעם אוניווערסאַלן כאַראַקטער פֿון זיין שאַפֿן.

די בילדער פֿון חלום־שפּיגל ("אַלמאַנאַך" - 1985) זיינען אַן אַנטלויף אויף יענער זייט שקיעה־ראַנד ווען אילוזיע און ווונטש פֿאַרוואַנדלען זיך איןווירקלעכקייט. אין יענעם ערגעץ־לאַנד קלינגען נישט קיין גלעקער, מען זינגט נישט הללויהס, מען מאַכט נישט

קיין בלבולים, מען שלעפּט נישט אין וואַגאָנען, קיינער זוכט נישט קיין שאָלעכץ אין מיסט צוליב הונגער וכדומה. בלויז זיין אייגענער חלום קען אים פירן אין וווּנדערלאַנד פון גרינע לאָנקעס, וואַלד, פלאַטערדיקע פייגל ביי וועמען דער פּאָעט קען זיך באָרגן פליגל אין חלום־לאַנד פון מלא כל הארץ כבודו.

צבי אייזנמאַן, דער פּאָעט פון וויזיע און שיינקייט, דרינגט אַריין אין דער מענטשלעכער פאַרבאָרגנקייט, און פון אייגענעם ממעמקים זינגט ער אויס אונדזער בענקשאַפט, ליבע, פיין פון אַ זקן אין שלאָפלאָזע נעכט, צער פון אַ פרוי וואָס זעט די ערשטע קנייטשן אויפן פּנים און דאָס פּישטשענדיקע קולעכל פון אַ ניי געבוירן פייגעלע. געזאַנג פון לעבן, זיין און פאַרגיין, ווערן און אויפהערן. דאָס איז אונדזער דיכטער. מיר ווינטשן אים געזונט און שעפערישע עליות.

## 2

## ישראל אין שפּיגל פון יאָסל בירשטיינס יצירה

אין אָנבליק פון די קאָמפּליצירטע קאָנפליקטן און געראַנגל פאַר שלום און זיכערקייט אין ישראל איז אפשר אונדזער טעמע נישט רעלעוואַנט. מה ענין שמיטה אצל הר סיני? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ליטעראַטור, קונסט צו פּאָליטישע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען? איז דער ענטפער - אַזוי ווי דער הר סיני איז כולל אַלע געבאָטן, מאָראַלישע נויטווענדיקייטן פון דער תורה וואָס איז פאַרן מענטש אַן עץ חיים, אַזוי איז ליטעראַטור אַרומנעמיק און שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן, דעם מענטש, זיין געראַנגל און חלום, דעם טראַגיזם און קאָמיזם, די רוטין פון מלחמת הקיום פון יחיד סביבה, פאָלק. דער קינסטלער מיידט אפילו זיך אַליין נישט אויס ווען ער שילדערט דעם זודיקן שמעלצטאָפּ פון אונדזער קליין לענדעלע.

יאָסל בירשטיינס שאַפונג איז מערסטנס אַ ישראלדיקע און דווקא אַ שלומדיקע. שיינקייט, אָבער אָן פּליטערלעך, אָן ראָמאַנטיזם. דער קיבוץ, דער גאָלדראַש, אַ בערזע אין תל אביב, די שוואַכקייטן פון מענטש וואָס דער חלום איז גרעסער פון אים, די נישט באַמערקטע פּערל־סצענעס אויף די גאַסן פון ירושלים. דעם מחברס אָפּשאַצן מיט גינציקייט די סיטואַציעס, דאָס קליינע מענטשעלע אין גראָטעסקן קרומען שפּיגל פון ישראלדיקן לעבן איז פאַרן לייענער אַן אָפּרו פון דער אומענדלעכער שפּאַנונג וואָס באַהערשט אים.

די יידישע ליטעראַטור אין ישראל האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע פּעריאָדן פּאַראַלעל מיט דער אַנטוויקלונג פון ישוב:

1. דער חלוצישער פּעריאָד. 2. די צייט פון חורבן און עצמאות. 3. די עליות און קיבוץ גלויות פון אַלע צעשפּרייטקייטן. 4.די סאָוויעטישע עמיגראַציע און צושטראָם פון פּאָעטן און נאָוועליסטן.

אין צווייטן פּעריאָד איז אַנשטאַנען די גרופּע "יונג־ישראל", וואָס פון זיי זיינען מיר באַקאַנט משה יונגמאַן, רחל פישמאַן און צו לאַנגע יאָרן אברהם קאַרפּינאָוויטש, צבי אייזנמאַן און יאָסל בירשטיין, וועמענס ראָמאַנען, דערציילונגען און מיניאַטורן איך האָב געלייענט מיט אַ באַזונדערער הנאה. בירשטיינס קינסטלעריש דראַמאַטיזירטע פראַגמענטן פון לעבן, די גאַסן־סצענעס, טיפּן, סיטואַציעס זיינען געשילדערט מיט פריינדלעכן הומאָר און אָריגינעלקייט וואָס אַנטציקט דעם לייענער.

פון די דערציילונגען אין וועלכע דער מחבר איז איינער פון די העלדן און פון די ביאָגראַפֿישע נאָטיצן וויסן מיר וועגן זיין משפחה־לעבן אין פוילן, זיין נסיעה קיין אויסטראַליע (1937), זיינע מלאכות, מיליטער־דינסט און נאָך דער מלחמה זיין עליה קיין ישראל, וווּ ער לעבט אַ צייט אין קיבוץ מיט זיין משפחה און אַרבעט אַלס פֿאַסטעך פון שעפּסן. צווישן זיינע אַלע פּראָפֿעסיעס ווערט דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ זשורנאַליסט, אַן עצה־געבער אין אַ באַנק, אויף דער בערזע און איצט - פֿאַרוואַלטער פון די יידישע אַרכיוון אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים.
יאָסל בירשטיין האָט אַרויסגעגעבן אַכט ביכער אין יידיש און אין עברית. זיין ערשט בוך לידער "אונטער פרעמדע הימלען" איז אַרויס אין אויסטראַליע, די איבעריקע ביכער אין ישראל: 1. אויף שמאָלע טראָטואַרן; 2. אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ און אַנדערע דערציילונגען; 3. דער זאַמלער - אַ ראָמאַן; 4. נסיעתו הראשונה של רולידר - אַ ראָמאַן אין צוויי בענד, וווּ דער סיפור המעשה דרייט זיך צווישן אויסטראַליע און ישראל; 5. כתם של שקט - (אַ טראָפּן שטילקייט) וואָס איז אויך אַרויס אין יידיש מיטן נאָמען: אויף דיינע געסעלעך ירושלים.

## אונטער פרעמדע הימלען

יאָסל בירשטיין איז אַ פּראָזאַיקער מיט דיכטערישע פליגל. די סאַמע בראשיתדיקע שרייבערישע עקספּערסיעס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט לירישער פּאָעזיע. "אונטער פרעמדע הימלען", אַרויסגעגעבן 1949 אין אויסטראַליע. דאָס זיינען צערפּולע יחידישע לידער; אַ השתפכות הנפש, וואָס זינגט אויס זיין בענקשאַפט אין דער פרעמד, אין אויסגעוואָרפנקייט, געוואַלגער און איינזאַמקייט.

די לידער זיינען ביאָגראַפֿישע איבערלעבונגען פון אַ בחור וואָס איז יונג אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַ וואַרעמער היים אין ביאַלע־פּאָדלאַסק און וואָס אויף אַלע וועגן האָט אים באַגלייט זיין טאַטנס שווער־געפּרוווטער צער, די ליבשאַפט פון זיין מאַמע און געשוויסטער וואָס זיינען אַלע פּאַרטיליקט געוואָרן בימי החורבן.

ווי יעדער פּאָעט האָט ער אין די ערשטע יאָרן נאָכן חורבן אויסגעוויייטיקט דעם אומגליק, צער און אומבאַהאָלפענע טענות צום ווינט: "זיי האָבן דיך פּאַרפּייניקט אָן רחמנות, טאָכטער שיינע פון די דריי מתנות" אַ ליד געווידמעט טויבעלע צוקערס קידוש השם און וועגן זיין ברודערל, וואָס האָט זיין לשון איבערגעלאָזט אין אַ שפּייכלער פון טרויער און פּיין: "דאָס יידישע וואָרט און דאָס יידישע ליד / ליגט אין אַ שפּייכלער פון טרויער און פּיין / אַ שפּייכלער אַזאַ איז יעדנס געמיט / וואָס האָט זיך באַהאָפטן מיט אונדזער געוויין".

אין וויטן מעלבאָרן האָט ער מיטגענומען דעם טאַטנס גרייטקייט ס׳לעבן דורכצוקומען. די איינזאַמקייט איז געווען איבערן זיידן געבויגן, "זיין גלויבן שפּאַנט נאָך אַלץ איבער וועלט־ירידן צוניפֿזאַמלען אַ מנין יידן".

זיינע ערשטע היימלאָזע לידער זיינען געווען פֿאַרוועבט מיט דער מאַמעס בענקשאַפט און ווי אין דער אויסטראַליער פרעמד. ביי דער ניי־מאַשין, אין די זעלנערישע באַראַקן, וווּ ער קומט "טראָגט ער דאָס טרויעריקע פּנים פון דער יידישער גאַס און בענקט צום פֿאַרלוירענעם חלום פון בערל, שמערל באַס".

"אונטער פרעמדע הימלען" איז געווען דאָס איינציקע לידער־בוך וואָס יאָסל

בירשטיין האָט געשריבן. ער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַן אָריגינעלער קינסטלער־בעלעטריסט.

קלענערע און גרעסערע דערציילונגען זיינען געשריבן געוואָרן וועגן קיבוץ־לעבן וואָס איז אַ פענאָמען אָפּגעזונדערט פון לאַנד. מיר געדענקען נתן ביסטריצקיס "ימים ולילות" וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם ראָמאַנטישן חלוציזם פון די צוואַנציקער יאָרן ווען די ערשטע פּיאָנערן האָבן געטריקנט זומפּן, געפלאַנצט ביימער, געגאַנגען אויף נאַכטיקער שמירה; געהונגערט, געגעבן קרבנות און איבערגעלעבט קריזיסן. די קיבוצניקעס האָבן געשאַפן אַ נייע דערציאונג, קולטור, פאָלקלאָר און וויזיע צו רעאַליזירן אַ סאָציאַלע אוטאָפּיע.

## אויף שמאָלע טראָטואַרן

דאָס איז דער נאָמען פון י. בירשטיינס קיבוץ־ראָמאַן וואָס שילדערט נישט דווקא דעם ראָמאַנטישן חלוצישן אידעאַליזם נאָר אַלערליי אַספּעקטן פון טעגלעכן לעבן, וואָכיקע האַרעוואַניע, געראַנגל פון מענטש מיט מענטש, מענטש און נאַטור, זון און שאָטן. אַ ראָמאַן פון דריי הונדערט זייטן וואָס איז אויך געוואָרן איבערזעצט אין העברעיש.

די העלדין פון ראָמאַן, כאַסיע פון די וותיקים, פון די פּיאָנערישע יאָרן וואָס האָט געבראַכט פון גלות איר אידעאַליזם און איז כסדר באַזאָרגט, האָט טענות, וויל איינהאַלטן די חלוצישע ווערטן; מיט איר איבערגעגעבנקייט שטעלט זי מיט זיך פאָר דעם סימבאָלישן טיפּ פון קיבוצניק.

אין ראָמאַן ווערן בולט די יחידישע כאַראַקטערן: כאַסע דניאל, זהבי, שמעון א.א. די אַרבעט ווערט איינגעטיילט לויט ספּעציאַליטעטן און, לויטן מחבר, פירט יעדער זיין פּריוואַטע אַרבעט ווי אַ באַזונדער געשעפט. פאַראַן אויך אין קיבוץ מיוחסדיקע באַשעפטיקונגען. דער פעלד־אַרבעטער איז מער יחסן פונעם רפתן דעם באַשעפטיקטן אין שטאַל פון בהמות, און דער פּאַסטעך (אונדזער מחבר) וואָס דאַרף אַכטונג געבן אַז די סטאַדע זאָל נישט חרוב מאַכן דעם גאָרטן און די פלאַנצן, ער איז נעבעך פון דער נידעריקסטער מדרגה. בירשטיין האָט די פעיקייט צו אַנאַליזירן אין פאַרשטיין די נשמות פון זיינע העלדן און די פּראָבלעמען פון קיבוץ. געשריבן אין 1958 קען מען לויטן אייגנאַרטיקן סטיל דערקענען אַ מאָדערנעם אָריגינעלן פּראָזע־קינסטלער.

## אַ מאַנטל פון אַ פּרינץ

די דאָן־קיכאָטן זיינען אָפּט טעמעס, ספּעציעל פון יידישע שרייבער ווי מענדעלעס פאַנטאַזיאָר, בנימין השלישי און סענדערל די יידענע (סאַנטשא פּאַנטשאַ), שלום עליכמס מנחם מענדל און שיינע שיינדל. ער - מיט פליגלדיקע אילוזיעס, זי - מיט די ערדישע קליינקייטן; די אַלערליי געראַנגלענישן, ווידעראַנאַנדן צווישן חלום און וואָר וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין לעבן. די טעמע איז אַן אוניווערסאַלע. דער זיידע פון יאָסל בירשטיין, אַ יוצא דופניק, וואָס האָט נישט געקענט איינזיצן אין שטעטל, איז אַרויס פאַרמאַכן דעם לאָדן און - אַוועק קיין לאָנדאָן. געווען איז ער אַ שניידער. אין לאָנדאָן האָט ער געזען אַ פּרינץ אין אַ מאַנטל (ווי גאָגאָלס שינעל) און פון זכרון נאָכגעמאַכט דעם מאַנטל, און נאָך אַ צייט אַ היים געשיקט קיין ביאַלע־פּאָדלאַסק. דער מחבר

שילדערט די פּעטערס, מומעס, מחותנים, חתנים, כלות, זייערע קאָנפליקטן, אָרעמקייט און ליבעס.

ער קומט צום זיידן קיין אויסטראַליע אַ צאַרט אויסגעוואָרפן בחורל פון 16 יאָר. דאָרט ווערט ער אַ טאַשן-נייער און לייענט ביכער אויפן וועג צו דער אַרבעט. די מעשה איז דורכגעפלאָכטן מיט הומאָריסטישע עפּיזאָדן און ווערטלעך. מיר דערקענען אַ נייעם, גאָר אייגענעם, אויסקריסטאַליזירטן סטיל, אַן איבערגאַנג פון איין געאָגראַפישן שטח צו אַ צווייטן, פון שטעטל ביזן פאַרוואָרפענעם מעלבאָרן.

אין בוך זיינען פאַראַן אויך דערציילונגען פון דעם טאַטנס היים, פון זיינע דערפאַרונגען אין אויסטראַלישן מיליטער-דינסט, פון קיבוץ-לעבן, וועגן אַ בעטלערקע וואָס וואַרפט צוריק קליינע נדבות, און די סימבאָליש-פאַרלוירענע מוזיק, אַן אינטערעסאַנטע דערציילונג פון אַ דייטשן אַנטי-נאַצי וואָס איז געווען אין דאַכאַו און האָט זיך נאָך דער מלחמה באַזעצט אין אַ קיבוץ און צוליב אַ פּיאַנאָ צוריק געפאָרן קיין דייטשלאַנד. דער דייטשער פויער, וועגער, דריקט אויס דעם פּעסימיסטישן געמיט פון היינטיקן מענטש, ער געפינט זיינע אמתן אין שאָפּענהאַוערס פילאָסאָפיע. מיר געפעלט זיין הומאָריסטישע מעשה פון אַ לערער אין מעלבאָרן וואָס לערנט אים די דינים פון פּאָעזיע; די יאַמבן, טראָכייען, דאַקטילן וכדומה. דער מחבר, אין זיינע ערשטע פּאָעטישע שריט, האָט זיך נעבעך געפילט פאַרלוירן מיט זיינע ווייסע פערזן.

## דער זאַמלער (די בערזע)

דער שרייבער איז אַ צייט געווען אַ בעל יועץ, אַ מין בראָקער וואָס גיט עצות וועגן סטאָקס. ער אָבסערווירט די פאַרשידענע ישראלים וואָס זוכן וועגן ווי שנעל רייך צו ווערן אינעם פאַפּירענעם גאָלד-ראש. די נאָוועלע איז אַן אַלט-נייער גלגול פון אַ מנחם מענדל און די קליינע מענטשעלעך וואָס ווערן געשילדערט אויף אַ גראָטעסקן שטייגער. אַ געמיש פון רעאַלן לעבן און פיקציע, אַן אידעאַל פון פאָלקס-קאַפּיטאַליזם וואָס ציט אַריין דעם גלייכגילטיקן פאָלקס-מענטש אין די גאָלדענע בערזע-גליקן. דער הויפּט-העלד, הלווי, וויל פּאָפּולאַריזירן קענאַרד בערנזאַנס אידעע רייך צו מאַכן אָרעמע מענטשן דורך מאַכן זיי מיט-שותפים אין קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. הלוויס טיפּן זיינען אַרבעטער, זיינען לעבעדיקע שאָטנס פון ווייטע קליינשטעטלדיקע יידן מיט באַהאַלטענע קניפּלעך וואָס ווילן זיך פאַרזיכערן דעם קיום. בירשטיין וועבט אַריין דעם פאַר-חורבן געמיט און פאַלקלאָר. אין זיין ישראלדיקער ווירקלעכקייט איז אויסגעוועפּט דער חלוצישער אַ מאָל, די ראָמאַנטיק איז פאַרביטן אין אַ וואָל-סטריט. אַלע קויפן אַקציעס. אַ קצב, אַ בעל עגלה מיט זיין אַראַבישן אַרויסהעלפער; טיפּן וואָס באַהאַלטן די קניפּלעך אין נאַפטאַלין. אָבער דער שמאַלץ-גרוב רינט אויס, ס'קומט דער באַנקראָט.

סאָלאָמיר וואָס שאַפט קליענטן פאַר הלווי און טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַ מוזיי, אַ ביבליאָטעק פון אַרויסגעוואָרפענע יידישע ביכער, וויל זיך נישט צופּאַסן צום דורכפאַל, און וויל נישט אויפגעבן זיין חלום. ווי אין שלום עליכמס מנחם מענדל שפּילגט אָפּ "דער זאַמלער" דעם דאָן קיכאָטיזם, דאָס שטייגן און פאַלן, דעם מענטש און זיין חלום, דעם יידישן בטחון אַפילו אין אָנבליק פון באַנקראָט.

## דיינע געסלעך - ירושלים

די קליינע מעשיות, פערל־בילדער, באַוועגלעכע סצענעס, אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטיק פון ישראל־לעבן; זכרונות אייגענע, דאָס לאַנד און זיינע העלדן, דער פיל־קאָליריקער קיבוץ גלויות; בליציקע עפּיזאָדן וואָס קענען ווערן גרויסע ראָמאַנען, זיי זיינען אונדז באַקאַנט פון פריער געדרוקטע מיניאַטורן אין זשורנאַלן און ביכער. אַ גרויסע צאָל זיינען אויך דערשינען אין העברעיש "כתם של שקט" - אַ טראָפּן שטילקייט. "אין דיינע געסלעך - ירושלים", ווי אין די פריעריקע ביכער "דער זאַמלער", "אויף שמאָלע טראָטוארן" ווערט אין דער ישראלדיקערווירקלעכקייט אויסגעוועפּט דער חלוצישער אידעאַליזם, די פייערלכע דערהויבנקייט פון בראשית. דעם שרייבערס קינסטלערישע פראַגמענטשן, גראָטעסק־סיטואַציעס זיינען געשילדערט מיט גוטמוטיקן הומאָר און חכמהדיקן פאָלקלאָר וואָס רופט אַרויס ביים לייענער אַ ליבן און טרויעריקן שמייכל.

בירשטיין איז אָריגינעל, מען קען אים דערקענען אין זיין סטיל, אין זיין שנעלער אָריענטאַציע צו דערזען דאָס טראַגי־קאָמישע אין טעגלעכן געראַנגל, אינעם פאַרוואַנדלען דעם מענטש פון קרומען שפּיגל אין אַ מעשה. ווי איציק מאַנגער וואָס ווייסט אַז "דער אַלטער מידער ייד וויל ווערן היינט אַ ליד" אַזוי ווייסט בירשטיין, אַז די בעטלערין אין אויטאָבוס, בן גוריונס לאַנדסמאַן, דער מאה שערים ייד ווילן ווערן אַ מעשה.

אין דער פיל־קאָליריקער פּאַנאָראַמע פון זיינע דערציילונגען זיינען פאַראַן ליכטיקע עגנון־טיפּן, ווי דער ייד און די אַלטיטשקע אין באר שבע, אָדער דער זעלנער וואָס בעט דעם סאַרזשענט ער זאָל אים באַפרייען אין תשעה באָב פון שיסן, וועט ער פּאַר אים זאָגן קינות. באַזונדער ווילן מיר דערמאָנען די גאַסן־סצענע פון טאַנצנדיקן עולם אין ירושלים בעת אַ סיום־התורה און דער שוטר (פּאָליסמאַן) וואָס קריגט אַ הקפה. יאָסל בירשטיין פון דער געוועזענער גרופּע יונג־ישראל שרייבט אין יידיש און אין העברעיש מיט אַן אייגענעם נוסח און איז באַליבט ביים יידישן לייענער און ביי דער ישראלדיקער יוגנט.

> **"אויף היסטאָרישע וועגן"**
>
> **אַ ניי בוך פון ד"ר העשיל קלעפּפיש**
>
> אַ ניי בוך עסייען און שטודיעס פון דעם גוט באַקאַנטן דענקער און היסטאָריקער ד"ר העשיל קלעפּפיש, מחבר פון אַ ריי וויכטיקע ווערק וועגן מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, איז דערשינען אין ישראל.
>
> דאָס נייע בוך "אויף היסטאָרישע וועגן", פאַרנעמט איבער 600 זייטן און האָט 70 עסייען און שטודיעס וועלכע באַקענען אונדז מיטן אידעיש־גייסטיקן פּנים פון אונדזער פאָלק און מיט דער רייכער פילפאַרביקער קולטור־ירושה וואָס דער אשכנזיש־מזרח־אייראָפּעישער טייל האָט איבערגעלאָזן, איר השפּעה אויף אונדזער היינט און די גייסטיקע יניקה וואָס אונדזער פאָלק דאַרף פון איר ווייטער שעפּן.
>
> דער פּרייז פון "אויף היסטאָרישע וועגן" איז 25 דאָלער, איינגעשלאָסן פּאָסט־אויסגאָבן. שיקט אייער טשעק אויפן אַדרעס פון:
>
> Gitl Kahn
>
> 1340 Lincoln Road #301, Miami Beach, FL. 33139 • Phone: 1-305-672-7296

מאיר חרץ / ירושלים

## בין אויפגעשטאַנען

בין אויפגעשטאַנען אַ זונטיק פאַר טאָג,
געטאָן, וואָס איך טו אַיעדן פאַרטאָג,
אַרויפגעצויגן די לאָדן אַרויף,
בשעת אין דרויסן די זון גייט אויף.

און דאָ ערשט ביי דער זונענשיין
דערזען ס׳איז נישט זונטיק, ערשט שבת איז היינט,
ס׳איז שבת פאַר טאָג, דער טאָג איז נאָך גרויס
און איך בין מיט גרויסן רווח אַרויס.

מיר צוגעקומען איז אומגעריכט
אַ דאַנק פון פרייטיק־צו־נאַכטס די ליכט
די נעכטיקע, וואָס כ׳האָב דערזען
אין ביידע לייכטער אויסגעברענט.

מיר צוגעקומען איז אַ טאָג,
אַ גאַנצער טאָג אינעם קאַטאַלאָג
פון טעג - דעם קאַלענדאַר פון יאָר,
ווען ליכטיק ווערט אויך אָן אַ יהי אור.

ווייל ס׳איז דער זיבעטער טאָג אין דער וואָך,
וואָס איך בין אַריבערגעשפרונגען און דאָך
זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקערט,
סע גייט נישט פאַרלוירן קיין זאַך אויף דער ערד.

ירושלים, 9־טער מאַי, 1992

## שרייב מיר אָן

שרייב מיר אָן אַ ליד פון סאַמע ליאַפּסוסן
אין אַ פאַרקערטן שיינעם שפּיגל־כתב
און פאַרגעס נישט אין די האַרצעדיקסטע גרוסן
פאַרן מייסטער פונעם מענטשלעכן באַשאַף.

דעם באַשאַפער פון טעותים און פון קרומע וועגן,
פון חרטה און פון נאָך אַ מאָל די זעלבע זינד,
פון דער גלוסטעניש נאָך נאָך און נאָך פאַרמעגן
און פון סוף, וואָס דער פאַרדינער זיך פאַרדינט.

שרייב אַזוי, איך זאָך נישט קענען לייענען,

אַז איך זאָל פֿאַרדרייען יעדעס וואָרט.
זיך דערגראָבן וועל איך צו דעם מיינען,
וואָס דו מיינסט, בשעת איך שפּיל אַ קאָרט.

ירושלים, 30־סטער יוני, 1992

## לייג

לייג דיין קאָפּ אויפֿן קישן אַנידער,
לאָז דיך פֿון חלום פֿאַרוויגן –
דיינע פֿאַרשוויגענע לידער
וועלן נישט בלייבן פֿאַרשוויגן.

נישט קיין שטערן, קיין מזל, קיין גורל,
קיינער דרייט נישט קיין רעדל,
ס׳וועט נישט גיין קיין טראָפּן פֿאַרלוירן,
נישט פֿון שווייגן און נישט פֿון רעדן.

וואָס האָסט אָפּגעטאָן, דאָס איז פֿאַרבליבן
אונטער דער טינט, וואָס געקומען איז
מעקן,
ס׳וועט אין דער לופֿט שוין בלייבן
פֿאַרשריבן
דאָס, וואָס לאָזט זיך פֿון גאָרנישט
פֿאַרדעקן.

ירושלים, 22־סטער אָקטאָבער, 1922

## די איבעריקע שטיקער שטיין

די איבעריקע שטיקע שטיין
האָט מיקעל אַנדזשעלאָ אַוועקגעהאַקט,
האָב איך זיי אויפֿגעקליבן שיין,
צו זיך אין גאַס געבראַכט.

ס׳האָט קיינער מיך אין ווייטן וועג
נישט אָפּגעשטעלט און נישט געמאָנט
קיין מכס נישט און נישט געפֿרעגט
אויף דעם פֿאַרמעג, מ׳שטיינס געזאָגט.

איך האָב דאָ פֿון די שטיקער שטיין
אַ שול פֿאַר שניידערס אויפֿגעבויט.
יום כּפּור איז זי פֿול געוויין
און שמחת תּורה פֿול מיט פֿרייד.

און משה דער פֿון שטיין געהאַקט
געבליבן איז ער דאָרט אין רוים
און תּורת משה לעבט און לאַכט
דאָ עד היום.

ירושלים, 22־סטער אָקטאָבער, 1922

## אַ פֿויגל האָט פֿאַרלוירן

אַ פֿויגל האָט פֿאַרלוירן אַ פֿעדער
פֿאַר טאָג ביי מיר אויפֿן גאַניק,
וואָס איך האָב געפֿונען זי שפּעטער,
די פֿעדער פֿון אַ פֿייגל־מנהיג.

דער מנהיג פֿון אַ פֿייגל־סטייע,
וואָס האָט דאָ אין אונדזער געגנט
געלאַנדעט מיטן גאַנצן כּלי־זין
און מאַפּעס פֿון הימלישע וועגן.

ער האָט מיט דער אייגענער פֿעדער
געוויזן אויף הימלישע פֿעלדער,
געוויזן אויף הימלישע סעדער,
געוויזן אויף הימלישע וועלדער.

דערנאָך אַ פּאָך פֿאַר אַ צייכן
צו לאָזן זיך אין גראַנדיעזן
מאַרשרוט און געלאָזט מיר אַ זכר,
אַז ער איז דאָ געוועזן.

ירושלים, 15־טער אויגוסט, 1992

שירה גאָרשמאַן / אשקלון

# מיניאַטורן

## איבעראַכטאָג מאַך איך צוועלף

פּעסיע, מיין ווייב, וואָס איז מיט דיר דער מער, כ'האָב זיך גאָרנישט געריכט אויף דיר, וואָס שטייסטו מיטן פֿאַרעווע מעסער אין האַנט לעבן די לעבלעך ברויט? כ'בין אַוועק ביסטו געשטאַנען, איך בין געקומען - שטייסטו נאָך אַלץ. וואָס רעכנסטו אויס, וואָס מאַרקירסטו, ווילסט עפּעס פֿאַרשפּאָרן? ס'כאַפּט מיך אָן אַ געלעכטער, קאַרעננווישקעכע, אונדזער שכנה איז נעבעך נישט קיין יידישקע, אָבער זי האָט, אַז ווי איז צו מיר, אַ פֿולע שטוב קינדער, אַפֿילו אָנדערהאַלבן לעבלעך ברויט איז דאָרטן אויף איין צאָן. איך שפּייזער דערמאָנט זיך אַפֿילו נישט וויפֿל קינדער ער האָט. פֿון אין דער פֿרי ביז פֿאַר נאַכט איז ער אין שענק. איך וועל אַליין אַוועקטראָגן די אָנדערהאַלבן לעבלעך. שמואל דער שוסטער איז אויך נישט קיין בעזדעטניק. מאַכן אַ ברית איז אים גרינגער ווי צוקלאַפּן אַ נאַבויקע. איין לעבל איז דאָרטן אויך נישט צו פֿיל. גיטל די קוואַסמאַכערקע האָט אַ פּייג אין קעשענע, אָבער אַ זיכרון האָט זי אויף אַלעמען געזאָגט געוואָרן. זי געדענקט גוט, אַז פּעסיע אַליס באַקט דאָנערשטיק ברויט. אויך אַ לעבל. אַרום און אַרום בלייבט דיר צוויי לעבלעך ברויט. איך זע דו ביסט פֿאַרדאגהט ווי פֿריער. געדענק, אַז מיר האָבן נאָך צוויי זעק קאָרענע מעל, אַ האַלבן זאַק ווייצענע. אַרבעסענע מעל איז אויך דאָ. איך וועל שטעלן נאָך אויוונס ביי פּריצים און ביי רייכע גויים און איך וועל צו זיי גאָר נישט צולייגן. מאָרגן איז פֿרייטיק, ווּעסטו פּלעכטן קיטקעס, וועסט מאַכן אַ געשלאָגענעם לעקעך, אייער-קיכלעך צו ברכה. מענטשן וועלן אַריינקומען פֿון בית-מדרש, זאָל מיינס איבערגיין. האָב קיין זאָרג נישט, איבעראַכטאָג דאָנערשטיק, אם ירצה השם, שטעל איך אַ ראָשטשענע אויף צוועלף לעבלעך. זאָל בלייבן נישט מער ווי היינט, וואָרעם איך האָב זיך דערמאָנט נאָך עטלעכע, וואָס האָבן האָלט ברויט...

## אָפּגעקילטע קרעפּלעך

יענעם פֿרייטיק צונאַכט האָט מיך אַלע ווייליקע די באָבע געשיקט זען צי דער זיידע גייט שוין. גיי איך, איך לויף אַריין, און זאָג דער באָבען: "דער זיידע גייט נאָך נישט". הייסט זי מיר ווידער אַרויסגיין און זען צי דער זיידע גייט שוין. לויף איך אַרויס און לויף אַריין און זאָג: "דער זיידע גייט נאָך נישט". "אָבער די באַלעבאַטים גייען שוין?" - "אַלע, אַלע זענען שוין געגאַנגען" - "ווער זענען דאָס אַלע?" - "משה גערשן דער גאַלאַנטערייסשטשיק, אשר דער צוקערניק, און לייזער דער שניט-קרעמער". - "געווען, לויף זען, דער זיידע. גייט שוין?" - לויף איך צום שול-הויף און גיב אַ קוק, דער זיידע גייט טאַקע. ס'איז פֿינצטערלעך, אָבער איך זע, אַז ער טראָגט אַ יינגל. כ'טו זיך אַ הייב אויף די ציפּקעס, זע איך, אַז דאָס איז נישט קיין יינגל, דאָס איז פּעטרוקיס יאַסיטעכעס שייגעצל. דער זיידע הייסט מיר עפֿענען די טיר, ער גייט אַריין מיטן שייגעצל אויף די הענט אין שטוב, לייגט אים אַוועק אויפֿן ברייטן באַנק און זאָגט צו דער באָבען: "פּעסיע, סטעל אַוועק אַ בענקל, צוויי לייכטערס מיט ליכט, דערלאַנג מיר אַ ווייסע סמאַטקע מיט אַ נאָדל". די באָבע זאָגט אויסער זיך: "דו ביסט ביים זינען,

אלי, ס'איז דאָך פֿרייטיק צונאַכטס!" - גיכער, וואָס איך האָב געזאָגט, אויף מיין קאָפּ די עברה".

בעת דער זיידע האָט מיט דער נאָדל עפּעס גענומען טאָן אין פּעטרוקאָסעס פּיאַטע האָט יענער געמאַכט אַזוינע געשרייען, אַז איך בין אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב. אַז איך בין דערנאָך אַריינגעגאַנגען, איז פּעטרוקאָס געזעסן לעבן טיש און געהאַלטן אַ שטיק חלה אין האַנט. דער זיידע האָט אים ווידער גענומען אויף די הענט, האָט אַ זאָג געטאָן צו דער באָבען: "גיב אים אַ פּולקע עוף, כ'וועל אים אַוועקטראָגן, ביי יאַסייטעכן איז ער אויך נישט אַרויסגעשפּרונגען פֿון אויער"...

דער זיידע איז גיך געקומען. די באָבע האָט פֿונאַנדערגעגאָסן אין די טעלערס יויך מיט קרעפּלעך און האָט באַדיערט מיט אַ זיפֿץ: "די קרעפּלעך זענען צעגאַנגען אין אַלע גלידער, אָבער איצט האָבן זיי אַזאַ טעם, אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן". דער זיידע האָט געגעסן די קרעפּלעך, מיט אַ מאָל אַוועקגעלייגט דעם לעפֿל, אָנגעקוקט דער באָבען: "דו האָסט האַרץ-ווייטיק, אַז די קרעפּלעך זענען קאַלט, און איך הייב נישט אָן צו וויסן וואָס מע טוט מיט די מענטשן, אַ סטעטל באַלעבאַטים זענען ווי עס זיצט אַ סייגעצל, באַגיסט זיך מיט טרערן, ווייל ער האָט פֿאַרסטאָכן מיט גלאָז אַ פּיסל. זאָל זיך כאָץ איינער אָפּשטעלן! אַלע איילן זיך צו דער יויך...

די באָבע איז געווען גערעכט, די קרעפּלעך האָבן זיך טאַקע אָפּגעקילט.

## אין אַ מאַרק-טאָג

דערפֿרייט פֿלעג די באָבע זיין, בעת יוסטינעס פֿלעגט זיין שליטעלע אָפּשטעלן לעבן דער טיר. ווי מיר געדענקט זיך, פֿלעגט דאָס אַלע מאָל זיין ווינטער. אויפֿן שליטעלע זענען אָנגעמאָלט רויטע און בלויע געאָרגינעס און אין שליטעלע זיצט יוסטינעס ווייב און אירע באַקן פֿלאַמען, ווי געאָרגינעס. ער שפּיליעט אָפּ די דעקע, טוט זי אַ הייב, און אַזוי זי טראָגנדיק אויף די הענט, גייט ער אַריין אין שטוב, ווייל די טיר איז דאָך שוין ברייט צעעפֿנט - די באָבע האָט גלייך דערהערט, אַז ער איז צוגעפֿאָרן. זי, מאַריטע, זיצט, שטרעקט אים אויס איין האַנט, און די אַנדערע, ער ציט אַראָפּ פֿון איר דעם פֿעלץ, נעמט אַראָפּ די הוט פֿון איר קאָפּ. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף די קני, ציט אַראָפּ די וואָלינקעס פֿון אירע פֿיס. די באָבע דערלאַנגט די מעשטעס, וועלכע שטייען אַלע מאָל הינטערן בעט. דערנאָך טוט די באָבע זיך אַ לאָז אין קיך אַריין. איינס און צוויי און שוין געמאַכט הערינג. קיכלעך איז דאָ פֿון שבת. ווישניק מיט גלעזעלעך פֿעלן אויך נישט. איך שטיי און קוק, ווי יוסטינעס האָדעוועט דאָס ווייב. דאָס וווּנדערט מיך נישט, ווייל זי איז אַזוי בונט, ווי מיר דאַכט זיך, אויף אירע ליכטיקע האָר האַלטן זיך ערטערווייז טראָפּנדלעך וואַסער פֿונעם צעגאַנגענעם שניי און דאָס זעט אויס ווי בלאַנקע שפּילקעלעך. מאַריטעס אויגן זענען אַראָפּגעלאָזט, זי עפֿנט אויף דאָס מויל פּונקט דאַן, ווען יוסטינעס טראָגט צו דעם גאָפּל צו אירע ליפּן. איך וואָלט אַזוי געשטאַנען לעבן טיש און געקוקט, און געקוקט, אָבער מיר איז פֿאַרשטערט מיין נייגעריקייט, ווייל צווישן דער טיר און דער וואַנט האָט יוסטינעס אַוועקגעשטעלט די בייטש. דאָס איז זייער אַ וואַזשנע בייטש, מיט פֿרענדזעלעך און מיט אַ געפֿאַרבטן בייטש-שטעקל. איך ווייס שוין, בעת יוסטינעס וועט אָנהאָדעווען דאָס ווייב, וועט אויסטרינקען די גאַנצע פֿלאַש ווישניק, וועט ער זיך לאַנג נישט פֿאַרזאַמען. ער וועט אָנטאָן זיין מאַריטען דעם

פעלץ, די הוט, דערנאָך וועט ער אָנטאָן די וואַלינקעס, ער וועט וואַרטן ביז דער זיידע וועט אַרויספאָרן מיטן שליטעלע פון טויער און וועט אַרויסגיין מיט מאַריטען אויף די הענט צום שליטעלע. און דאַן וועט די באָבע, ווי אַלע מאָל, הייסן!

– טראָג אַרויס און דערלאַנג אים די בייטש!"

און, ווי אַלע מאָל, וועל איך נישט פאָלגן. איך האָב פיינט די בייטש. דער זיידע האָט שוין נישט איין מאָל געזאָגט:

– ס'וויבל קען ער אַריינטראָגן – אַרויסטראָגן, און די בייטש קאָן ער נישט בייקומען?"

מיך אַרט נישט וואָס ער טראָגט אַריין און טראָגט אַרויס מאַריטען. איך האָב פיינט די בייטש כאָטש די בייטש איז מיט פרענדזעלעך, און דאָס בייטש-שטעקל איז אויסגעמאָלט, ווייס איך, אַז ווען מע גיט מיט דעם אַ שמיץ, פילט מען דאָס גאַנץ גוט.

– וואָס שטייסטו, האָסט נישט געהערט, וואָס כ'האָב געזאָגט? דערלאַנג די בייטש!"

איך פאָלג נישט. יוסטינעס גייט אַליין נאָך דער בייטש. אינגיכן הערט זיך ווי ער טוט אַ געשריי "וויאָלנאָס!", וואָס איז דער טייטש "טיוול". די באָבע מאַכט אַ פּאַר טריט צו מיר, איך גיי צום זיידן. אַזוי שטיי איך, דער זיידע אַנטקעגן דער באָבען:

– גלעט איר, גלעט איר די בעקלעך, וועסט האָבן פון איר נחת – זאָגט די באָבע.

אָבער שפּעטער אַ ביסל, ביי וועטשערע, גיט מיר דער זיידע אַ גריוונע און זאָגט גאַנץ הויך!

– אַט האָסטו דערפאַר, וואָס דו האָסט נישט אַרויסגעטראָגן די בייטש.

---

**מ. וואַלדמאַן / פּאַריז**

## אימפּראָוויזאַציעס

### ביי די בילדער פון ארדון *

צום אָנדענק פון קינסטלער

גיבענטשטער דו צו זען אין העל-פּאַרביקייט די וועלט
אויפגעשטראַלט מיט ליכטער, וואָס עס צינדן דיינע הענט,
אין פּורפּור-רויט, בלוי אויף גרוי – מיט זון אַלץ צעהעלט
– ווער איך אין דער פאַרבן-וועלט אויך אַריינגערעמט.

פון הימלען פייגל קומען, אַ קרייז אין קרייז צעשטעלט
און אותיות גרינע, בלויע, ווי די פייגל שוועבן פריי.
גיבענטשטער דו אין העל-פּאַרביקייט צו זען די וועלט,
ווען בערג און טאָלן וויינען מיט פּיין און גרויער וויי.

און איך ווער אין דער פאַרבן-וועלט אויך אַריינגערעמט.

---

* אין יולי חודש פ.י., געגוי צו זיינע 96 יאָר, איז אין ירושלים אויסגעגאַנגען אַ גרויסער יידישער קינסטלער. זיינע בילדער געפינען זיך אין מוזייען איבער דער גרויסער וועלט, ווי רעפּרעזענטאַנטן פון דער נייער ישראלדיקער קונסט-שאַפונג.

משה וואָלף

# סטאַלינס פאַרשפּילטע מלחמה קעגן די יידן

## (40 יאָר נאָך דעם בלוט־בלבול קעגן די יידישע דאָקטוירים)

„ברידער מיר טראָגן אַ דרייפאַכיקע קייט / און אַלע יידן, שקלאַפן, אַלע דענקער / מיר ווערן געיאָגט, געמאַטערט צום טויט / פון אַנטיסעמיטן און הענקער".

דוד עדעלשטאַט

## א

אין פּרץ מאַרקישעס ראָמאַן „טראָט פון דורות" ווערט געבראַכט אַ שמועס, וואָס קומט פאָר צווישן שייע רײַנגאָלדן און זיין זון:

„...צי קאָנסטו מיר זאָגן, זון מיינער, פאַרוואָס ביי יעדן פאָלק אויף דער וועלט ציילט מען די ספירה פון מלחמה צו מלחמה? (...) און ביי יידן גייט די ספירה נאָר אויף שחיטות... אַז דאָס איז פאָרגעקומען ערב די גאָנטע־פּאָגראָמען... און נאָכהער דערמאָנט מען זיך אין פּאָרטוגאַל און אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, און אַזוי גייט די פּאָגראָם־ספירה פון זינט ס׳חרוב געוואָרן דער בית־המקדש. קיין אַנדער ספירה האָבן מיר ניט. כ׳האָב מורא, זון מיינער, אויב עמיצער פון אייך וועט בלייבן לעבן, וועט ער מיך דערמאָנען לויט דעם זעלבן פּאָגראָם־קאַלענדאַר: דאָס איז געווען נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעשאָכטן די געטאָ אין וואַרשע... אַזוי, אַזוי, זון מיינער. די ספירה איז, ווייזט אויס, אַן אייביקע"...

צום באַדויערן, אַזוי איז עס טאַקע. מען מוז אָבער אַ ביסל דערגאַנצן דעם דאָזיקן שחיטה־קאַלענדאַר. די ספירה פון די שחיטות, וואָס זענען פאָרגעקומען בעת פּרץ מאַרקיש האָט נאָך געלעבט, האָבן געהאַט זייער המשך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַפילו נאָך דעם ווען דער גרויסער פּאָעט, דער מחבר פון דעם אויבן ציטירטן ראָמאַן, איז לויט סטאַלינס באַפעל דערשאָסן געוואָרן.

עטלעכע פון די שחיטות מוז מען דאָ דערמאָנען, און דווקא אין מאַרקישעס נוסח:

....און דאָס איז געווען נאָך דעם ווי עס זענען אַרעסטירט, פאַרשיקט און דערמאָרדעט געוואָרן צוויי טויזנט יידישע און העברעישע שרייבערס... און דאָס איז פאָרגעקומען בעת די מאַסן־אַרעסטן פון יידן אין ביראָבידזשאַן... און נאָכהער... בעת דער קאַמפּאַניע קעגן די קאָסמאָפּאָליטן, וועלכע האָבן „פאַרלייקנט זייער אָפּשטאַם און זיך אויסבאַהאַלטן אונטער רוסישע פּסעוודאָנימען"... און אַזאַ און אַזאַ מעשה איז געשען נאָך דעם ווי עס איז אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן שלמה מיכאָעלס, און דאָס איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי מען האָט ליקווידירט דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, דערשאָסן זיינע מיטגלידער, די טאַלאַנטפולסטע יידישע שרייבער און פּאָעטן, און צווישן זיי אויך דעם מחבר פון די אויבן געבראַכטע ספירות – פּרץ מאַרקישן.

יאָ „די ספירה איז ווייזט אויס אַן אייביקע".

די דאָזיקע ספירות– חורבן־ספירות – באַווייזן אַז די שנאה צו יידן אין דעם אַמאָליקן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט איר רייכע, און נישט אויסגעלאָשענע היסטאָריע. גערעכט איז אַ. פאַדריאַטשיק וועלכער דערקלערט, אַז אין דער געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם איז סטאַלינס יידן־האַס דער געפערלעכסטער. ווייל אַלע אַנדערע שונאי־ישראל האָבן זייער

פיינטשאַפט צו אונדז דערקלערט אָפן - נלכה ונהרגהו. סטאַלינס שנאה צו אונדז איז געווען איינגעהילט אין אַ פאַלשן מאַנטל פון סאָציאַלן יושר און פעלקער-פריינדשאַפט. נאָך מער! במשך פון לאַנגע יאָרן האָט דער טיראַן געלערנט און געפּאָדערט פאַרלייקענען די יידן ווי אַ נאַציע. לויט סטאַלינס פאַרקריפּלטער פאָרמולע האָבן יידן ווי אַ נאַציע קיין מאָל נישט עקזיסטירט, און ווי אַזעלכע האָבן זיי קיין מאָל אין דער היסטאָריע, אין דער וויסנשאַפט, קולטור און קונסט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע. "לייקענען, אַבסאָלוט נעגירן די עקזיסטענץ פון אַ נאַציע און איר ראָלע אין דער געשיכטע איז נישט קיין קלענער מאָראַליש פאַרברעכן ווי פיזיש זי פאַרניכטן." (א.. פאָדריאַטשיק: "שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך", ז' 211).

באַזונדערס האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם (אין געוו. ס"פ) ציפלאַקערט אין די נאָך מלחמה-יאָרן. צום סוף פון 1948 יאָר האָט מען שוין אָנגעהויבן אַראָפּנעמען יידן פון פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס. נאָך דער פאַראייניקטער סעסיע פון צוויי (וויסנשאַפטלעכע און מעדיצינישע) אַלפאַרבאַנדישע אַקאַדעמיעס (1951) אויף וועלכער עס זענען "דעמאַסקירט" געוואָרן באַוווסטע יידישע פּראָפעסאָרן און אַקאַדעמיקער (פסיכאָלאָגן, פיזיאָלאָגן און פסיכיאַטרן וואָס האָבן נעגירט די מאַטעריאַליסטישע לערע פון י.פּ. פּאַוולאָוו, זיין "מאַרקסיסטישע" טעאָריע וועגן באַדינגטע און אומבאַדינגטע רעפלעקסן, האָט מען אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט אַ היפשע צאָל באַוווסטע יידישע פּראָפעסאָרן און אַקאַדעמיקער. באַפרייטע פון זייערע שטעלעס (אין מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו, מינסק און אַנדערע גרויסע שטעט, האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען און אַוועק אין די ווייטע מזרח-אָדער - צפון-שטעט און דאָרט זוכן אַרבעט. איינס פון די מיטלען צו פאַרטרייבן יידן פון מאָסקווע איז געווען זייער מאָביליזאַציע אין פאַרשיידענע אַרמיי-טיילן. אַזוי בין איך אויך סוף 1949 יאָר, צוזאַמען מיט נאָך 179 מאָסקווער יידישע דאָקטוירים, אַרויסגערופן געוואָרן אין מיליטער-קאָמיסאַריאַט וווּ מען האָט אונדז געגעבן רוף-צעטלען לויט וועלכע מיר האָבן געמוזט במשך פון 48 שעה פאַרלאָזן מאָסקווע און מעלדן זיך אינעם מזרח-הויפּט-שטאַב (כאַבאַראָווסק) און פון דאָרטן איינגלידערן זיך אין מיליטער-טיילן, וואָס האָבן זיך פאָרמירט כדי צו העלפן צפון-קאָרעע אין איר מלחמה קעגן דעם דרום-טייל פון דאָזיקן האַלב-אינדזל און קעגן דעם "אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם".

גאָר אין גיכן האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מען האָט אונדז מאָביליזירט נישט צוליב אהבת קאָרעע, נאָר צוליב שנאת ישראל. אָבער דערגיין צו דער קאָנקרעטער סיבה האָבן מיר נישט געקאָנט. אַפילו נאָכפרעגן זיך איז געווען געפערלעך. ערשט דעמאָלט ווען ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די מעלדונג וועגן דער "דאָקטוירים פאַרשווערונג" אין לאַנד האָבן מיר באַנומען, אַז אויך אונדזער מאָביליזאַציע איז געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער "פאַרשווערונג".

כדי קלאָר מאַכן פאַרוואָס גראָד די דאָקטוירים זענען "אויסגעקליבן" געוואָרן פאַר דעם שעיר לעזאזל דאַרף מען אָנווייזן אויף אייניקע וויכטיקע פאַקטן:

אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז נישט געווען קיין מער "יידישע" פּראָפעסיע ווי די מעדיצינישע. אין 1951 יאָר זענען אין דער מעדיצין געווען באַשעפטיקט 215,000 דאָקטוירים, און צווישן זיי נישט ווייניקער פון 35,000 (16,5 פּראָצ.) יידן, בעת די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט געציילט ווייניקער ווי איין פּראָצ. איינוווינער פון לאַנד.

צו דאָקטוירים בכלל, און צו יידישע בפרט, האָט סטאַלין נישט געהאַט קיין צוטרוי. ער פלעגט נישט איין מאָל איבערחזרן זיין פאַרגייערס - איוואַן גראָזניס - אַפּאָריזם: "דאָקטוירים ברענגען אום מענטשן אין פרידן־ציין אַ סך מער ווי גענעראַלן אין צייטן פון מלחמה". און ער פלעגט נאָך צוגעבן: "די געפערלעכסטע פון זיי זענען די יידישע עסקולאַפּן". סטאַלינס טאָכטער, סוועטלאַנאַ אלילויעוואַ, שרייבט אין אירע זכרונות וועגן פאָטער, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געוואָלט נעמען קיין רפואות, און ווען ער איז געווען געצוווּנגען עס צו טאָן, האָבן צוערשט געמוזט איינעמען די רפואות די דאָקטוירים אַליין.

אין 1927 יאָר, נאָך דעם ווי דער וועלט־באַוווּסטער אַקאַדעמיקער (פּסיכיאַטער) מ. בעכטיערעוו האָט נאָך אַן אונטערזוכונג פעסטגעשטעלט, אַז סטאַלין ליידט פון פּאַראַנאָיע (ווילדע, פאַנטאַסטישע פאַרטראַגנקייט), האָט דער לעצטער געהייסן אים אָפּסמען. די באַוווּסטע פּראָפעסאָרן לעווין און פלעטניאָוו זענען בשעתם פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף, ווייל לויט סטאַלינס מיינונג האָבן זיי "אָפּגעסמט" מ. גאָרקין. סטאַלין איז געווען איבערצייגט, אַז פינף יידישע פּראָפעסאָרן בראָש מיט דעם פאַרדינסטפולן אַקאַדעמיקער באָריס קאָגאַן האָבן נישט ריכטיק געהיילט דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דימיטראָוון און אויך צוויי פון סטאַלינס נאָענטסטע מיטאַרבעטער, מיטגלידער פון פּאָליט־ביוראָ, זשדאַנאָוון און שטשערבאַקאָוון, און דאָס האָט גורם געווען צו זייער פריצייטיקן טויט.

דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן ביי סטאַלינען אַ ברענענדיקן צאָרן און נאָך מער פאַרשאַרפט זיין פּאַטאַלאָגישע שנאה צו די יידישע דאָקטוירים. אין 1949 יאָר האָט ער פאַראָרדנט צו אַרעסטירן דעם הויפּט־דאָקטאָר פון באָטקין־שפּיטאָל ב. שימעליעוויטשן און די אַקאַדעמיקערין לינא שטערן. ביידע זענען זיי געווען מיטגלידער פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. ב. שימעליעוויטש איז דעם 12 אויגוסט 1952 דערשאָסן געוואָרן. אין אָנהייב 1951 איז אַרעסטירט געוואָרן דער רומפּולער און באַגאַבטער דיאַגנאָסט און עלעקטראָקאַרדיאָגראַפיע מומחה יעקב עטינגער. אין גיכן זענען אַרעסטירט געוואָרן זיינע אַסיסטענטן, די פּראָפעסאָרן סאָפיע קאַרפּאַי און די ברידער בנימין און יצחק נעזשין. אַלע זענען זיי באַשולדיקט געוואָרן אין "פאַלסיפיצירן" זשדאַנאָווס עלעקטראָקאַרדיאָגראַפיע טעסטן. אין דער זעלבער צייט איז אויך אַרעסטירט געוואָרן דער אַקאַדעמיקער משה קאָגאַן. זיי זענען פאַרפייניקט געוואָרן אין תפיסה.

די מאָס פון סטאַלינס האַס צו די דאָקטוירים האָט איבערפולט דער באַזוך פון זיין צוממיינסטן אָנפאַרטרויטן, פערזענלעכן לייב־דאָקטאָר פּראָפ. ווינאָגראַדאָוו, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיין פּאַציענט ליידט פון היפּערטאָניע, קאַרדיאָ־און צערעבראָ־סקלעראָז און מוז צייטווייליק איבעררייסן זיין אָנגעשטרענגטע אַרבעט, ניייטיקט זיך אין דרינגלעכער מעדיצינישער הילף, אָפּרו און אין אַ ספּעציעלער דיעטע. ווען סטאַלין האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט האָט עס אַרויסגערופן ביי אים אַ פּאַראָקסיזם פון שרעקלעכער רציחה. לויט נ. כרושטשאָווס זכרונות, האָט סטאַלין אָנגעהויבן שרייען: "אין קייטן, אין קייטן פאַרשמידט אים, דעם פאַרעטער... צוזאַמען מיט אַלע זיינע פאַרשאָלטענע העלפערס!" געווען איז דאָס אין אָנהייב 1952.

...אין צוזויפשטעלן דעם בילבול אויף די דאָקטוירים האָבן אָנטייל גענומען דער

מיניסטער פֿאַר מלוכה־זיכערהייטדינסט גענעראַל איגנאַטיעוו, דער אָנפֿירער פֿון אויספֿאָרשונג־קאָמיטעט פֿאַר באַזונדערס וויכטיקע ענינים ביים דערמאָנטן מיניסטעריום מ. ריומין, דער עלטערער אויספֿאָרשער פֿראַדקין, דער אויספֿאָרשער ליוטאָסטאַנסקי און די געהיימע "קלאַפּערן", די מסורטע לידיאַ טימאַשוק. זי האָט עס אָנגעשריבן די מסירה אויף די דאָקטוירים, אַז זיי זאָלן האָבן געפֿעלשט די עלעקטראָקאַרדיאָגראַפֿיע טעסטן און געגעבן די קראַנקע נישט געהעריקע רפֿואות. די מסירה־מעלדונג איז איבערגעגעבן געוואָרן סטאַלינען און דאָס איז געווען דער ראש פּנה און איבערצייגעוודיקער מאַטעריאַל צום באַשולדיקן און אַרעסטירן די דאָקטוירים. אויף אָט דער מעלדונג האָט סטאַלין אייגנהענטיק אָנגעשריבן זיין רעזאָלוציע: "ביט, ביט, ביט". (שלאָגן, שלאָגן, שלאָגן...) ער האָט אַרויסגערופֿן דעם מיניסטער איגנאַטיעוון און אים דראָענדיק געוואָרנט: "אויב וועסט נישט דערפֿירן דעם ענין צו אַן איבערצייגעוודיקן סוף, וועסטו בלייבן אָן אַ קאָפּ!"

לויט פֿאַרשיידענע אַנטפּלעקטע געהיימע אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס האָבן דערזען די שיין די לעצטע יאָרן, האָט דער צוגעגרייטער "ענין" (פֿאַרס) זיך באַזירט אויף דריי יסודות:

1. אָנטייל נעמער - יידן. נישט קיין אָריגינעלע, אָבער דאָך אַ שטענדיק אַקטועלע אידעע.

2. די פֿאַבולע - אַ גיגאַנטישע פֿאַרשווערונג פֿון דאָקטוירים קעגן סאָוועטישן פֿאָלק, קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און קעגן סטאַלינען.

3. די הויפּט־שוישפּילער - יידישע דאָקטוירים, פֿאַרביסענע פֿאַרברעכערס, שפּיאָנען, דיווערסאַנטן...

איצט איז געבליבן בלויז צוטערטן צו די רעפּעטיציעס, וואָס האָבן געזאָלט זיך פֿאַרענדיקן מיט אַן עפֿנטלעכן פּראָצעס, אויפֿהענגען די "מערדער־דאָקטוירים", און מיט אַן אויפֿברויז פֿון אַלפֿאָלקישן צאָרן - מיט עטלעכע פּאָגראָמען - און לסוף, מיט אַ ווענדונג פֿון די לעבן געבליבענע יידישע קולטור־טוערס צו דעם "פֿאָטער פֿון די פֿעלקער" ער זאָל זיך דערבאַרעמען און ראַטעווען די יידישע באַפֿעלקערונג, באַשיצן זי פֿון דעם באַרעכטיקטן פֿאָלקס־צאָרן, און צוליב דעם באַזעצן די יידן אין ספּעציעלע רעזערוואַטן אין די ווייטע צפֿון־קאַנטן. און די רולעטקע האָט זיך אַ דריי געטאָן...

ב

"און דער טייוול דאָרט פֿראַוועט באַל / פֿראַוועט באַל / אויף דער ערד דער גאַנצער דור / גיט אָפּ כבוד דעם אָפּגאָט נאָר / און דער טייוול פֿראַוועט באַל".

(געטע: פֿאַוסט. פֿרייע איבערזעצונג)

און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די צייט און זי האָט אָנגעהויבן לויפֿן צוריק, ווייט העט אַהין... צו די צייטן פֿון גאָנטע און קישענעוו־פּאָגראָם, צו די צייטן פֿון גירוש־גרמניה, גירוש־פֿראַנקרייך, ביז די צייטן פֿון דער אינקוויזיציע און גירוש־שפּאַניע...

...און אַ ווירבל־שטורעם האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דעם באַזונגענעם און באַליבטן זעקסט־חלק פֿון דער ערד. און אַ גיגאַנטישער סערפּ האָט געדראָט אויסצושניידן אַלע זאַנגען, וואָס האָבן סימבאָליזירט דאָס בליענדיקע לאַנד אויף דעם סאָוועטישן הערב...

און אַ וויסטער, ווילדער שטורעם האָט געריסן די דעכער פֿון די הייזער, צעפּראַלט די

טירן פון די פֿאַרשלאָסענע דירות. און הויפּנס ערד האָט דער שטורעם געוואָרפֿן צום הימל, צעמישט די ערד מיט שניי, מיט ווייסן שניי, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פֿאַלן און פֿאַלן. און דער געמיש פֿון זאַמד און שניי האָט געשמיסן אין די פּנימער, פֿאַרקלעפּט די אויגן־לעפֿלען און פֿאַרבלענדט די אויגן.

און פֿון טאָג איז געוואָרן נאַכט. אַ פֿינצטערע נאַכט וואָס האָט זיך געצויגן מער ווי אַ יאָר. אַ בייזע, אַ שרעקלעכע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם גאַנצן לאַנד און האָט קיינעם נישט געלאָזט שלאָפֿן. נישט די הענקער און נישט זייערע קרבנות.

...אַ גאַנצע נאַכט האָבן לאַסט־אויטאָס געפֿירט אין די טורמעס, האַלב־לעבעדיקע יידן דאָקטוירים, דאָצענטן, פּראָפֿעסאָרן און אַקאַדעמיקער. און אויך צומאָרגנס, און אויך אַ גאַנצע וואָך, און חדשים. ווייט האָט מען זיי געפֿירט, אין שחיטה־הויז, ווייל די צאָל אַרעסטירטע איז געוואַקסן אַלץ העכער און העכער. אין די קאַזעמאַטן האָט מען זיי געפּייניקט ביז צום טויט. טייל האָבן שוין דאָרט אויסגעהויכט זייערע נשמות. אַנשטאָט דעם פֿאַרפּייניקטן פּראָפֿעסאָר משה קאָגאַן האָט מען געבראַכט זיין ברודער - דעם נאָך מער פֿאַרדינסטפֿולן באַריס קאָגאַן. און אופֿן אָרט פֿון דעם ביז טויט דערשלאָגענעם עטינגערן, האָבן זיי איינגעזעצט זיין זון. אויפֿן אָרט פֿון דעם דערשאָסענעם דאָקטאָר שימעליעוויטש - דעם באַוווּסטן פּאַטאָלאָג יעקב ראַפּאַפּאָרטן. אין דער לוביאַנקע־תּפֿיסה זענען פֿאַרשפּאַרט געוואָרן די פּראָפֿעסאָרן זעלענין, זעלינסקי, שערעשעווסקי, פעלדמאַן, פּייגעל, גרינשטיין, געלשטיין, מ. סערעיסקי, סבאַרסקי און אַ סך אַנדערע.

זיי האָבן געמעגט שווייגן, אָפּלייקענען זייער שולד, ציטערן אָדער שרייען... אָבער סוף כל סוף האָבן זיי געמוזט אָנרופֿן נייע און נייע נעמען...

און אָט ווי אַזוי דאָס האָט אויסגעזען:

די ברידער וויינער[1] באַשרייבן די אויספֿאָרשונג פֿון דעם פּראָפֿ. משה קאָגאַן און זיין אַסיסטענט, דאָצענט ראָזענבאַום אויף אַזאַ אופֿן:

"פֿון דער היים האָט מען אים (משה קאָגאַנען - מ.וו.) געבראַכט צופֿירן פֿיר אַזייגער אין דערפֿרי. דריי שעה איז ער אָפּגעשטאַנען אין אַן ענגן "באָקס" און פֿון דאָרט האָט מען אים אַוועקגעפֿירט אין קאַבינעט פֿון דעם אויספֿאָרשער ריומין. אין אַ ווינקל אויף אַ טאַבורעטקע, צוגעשרויפֿט צום דיל איז געלעגן אַ... בינטל ביינער - דאָס אַלץ וואָס איז געבליבן פֿון דאָצענט ראָזענבאַום. זיין פּנים איז געווען צעצוקט און באַדעקט מיט פֿרישע בלוטיקע ווונדן און בלויע פֿלעקן. פֿון רעכטן אויער האָט זיך געצויגן אַ שוואַרץ שטראָמעלע בלוט. משה קאָגאַן האָט דערפֿילט, אַז די כּוחות פֿאַרלאָזן אים...

דריי טעג און דריי נעכט האָט מען געמאַטערט דעם אַקאַדעמיקער משה קאָגאַן, אויף דעם פּערטן מעת־לעת, כּמעט שוין אָן באַוווּסטזיין, האָט ער געגעבן צו וויסן, אַז ער איז מסכּים אַלץ אונטערצושרייבן, נאָר בתּנאַי מען זאָל אים פֿריער געבן די מעגלעכקייט צו שלאָפֿן כאָטש אַ פּאָר שעה. די מערדער האָבן אויסגעפֿילט זיין פֿאַרלאַנג. אָבער צומאָרגנס, ווען מען האָט אים פֿאָרגעלייגט אונטערצושרייבן דעם שוין אָפּגעדרוקטן פּראָטאָקאָל, האָט ער גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ און מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז.

- איר האָט מיך פֿאַרפּייניקט, איר האָט מיך דערהרגעט... אָך, ווי עס ברענט ביי מיר

1) די ברידער וויינער: "דער עוואַנגעליום פֿון אַ תּלין" (אין רוסיש.) מאָסקווער 1991

אָט דאָ... אינעווייניק... אַ קאַפּ וואַסער! אַ ביסעלע שניי... צוויי וועכטער האָבן נייער אומגליק דעם טויטן קערפּער.

אין אַ טאָג אַרום האָט מען אַריינגעפירט אין דעם זעלבן קאַבינעט דעם גענעראַל מיראָן וואָווסי. זיין אויספאָרשונג האָט געדויערט אַ סך קירצער.

– דאָס ביסטו, אַבראַשאַ, וואָס האַלט זיך פאַר אַן אַקאַדעמיקער – האָט אים מיט רציחה אַ פרעג געטאָן דער זעלבער ריומין.

– איר האָט נישט קיין רעכט צו רעדן אַזוי פרעך צו מיר – האָט אויפגערעגט געענטפערט וואָווסי. – איר זענט דאָך אַ מלוכה־אָנגעשטעלטער, און אַוודאי אַ קאָמוניסט דערצו!

– און דו, זשידיוגאַ, ביסט אויך מסתמא אַ באָלשעוויק? – האָט מיט פאַרסמטן סאַרקאַזם זיך צעשריגן דער אויספאָרשער.

– יאָ, איך בין אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי זינט 1918־טן יאָר. און איך מוז אייך דערמאָנען, אַז איך בין דער הויפּט־טעראַפּעווט פון דער סאָוועטישער אַרמיי, גענעראַל־מאַיאָר, און במשך פון דער גאַנצער מלחמה־צייט געווען אויפן פראָנט.

– און האָסט מסתמא אויך אָרדנס – האָט גיפטיק געשמייכלט דער תלין.

– איך האָב 22 מלוכה־אָרדנס און מעדאַלן.

–הער, בראַווער זשיד, דערצייל בעסער וואָס וואָלט איר געטאָן ווען עס וואָלט אייך געלינגען צו הרגענען סטאַלינען?

– איך האַלט, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע – האָט בייז געענטפערט וואָווסי.

– צי איז דיר באַוווסט דער נאָמען פון דעם יידישן נאַציאָנאַליסט, פון דעם פאַרעטער און שפּיאָן, דעם ציוניסט שלמה מיכאָעלס?

– יאָ, באַוווסט, ער איז מיין ברודער.

פון גרויס פאַרגעניגן האָט ריומין אַ שטורך געטאָן וואָווסין אין די ריפּן. – דו ווייסט מסתמא – האָט ער שמייכלענדיק אַ פרעג געטאָן – ווי שטרענג מיר זענען זיך באַגאַנגען מיט אים?

– יאָ, איך ווייס, איר האָט אים דערהרגעט אין מינסק. מיט אַ ברוך־אייזן אים צעפּלעטט דעם קאָפּ.

– אויב אַזוי – האָט ריומין געעצהט וואָווסין – קער זיך אום צו דיין פאַרשטאַנד. כדי די פאַרלוסטן זאָלן זיין מינימאַלע, באַמי זיך מיט אַלע כוחות העלפן אונדז אַנטפּלעקן ביזן סוף די פאַרשווערונג.---

(וואָווסי) האָט פאַרדעקט מיט די הענט זיין פּנים און אַרויסגעהויכט: – די וועלט גייט אונטער, קיינעם קאָן מען שוין נישט ראַטעווען און דאָס שלעכטס קאָן מען נישט אויסראָטן!...

און פון ראַדיאָ־קעסטל האָט זיך געלאָזט הערן ש. רייזענס באַס – "און דער טייוול דאָרט פראַוועט באַל / פראַוועט באַל"...

ג

"וואָס בילן זיי די הינט? אויף זייערע קעפּ / דאָס לעצטע ביסל שלאָף זיי רויבן אָפּ / וואָס טראָגן זיי, וואָס ברענגען זיי דער וועלט? / אַ נייער אומגליק האָט דער וועלט פאַרפּעלט?"

ש. האַלקין: "מיין אוצר", ז' 106.

אָט די אַלע געשעענישן זענען פֿאָרגעקומען פֿאַר דער אָפֿיציעלער מיטטיילונג וועגן דער דאָקטוירים־פֿאַרשווערונג. אָבער וועגן דעם, אַז עס קומט פֿאַר עפּעס שוידערלעכס, האָט מען שוין פֿון לאַנג שטילערהייט גערעדט צווישן נאָענטע און פֿרײַנד. וועגן דעם, אַז עס זענען באַזייטיקט געוואָרן פֿון די העכסטע פּאָסטנס די באַוווּסטע און רומפֿולע פּראָפֿעסאָרן און אַקאַדעמיקער האָבן געוווּסט פּיל מענטשן. אָבער דעם אמת וועגן זייער פֿאַרשווּנדן האָבן געוווּסט נאָר די משפּחה־מיטגלידער. אַנדערע האָבן געקאָנט נאָר זיך אָנשטויסן.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ קאַלטער ווינטער. עס האָט זייער אָפּט געשנייט און געשטורעמט. באַזונדערס שווער איז געווען די נאַכט פֿון 12־טן אויפֿן 13־טן יאַנואַר 1953. פּלוצעם האָט אויפֿגעציטערט די ערד, אַ דונער האָט צעשפּאָלטן די וועלט. דער ראַדיאָ האָט געגעבן צו ווּיסן, אַז עס איז "אויפֿגעדעקט געוואָרן" אַ גרופּע יידישע דאָקטוירים־מערדער, וועלכע האָבן זיך געגרייט אומצוברענגען דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד...

און אויף דער גאַס זענען שוין געשטאַנען מענטשן מיט צייטונגען אין די הענט. אַ סך פֿון זיי, אויפֿגעבראַכטע, איבעררעאַשטע, האָבן מיט גרימצאָרן געטופּעט מיט די פֿיס, געפּאָכעט מיט פֿאַרביילטע פֿויסטן און דראָענדיק געשריגן:

– שניידן, אויסשניידן דאַרף מען זיי אַלע! פֿאַרשאָלטענע זשידעס!

פֿון די צענטראַלע צייטונגען האָט זיך די וועלט דערוווּסט וועגן דער גרעסטער אַנטיסעמיטישער פּראָוואָקאַציע פֿונעם יאָרהונדערט. אין דער גאַנצער וועלט האָט דער "ענין פֿון דאָקטוירים" און די קלאַנגען וועגן דער ראַסיסטישער העצע קעגן יידן אַרויסגערופֿן געשפּאַנטקייט און אויפֿרעגונג. אין מאָסקווע האָט מען פֿיבערדיק געוואַרט אויף דעם פּראָצעס פֿון די "דאָקטוירים־מערדער", נאָר קיינער האָט נישט געוווּסט פֿאַרוואָס מען לייגט אים אָפּ פֿון טאָג צו טאָג. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרחושכטע, מענטשן האָבן מורא געהאַט צו רעדן איינער צום צווייטן, אין די ביישטאָטישע עלעקטראָ־באַנען איז געווען געפֿערלעך צו פֿאָרן. יידן האָבן מורא געהאַט צו שיקן די קינדער אין שול אַריין ווייל מען האָט זיי דאָרט אָפּן געזידלט און אַפֿילו געשלאָגן.

אין דער זעלבער צייט זענען הינטער די קוליסן, שטרענג געהיים, פֿאָרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן דעציִדירט וועגן דעם סוף פֿון דער אַוואַנטורע, דעם ערשטן און לעצטן דורכפֿאַל פֿון דעם טיראַן י. וו. סטאַלין. געשעענישן וואָס האָבן דערפֿירט צום פֿאַרשפּילן די מלחמה וועלכע ער האָט געפֿירט במשך 25 יאָר קעגן די יידן.

אייניקע פּרטים וועגן דעם דורכפֿאַל דערציילט אונדז זינאָווי שייניס[2] (איינער פֿון די אויספֿאָרשערס וואָס איז באַזייטיקט געוואָרן פֿון דער אַרבעט בעת דעם אויספֿאַרשונג־פּראָצעס וועגן ש. מיכאָעלסעס טויט), און אויך דער שרייבער לואיס ראַפּאַפּאָרט.[3]

אין אָנהייב 1953 יאָר זענען צו איליאַ ערענבורגן אַהיים געקומען דער אַקאַדעמיקער מינץ און דער געוו. גענעראַל־דירעקטאָר פֿון דער סאָוו. טעלעגראַפֿן־אַגענטור כאַוועסאָן. זיי האָבן מיט זיך געבראַכט אַ פּראָיעקט פֿון אַ בריוו צו סטאַלינען אין

2) זינאָווי שייניס: פּרטים פֿון דעם דאָקטוירים־ענין. "סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. נומ־11־12, 1991.

3) לואיס ראַפּאַפּאָרט: "סטאַלינס מלחמה קעגן די יידן" (ענגליש), ניו־יאָרק 1990.

וועלכן ס'איז געווען אַ בקשה: "די דאָקטוירים-מערדער, די אויסוואורפן זענען דעמאַסקירט, גערעכטיק איז דער צאָרן פונעם רוסישן פאָלק, אפשר וועט דער חבר סטאַלין געפינען פאַר מעגלעך אַרויסצוווייזן גנעדיקייט און באַשיצן די יידן פונעם גערעכטיקן צאָרן מצד דעם רוסישן פאָלק און אַרויספירן זיי אונטער אַ וואַך אין אַ ראַנד-געגנט פונעם לאַנד". זיי האָבן געלאָזט וויסן ערענבורגן, אַז אַרום מאָסקווע שטייען גרייט פראַכט-צוגן... אין ביראָבידזשאַן און אין אַנדערע ווייט-צפונדיקע עטרעטער שטייען צוגעגרייט טויזנטער באַראַקן צום באַזעצן די אַרויסגעשיקטע.

די אויטאָרן פונעם בריוו זענען הכנעהדיק איינגעגאַנגען אויף דער דעפּאָרטאַציע פון אַ גאַנץ פאָלק (צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן), האָפנדיק, ווייזט אויס, אַז זיי אַליין וועלן נישט אַרויסגעשיקט ווערן.

ערענבורג איז געווען נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער צו וועמען די דאָזיקע שליחים האָבן זיך געווענדט מיט דער ביטע אונטערצושרייבן דעם בריוו. צווישן אַנדערע זענען געווען דער היסטאָריקער און וויסנשאַפטלעכער אָנפירער פון סטאַלינס טאָכטער סוועטלאַנאַ אליליויעוואַ, דער אַקאַדעמיקער אַרקאַדי סאַמסאָנאָוויטש יערוסאַליםסקי; דער וועלט-באַרימטער זינגער ש. רייזען און דער העלד פון דער וועלט-מלחמה גענעראַל אַ. קרייזער.

ערענבורג האָט וועגן דעם דערציילט זינאָווי שייניסן:

– "אַלע דריי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם בריוו. פּראָפ. יערוסאַלימסקי האָט זיי אַרויסגעטריבן פון זיין שטוב... מינץ האָט געציטערט פון שרעק. כאַווענסאָן איז אַרומגעלאָפן איבערן צימער, בעטנדיק מיט טרערן כ'זאָל אונטערשרייבן. איך האָב זיי אָנגעוויזן אויף דער טיר. איינציטיק האָב איך באַשלאָסן אָנשרייבן אַ בריוו צו סטאַלינען".

דער בריוו איז געווען אַ קורצער און איז דער עיקר באַשטאַנען אין פאָלגנדיקן: "די געשעענישן וואָס זענען פאַרבונדן מיט די יידן, וועלן ברענגען צו די סאַמע שווערסטע צווישנפעלקערלעכע רעזולטאַטן. מיר וועלן אָנווערן אונדזערע פריינד אין דער גאַנצער וועלט. פון אונדז וועט זיך אָפּקערן די אינטעליגענץ פון אַלע ציוויליזירטע לענדער."

סטאַלין האָט אויף דעם בריוו נישט געענטפערט.

סוף פעברואַר 1953 האָט אין דער געביידע פון אַלפאַרבאַנדישן צענטראַל-ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיך געגרייט אַ פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפטלעכקייט. מיט אַ פּאָרטראַג וועגן דעם דאָקטוירים-ענין און וועגן דער אומפאַרמיידלעכער דעפּאָרטאַציע האָט געזאָלט אַרויסטרעטן דער פּראָפעסאָר און ליטעראַטור-פאָרשער גאָלאָווטשענקאָ. זיין אַרויסטריט האָט געזאָלט זיין אַ סיגנאַל צו דער אַקציע.

דער אויטאָמאָביל אין וועלכן גאָלאָווטשענקאָ איז געפאָרן איז שוין געהאַט פאַרביי דריי פערטל פון זיין וועג. אין דער זעלבער צייט האָט מיט אַ האַסטיקער גיכקייט זיך געטראָגן אַן אַנדער אויטאָמאָביל. ער האָט געהאַט אַ באַפעל צו דעריאָגן דעם רעפערענט און אים איבערגעבן אַ פאַראָרדענונג. מיט אַ שאַרפן סיגנאַל האָט דער שליח געגייט גאָלאָווטשענקאָן זיך אָפּצושטעלן און אים איבערגעגעבן דעם באַפעל: "קערט זיך אום, דער פּאָרטראַג ווערט אָפּגערופן."

אַלע היסטאָריקער וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן ווער עס האָט אָפּגערופן דעם

פאַרטראַג קומען צום אויספּיר, אַז דאָס האָט געקאָנט זיין נאָר סטאַלין אַליין. זיי זענען אויך איינשטימיק, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער פּאַל, ווען דער ברוטאַלער דיקטאַטאָר האָט געמוזט אָפּטרעטן (מעגלעך אַז צייטווייליק) פון זיין פאַרברעכערישן פאַרטראַכט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, דערשראָקן פאַר דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט. און דאָס האָט נישט געקאָנט דורכגיין אָן שאָדן פאַר זיין געזונט-צושטאַנד. געווען איז עס דער אָנהייב פון זיין סוף.

*

סטאַלין איז געווען איבערציי‌גט, אַז די יידן נוצן אויס יעדע מעגלעכקייט זיך "אַריינצושמוגלען" אין זיין נאָענטסטער סביבה. די דאָזיקע איבערצייגונג זיינע האָט זיך באַזירט באַזונדערס אויף דעם וואָס אַ ריי פון זיינע נאָענטסטע - קרובים, פריינד, מיטאַרבעטער, מיניסטאָרן, מיטגלידער פון פּאָליט-ביוראָ און פון זיין סעקרעטאַריאַט - האָבן יידישע פרויען און די לעצטע האָבן אַ גרויסע השפעה אויף זייערע מענער. זיי דערוויסן זיך אַלע מלוכה-סודות און גיבן זיי איבער די שונאים פון לאַנד...

דערפאַר טאַקע האָט סטאַלין ביי יעדער געלעגנהייט זיך נוקם געווען און פאַרשיקט די יידישע ווייבער פון די אַרעסטירטע און פאַראורטיילטע "פיינט" און אַפילו פון זיינע נאָענטסטע און פונקציאָנירנדיקע פריינד - מיטגלידער פון דער משפחה און פון פּאָליט-ביוראָ. דער איינציקער וואָס האָט נישט דערלאָזט און מיט געוואַלד פאַרטיידיקט זיין יידישע פרוי קאַטערינע, איז געווען דער העלד פון בירגער-קריג און געוו. פאַרטיידיקונג-מיניסטער ק. וואָראָשילאָוו. ווען די אַגענטן זענען געקומען אַרעסטירן זיין פרוי האָט ער זיי פאַרצוימט דעם וועג און, האַלטנדיק דעם רעוואָלווער אין האַנט געוואָרנט: "אָדער איר וועט מיך שיסן פריער, אָדער איך וועל אייך שיסן, אויב איר וועט פרוון זיך צורירן מיט איין פינגער צו מיין ווייב". די אַגענטן האָבן זיך פאַרבונדן מיט סטאַלינס קאַנצעלאַריע און פון דאָרט האָבן זיי באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן וואָראָשילאָווס הויז.

ה

"דער כעס דער בלוטיקער, ער איז נאָך אַלץ ניט פול אים,/ זיין תלין-האַק, זי האָט נאָך ערגעץ ווו אַ גלאַנץ / און וויל ער איצט דורך שרעקלעכע, דורך סם-בלבולים / אין גאַנצן אָפּדעקן דעם פייגנבלאַט דעם לאַנדס /

------------

נאָר מיט אַ מאָל געליימט געוואָרן איז זיין אָרעם / און ס'איז די האַק אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט".

ש. האַלקין: "דער קאָפּ איז איבערפולט".

"סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 8, 1990.

איצט, ווען עס האָט ענדלעך געדאַרפט אָפיציעל אָנגענומען ווערן דער באַשלוס וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון אַלע יידן פון לאַנד, האָט סטאַלין באַשטימט זיך אָפּצורעכענען אויך מיט וואָראָשילאָוון און מיט זיין יידישער פרוי. דעם 1-טן מערץ 1953 האָט ער צונויפגערופן ביי זיך אין זיין קונצעווער דאַטשע אַ זיצונג פון פּאָליט-ביוראָ, ווו עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אַלע פרטים פון דער דעפּאָרטאַציע. נאָך דעם ווי סטאַלין האָט געענדיקט ריידן וועגן דעם ענין, האָט זיך אין צימער איינגעשטעלט אַ טויטע

שטילקייט. קיינער האָט נישט געוואָלט אָנהייבן רעדן. לסוף האָט ל. קאַגאַנאָוויטש אַ פרעג געטאָן:

- אַלע יידן אָן אויסנאַם?

- מיט אַ געוויסן אויסנאַם - האָט קורץ אָפּגעהאַקט דער דיקטאַטאָר. וו. מאָלאָטאָוו, נישט קוקנדיק קיינעם אין פנים, האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אָנגעהויבן רעדן:

- די דעפּאָרטאַציע פון די יידן וועט האָבן זייער אַ נעגאַטיוון אָפּרוף אין דער גאַנצער וועלט... מיקאָיאַן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז ער איז מסכים מיט מאָלאָטאָוון. נאָך דעם האָט זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט וואָראָשילאָוו, אַריינגשטעקט אַ האַנט אין קעשענע פון זיין פרענטש און, ווענדנדיק זיך נישט צו סטאַלינען נאָר צו די אַנדערע, האָט ער אויסגעשריגן:

- איך דאַרפט אַלע וויסן, אַז היטלערס פּלאַן צו דעפּאָרטירן די יידן פון די אייראָפּעישע לענדער בעת דער מלחמה האָט אויפגעבראויזט די גאַנצע וועלט און זי קעגנגעשטעלט דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד. אַזוי וועט זיין אויך מיט אונדז. - ער האָט אַ ריס געטאָן די האַנט פון זיין קעשענע און אויפגעהויבן זיין פּאַרטיי-בילעט.

"דער פּלאַן צו דעפּאָרטירן די יידן דיסקרעדיטירט אונדזער פּאַרטיי, און איך, ווי אַ קאָמוניסט, קאָן נישט געהערן צו אַזאַ פּאַרטיי." קלימענט וואָראָשילאאו האָט אַוועקגעלייגט דעם פּאַרטיי-בילעט אויפן טיש.

סטאַלינס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ פלאַם-פייערדיקער רויטקייט. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול און מיט רציחה, מיט אַן אויסגעצויגענער, טרייסלענדיקער האַנט, זיך געווענדט צו וואָראָשילאָוון:

- נישט דו וועסט דעצידירן. איך וועל באַשליסן דעם מאָמענט ווען מען וועט ביי דיר צונעמען דעם פּאַרטיי-בילעט. - ער איז געווען פול מיט רציחה, געגלאָצט די אויגן, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זיין פּנים האָט זיך קאָנוולסיוו פאַרקרימט און אַ פאַטאַלער שלאַק האָט אים אַוועקגעשליידערט אויפן דיל. נישט אומקערנדיק זיך צום באַוווסטזיין האָט דער דיקטאַטאָר פאַרענדיקט זיין לעבן און צוזאַמען מיט דעם... אויך פאַרשפּילט די מלחמה קעגן די יידן. "נאָר מיט אַ מאָל געליימט געוואָרן איז זיין אָרעם / און ס'איז די האַק אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט".

*

די אַרעסטירטע האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס אין די ערשטע טעג פון חודש מערץ זענען די אויספאָרשונגען געוואָרן קירצער, איידעלער, און ס'האָבן אויפגעהערט די פייניקונגען. אין דער צווייטער העלפט פון חודש מערץ האָט מען זיי געלאָזט וויסן , אַז זיי זענען נישט שולדיק און אַז דער גאַנצער ענין איז געווען אַן אויסגעטראַכטער. ווי נאָר זיי וועלן צו זיך קומען וועט מען זיי באַפרייען. מען האָט זיי אַפילו דערלויבט אָנקלינגען אַ היים און געבן צו וויסן די אייגענע, אַז זיי זענען געזונט און אין גיכן וועלן זיי אַ היים קומען.

אויך די באַפעלקערונג וואָס איז נאָך אַלץ געווען אַרומגעכאַפּט פון טרויער נאָך דעם דיקטאַטאָרס טויט, האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אַז עפּעס קומט פאָר, וואָס וועט בייטן די גאַנצע סיטואַציע. פון די צייטונגען זענען פאַרשוואונדן אַלע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען און דערמאָנונגען וועגן דער דאָקטוירים-פאַרשווערונג.

דעם 4-טן אַפּריל האָבן דער ראַדיאָ און אַלע צענטראַלע צייטונגען פּובליקירט די "מיטיילונג פונעם מיניסטעריום פאַר אינערלעכע עניעים פון פססר". דאָרט האָט זיך

**ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן** / ניו־יאָרק

# אַ שורה - אַ פּערל

אַ גוטע שורה מיר געקומען
אויפן רעיון,
ווי תמיד, אין ערגסטן געהודזשע
פון באַנען.
אַ שורה - אַ פּערל! כ׳האָבן גענומען
שפּינען
דעם זיידענעם פאָדעם
וואָס אים נישט צו געפינען,
נאָר פון אַקסל ביז הענט
צישן גופים פאַרקלעמט,
אַ פּען אַרויסנעמען וואָלט זיין
גאָר אַ מופת,
פּרוווט מען עס האַלטן
פאַרשרייבן אין מוח עס,
מע חזרט און חזרט עס איין
ווי אַ תּפילה
און סע וואַקסט די שורה
ווערט אַ סטראָפע אַפילו,
מע האַלט זי מיט כּוח,
פאַרביסן מיט ציינער...

נאָר דער שפּריי צעזייטע קלאַנגען
און טענער
פאַרשווענקט די חושים.
ס׳כוואַליעט אַוועק דער אַרום,
נאָר די שורה האַלט מען
מיט אייזערנעם קלעם,
און אַז אַרויס שוין פון וואַגאָן:
מענטשן, בנינים סע פליצט ווי
אַ שטראָם
און אַנדערע מחשבות
נעמען איבער דעם אויבנאָן,
אין גאַנצן פון זינען אַראָפּ
ד׳ פּאָעזיע.

נאָר צוועלעווע ביי נאַכט
ווען שטאָרעס פון טאָג
זיך לאַנג שוין פאַרמאַכט
צעשפּילט זיך די פאַנטאַזיע.
אוי, די שורה, די פּערל, דער דימעט!
אין וואַסער אַריין, אין נישט צו געפינען.
פאַרלוירן אַפילו דעם תמצית,
דאָס זוכן און גראָבן אומזיסט איז.
נאָר אפשר אין חלום וועט זי
קאַריקקומען?
מע זאָגט דאָך בפירוש: ״געקומען צו
חלום״.
הלוואַי...

---

געזאָגט, אַז די דאָקטוירים־גרופּע איז אַרעסטירט געוואָרן אָן וועכלע נישט איז געזעצלעכע גרונטן, די באַווייזן פון די אַרעסטירטע, וואָס באַשטעטיקן כלומרשט די אַרויסגערוקטע קעגן זיי באַשולדיקונגען, זענען באַקומען געוואָרן מיט דער הילף פון שטרענג פאַרבאָטענע מעטאָדן פון אויספאָרשונג. אַלע אַרעסטירטע זענען באַפרייט, און די שולדיקע אין דעם אומדערלאָזלעכן פירן די אויספאָרשונג זענען צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער שעף פונעם אויספאָרשונג־אָפּטייל פון דער זיכערהייט־דינסט, ריומין, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די אויספאָרשונגען, איז כאַראַקטעריזירט געוואָרן ווי אַ פאַרברעכערישער אַוואַנטוריסט. מען האָט אים אַרעסטירט. מיט אַ צייט שפּעטער איז ער געוואָרן דערשאָסן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער לעצטער אַקט פון דער שוידערלעכער עפּאָפּייע - פון חורבן־יידן אין רוסלאַנד.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# קרבן פסח

## (דערציילונג)

די וואַסערן פו כנרת האָבן געשוימט איבער די ברעגן. די הייסע כוואַליעס האָבן געפּאַטשט, איבערגעלאָפּן, שווענקענדיק די נידעריקע שטיינער, וואָס זיינען געשטאַנען פעסטע, איינגעזונקענע ווי אויסגעהאַקטע פון גראַניט. די פּאַרעדיקע לופט איז געווען גליענדיק. ס'האָט געשטיקט דעם אָטעם און אָנגעטראָגן מדבר־ריחות.

אַרום די וואַרעמע קוואַלן אין טבריה האָבן זיך געקליבן חולאים, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַלע עקן לאַנד. די חולאים - זקנים, מיטל־יאָריקע, קינדער, ווער מיט שוואַכע פיס, ווער מיט אַ מיחוש, האָבן זיך געזאַמלט אין הייפעלעך - בציבור געזוכט היילונג אין די הייסע שטראָמען.

די לופט איז פול געווען מיט וואַסער־פּלעסקעריי, מיט זיפצן פון די קראַנקע און מיט פּלוידערייען פון די תל אביבער און ירושלימער וואַקאַציע־זוכערס, וואָס זיינען געקומען קיין טבריה זוכן אָפּרו.

אינעם גערודער האָט אַן עלטערער ספרדי, אַ האַלב־נאַקעטער, מיט רויטע, אָפּגעשונדענע פּלייצעס, זיך געבויגן פון ווייטאָג אין דרייען. ער האָט געפּאָכעט מיט די הענט, געמאַכט צו די אַרומיקע משונהדיקע העוויות, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געשטאַנען אויף זיינע יסורים.

אַ תימנער, דאַר ווי אַ שפּין, מיט אַ מאָגער באַפּעהט פּנים, האָט אונטערגעהונקען אויפן רעכטן פוס, ער האָט מיט שטומע צייכנס מיטן קאָפּ זיך געווענדט פון איינעם צום צווייטן און אין זיינע גליענדיקע קויל־אויגן איז געלעגן אַ באַגער מען זאָל מיט אים מיטפילן.

צווישן די קראַנקע האָט זיך אַרויסגעזען אַ יונגער, וווקסיקער שומרוני מיט אַ ליידיקן אַרבל. איין האַנט איז ביי אים געווען פּאַרגליווערט, צוגעבונדן צום גאַרטל ווי אַן איבעריקער אבר.

די עטלעכע מנינים אשכנזים זיינען געווען אויסגעזעצט באַזונדער. זיי זיינען געווען אויפגעלייגט, זיך געפילט היימיש און באַוואונדערט די הייסע לופט, די געדיכטקייט פון כנרת.

---

# סירענעס אין דער נאַכט

מיט רעוועדיקע מיילער פאַלן זיי אָן:
גרוויל איבער גרוויל,
מיט סטראַשעדיקע, זיך טוקעדיקע ליכטער,
ברעכן זיך אַריין דורך די פענצטער,
מיט צעצויגענעם געיאָמער,
אַ פלאַמיקע שרפה ווו?
אַ שכנס אומגליק צעטרעסעט די רו?

סע שניידט זיך אַריין,
שלאָגט אָפּ אויף די ווענט,
אויף שויכן צעטרעסעט,
ס'פינצטערניש ברענט!

ס'איז דאָס שטענדיקע וויגליד
וואָס פּאַרוויגט אונדזער וואַך
ווען ס'ווויען סירענעס,
וווּנדיקט די גאַס.

– אַ דערקוויקענישׁ!

– גן עדן וואַסער!

– אין אָדר זאָלן די קוואַלן אַזוי קאָכן! – האָט אַן איבערגעבויגענער ייד געכאַפּט התפּלות.

–ס'איז אין טבת אויך ניט קעלטער! – האָט אַ דאַר־גופיקער בחור, ווי אַ נזיר, ריידנדיק קוים איינגעטונקען די פיס.

– די טבריהער קוואַלן טראָגן אַ רפואה צו אַלע מכות!

– צו אַלע פּורענויות!

זיי האָבן אַריבערגעשפּרייזט דעם ברעג, אָנגענומען זיך פאַר די הענט, אונטערגעטאַנצט און איטלעכס מאָל ווען אַ הייסע כוואַליע האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי זיך אַראָפּגעבויגן און מיט פאַרגעניגן צוגענומען דעם פּאַטש אין די רוקנס.

די זון האָט געפּלייצט שטראָמען ליכט, פאַרווישנדיק די שאָטנס פון די מויערן און געצונדן כישוף־פּליטערלעך.

פון אַ שמאָל געסל איז אָנגעקומען אַ שווערער, אָנגעפּאָמפּעטער מאַנסביל אין אַ טערקיש היטל. ער איז געווען רויט ווי אדום. זיין פּעט, שמאַלציק פּנים – נאַקעט ווי אַ קני, קיין שפור פון אַ פּאה. די באַקן און דער שטערן ביז איבער די אויערן, זיינען געווען באַשאָטן מיט זומער־שפּרינקעלעך, ווי מיט געלבלעכע פעלד־בלעטלעך.

דאָס איז געווען רפאל, דער טבריהער מעקלער. ער איז געווען באַוואָפנט מיט דעם גאַנצן כלי־זין פון אַ פרידלעכן מזרח־מענטש. אין דער האַנט – אַ בייטש, געשליפענע קרעלן און אַרום די לענדן – אַ באַצירטן מאַכמעדאַנישן שטילעט.

רפאל האָט זיך דערנענטערט צום הייפל אשכנזים, דערנאָך צעשפּרייטביידע הענט־פלאַכן ווי אַ לץ און זיך פאַרנייגט:

– ערב פּסח, יהודים! גענוג געוואַשן די זינדיקע גופים! מען דאַרף זיך גרייטן צום סדר.

די אשכנזים האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שמייכלענדיקע פּנימער און געוווסט, אַז דער טבריהער הייזער־מעקלער איז נישט אַזוי גאָטפאָרכטיק, אַז ער זאָל אַראָפּקומען צו די וואַרעמע קוואַלן נאָר כדי צו טרייבן דעם עולם צום סדר. מסתמא טראָגט ער מיט זיך אַ משא ומתן. זיי האָבן זיך נישט גענאַרט. נאָכדעם, ווי רפאל האָט באַטראַכט אַ ווײַלע די האַלב־נאַקעטע יידן, האָט ער אָנגעשטעלט די אויגן אויף אַ ירושלימער בעל נכסים, ר' ברוך וויינהענדלער. ער האָט אויסגעשטרעקט צו אים אַ ברייטע צעאָדערטע האַנט און פון זיינע ליפּן האָבן זיך געקייקלט ווערטער ווי האָניק־טייגלעך:

– ווי ס'ציט אַ קעמל צום מדבר, אַזוי ציט מיך צו די ירושלימער הייזער־קויפערס. כ'בין דאָ שוין ס'דריטע מאָל, ר' ברוך. וואָס איז מיט דער קניה? כ'האָב ליב אַז אַ בנין זאָל ניט זיין קיין טויטע זאַך, ס'זאָל זיך רוקן ווי אַ פערד, ווי אַן אייזל. היינט שטייט דער בנין אין אַלט־טבריה, אין טאָל און מאָרגן זאָל ער שטיין אין דער ניי־שטאָט צווישן מיוחסים. היינט זאָלן די מזומנים באַלאַנגען צו דיר, ר' ברוך, און די געביידע צו נחמיהן, דעם פערסישן טעפּיך־הענדלער, און אַ חודש שפּעטער זאָל ווידער נחמיה זיין דער בעל־אלפים און אַן אַנדער ישראלי – דער בעל נכסים.

בעת רפאל האָט גערעדט, האָט ר' ברוך זיך נישט צוגעהערט. ער האָט אַקעגן געטראָגן זיינע נאַקעטע פיס צו די פּלעסקענדיקע כוואַליעס. דער מעקלער איז אים נאָכגעגאַנגען. ביי יעדן שריט, וואָס ער האָט געשטעלט, האָט ער געמאַכט אַ נייע

הבטחה:

מיינסט דאָך, אַז איך רייד צו די ווינטן, צו די רוחות? געגאַרסט זיך, ר׳ ברוך. כ׳האָב אַ פּאַרטיקע זאַך. כרפס מיט חרוסת. כ׳מיין, מען קען איינבייסן... און דו קענסט אים, דעם קויפער. ער וויל דיין בנין אין ירושלים, וואָס שטייט אין דער מלכים־גאַס. ער וויל, זאָגט ער, דווקא "את רחל בתך הקטנה"... דאָס האָט ער זיך אויסגעקליבן! ער וועט קויפן און צאָלן. כ׳גיב מיין הבטחה. ער וועט צאָלן די אלפים.

ביי ר׳ ברוכן האָט דאָס פּנים געצוקט פון רוגזה. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף רפאלן, וואָס טיילט די הבטחות, ווי דער קויפער די אלפים און אַ כעס האָט זיך אין אים געוועקט. די אויגן האָבן זיך געזשמורעט פון די זון־פליטערלעך, וואָס האָבן געבלענדט און פאַרשטעלט די ראיה. ער האָט זיך געבייזערט:

– רייד נישט מער, רפאל, רייד נישט! ס׳ווערט שפּעט. געציילטע שעהן צום סדר און דו טרייבסט מסחר! כ׳בין געקומען קיין טבריה צו היילן מיינע קראַנקע פיס; כ׳וועל פאַרפעלן צו זיין מיט דער משפּחה אויף יום טוב און דו קומסט דאָ האַנדלען מיט געבוידעס? גיי אַוועק, רפאל! גיי, איידער כ׳בין דיר מבייש.

רפאל, רויט ווי אדום, מיט פייער אויפן פּנים, מיט פייער אין די האָר, האָט זיך גענומען בלאָזן ווי אַ פּענכער. ער האָט אַ שמיץ געטאָן אין דער לופט מיט דער בייטש קרעלן, דאָס איז געווען אַ צייכן נישט פון געפאַלנקייט, נאָר פון מונטערקייט. ער האָט אַרויסגענומען אַ לעדערנעם בייטל מיט געשטויסענע טאַבאַק־בלעטער. ער האָט צוערשט אַ צי אַריינגעטאָן מיטן אייגענעם חוטם, דערנאָך האָט ער דערלאַנגט די אַרומיקע יידן גליין צו די נאָז־לעכער, זיי זאָלן אויך אַריינציען דעם ריח פון די שמעקנדיקע בלעטער, און ווען דאָס צעפלאַמטע פּנים האָט גענומען שיינען און שטראַלן, האָט ער מיט לאַנגזאַמע טריט אַוועקגעשפּרייזט.

איבערן ברעג האָט זיך געדרייט אַ יונגער אַראַבער, באַלאָדן מיט קרוגן און אויסגערופן אויף פרישע ציגן־מילך.

דער וועכטער פון די בעדער, אַ הויכער און בייניקער, איז אָנגעקומען מיט אַ גראָבן שטעקן. ער האָט געהאַט אַ שוואַרץ־באַבערדלט פּנים, אַ ווילד־באַלאָקטן קאָפּ און אין זיין הלבשה האָט ער דערמאָנט אַ מענטש פון קדמונים.

דער וועכטער האָט נאָכגעקוקט דעם רויטן מעקלער, אַוועקגעטריבן דעם יונגן אַראַבער און זיך דערנענטערט צו די אשכנזים. ער האָט גערעדט מיט הענט־צייכנס:

– אַ מאָל איז דאָס וואַסער פון די קוואַלן געווען קלאָרער, דורכזיכטיקער. אין פאַרלויף פון יאָרן וואַשט דאָס וואַסער פאַרשיידענע גופים פון פאַרשיידענע חולאים. עס זאַפּט אין זיך איין אַלע אומריינקייטן פון דער וועלט און ווערט דערפון אַליין טמא.

פון אַ זייטיקן וועג איז געקומען צולויפן אַ באָרוועסע יידענע אין אַ צעריסן אונטערקליידל מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ. זי האָט געהאַלטן איןביידע הענט אָפּגעבראָכענעם קוילעטש און געשריען, ווי פון מוראדיקן ווייטאָג:

– פון אַלע עקן וועלט לויפן זיי זיך אָן! זיי קומען צו די הייליקע וואַסערן! מען איז נישט בודק הײנטיקע צייטן ביי די ווייבער די שייטלען! מען גיט נישט אַכטונג אויף די טעכטער, די בתולות, קומען אַלע שלעק און פורענויות אויף זייערע לייבער... כ׳וועל זיי אַרויסיאָגן פון דאַנען, די טמאים! כ׳וועל נישט לאָזן פאַראומרייניקן די שטאָט...

– ווער איז דאָס? – האָבן זיך געהערט קולות צווישן די קראַנקע.

– שרה מלכה די משוגענע!

- ס'איז דאָך נאָך נישט תמוז! - האָט זיך עמיץ צעלאַכט.

- אין טבריה איז שטענדיק תמוז! - האָט דער וועכטער אַ זאָג געטאָן.

דער שול-שמש, אַ קליינער, ווינציק פון מאָס, אין אַ צעפּאָלעטער קאַפּאָטע, איז גראָד אָנגעקומען פון שול-געסל. דערזעענדיק ווי שרה מלכה, די משוגענע, שרייט אויף די ציין, איז ער איר אַנטקעגן-געגאַנגען און זיך ביי איר געבעטן:

- גאָט איז מיט דיר, שרה מלכה! ערב פסח היינט! אַ פּאָר שעה פאַרן סדר, נישטאָ קיין זכר פון חמץ אין אַ יידישער שטוב און דו האַלטסט נאָך אַ קוילעטש אין האַנט?

שרה מלכה האָט זיך אַ ווײַלע פאַרשעמט פאַרן שמש און פאַר די איבעריקע יידן, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אין אַ קרענצל אַרום איר, און זי האָט זיך פלינק באַהאַלטן אין אַ טויער. באַלד איז זי ווידער אַרויסגעלאָפן אַ צעיאַכמערטע, אַ שרייענדיקע, טייטלענדיק מיט די פינגער אַרום זיך:

- כ'וועל זיי אַרויסיאָגן פון דאַנען, די טמאים! כ'וועל נישט לאָזן פאַראומרייניקן די שטאָט! מיט זייער קומען ברענגען זיי אומגליק... יידישע קינדער, כשרע נשמהלעך, ווערן קראַנק... ווייבער-צנועות זיינען מפיל... איצט רוימט אַ וועג! אַ וועג, מצורעים! דער מלך רייט!

זי האָט זיך דורכגעשטופּט אַ וועג, האָט געשטויסן אַלעמען מיט די הענט און נאָכאַנאַנד זיך אומגעקוקט. פון אַ טויער, וואָס איז געווען אַ דורכגאַנג צו אַן ענג, טונקל געסל, איז אַרויסגעריטן אויף אַ געפּוצט אייזעלע אַן אַלטער שומרוני מיט אַ ברוין-הויטיק פּנים און אַ ווייסער געלאָקטער באָרד. די ברייטע, לויזע קליידער אויף אים זיינען געווען באַצירט מיט זילבערנע פעדים און קאָלירטע פרענזן. דער רויטער בויך-באַנד - דאָפּלט פאַרשלייפט.

דער שומרוני איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אייזל און אַ שטאָלצער, מיט טריט פון אַ מלך, האָט ער זיך באַגריסט מיט די יידן.

- ווער איז ער? - האָט מען זיך געשושקעט צווישן די אשכנזים.

- דער כהן גדול פון שכם!

- וואָס טוט ער איצט אין טבריה?

פון צווישן דעם הייפל ספרדים האָט זיך אַרויסגערוקט דער יונגער שומרוני מיט דער פאַרגליווערטער האַנט. אַ פאַרחידושטער האָט ער געקוקט אויף דעם כהן גדול און מיט יראת הכבוד געפאַלן אויף זיין פּנים.

- כ'האָב זיך נישט גערעכט דיך דאָ צו טרעפן, כהן!

- כ'בין געקומען נאָך דיר, בחור!

- כ'קאָן נישט פאַרלאָזן די קוואַלן, כהן. דאָקטוירים הייסן זיך נאָך באָדן דרייסיק טעג.

- וועסטו נישט גיין צום קרבן פסח? - האָט דער כהן גדול, ריידנדיק געצויגן מיט די שווערע ברעמען.

ער איז געשטאַנען פאַר אים ווי אַ שטרענגער שופט און אים באַטראַכט מיט צאָרן און פאָרוווּרף:

- פון דער שטאָט שכם קום איך צו דיר. כ'רייט אויס דאָס לאַנד פון דן ביז באר שבע. כ'זוך אָפּ אַלע פאַרשטויסענע פון אונדזער עדה. כ'זאָרג, אַז קיין איינציקער פון אונדזער שטאָט זאָל נישט פעלן אויפן באַרג גריזים, בעת מען איז מקריב דעם קרבן-פּסח, און דו גייסט זיך גאָר אויסבאַהאַלטן אין דער שטאָט פון כנרת?

**חיים קעניגער / פּאַריז**

# יאָרצייט־פייער

איך בין ווי כ'בין געווען -
ליב געהאַט און געהאַסט,
און אַלץ וואָס איז געשען
געווען איז שפּאַס.

נאָר ווען מיין מאַמע האָט געוויינט
האָט אויפגעציטערט די נשמה.
איך האָב די טרערן באַשיינט
און איר געדינט מיט נחמה.

היינט די שאָטנס מיינע יאָגן
און באַהפטן זיך אין וואַלד
פון פאַרנאַכט ביז די פאַרטאָגן
באַהעפטן זיך מיט איר געשטאַלט.

פון סאַמע ראַנד איר וואָרט שטומט
צעזייט אויף פעלדער אין דער ווייט.
דאָס יאָרצייט־פייער -אָט, עס קומט.
איר פּנים דעקט נישט צו די צייט.

* * *

די שטילקייט אין רוים נעמט יעדן אַרום
און גוטמוטיק זאָגט: קום,
איך חלל זי געוועלטיקט,
פון בראשית ביז קץ.

די שטילקייט איז אין וועלט־באַשאַף,
איך ערשטן הויך פון וואָרט און טראַף;
נאָך איר בענקט דער מענטש:
ד' קומט, לייזט אויס און בענטשט.

אומעטום פון איר באַגלייט,
אויך צוזאַמען מיט דער צייט
די ערד זי דערגרייכט
און די לבנה איר באַלייכט.

←

– דער שומרוני, אַ שולדיקער, אַן אומבאַהאָלפענער, האָט געפרעגט:
– וואָס זאָל איך טאָן?
– שטיי אויף – האָט דער זקן באַפוילן.

ער האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, ווי מען נעמט אָן אַ קראַנק ייִנגל, דערנאָך געקוקט אויף דעם ברייטן תכלה־הימל און אויסמיידנדיק די בליקן פון די אַרומיקע, האָט ער גערעדט:

– גיי אַריין אין וואַסער און באָד זיך אָפּ זיבן מאָל! באָד זיך אַזוי ווי אַ מאָל נעמן, דער שר פון ארם, וואָס האָט געפאָלגט אלישען. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין ירדן – אַ מצורע, זיך געבאָדן זיבן מאָל און דערנאָך אַרויס אַ ריינער, אַ לויטערער. טו אַזוי און דו וועסט אויך געהיילט ווערן!

דער יונגער שומרוני האָט געפאָלגט. ער איז אַריין אין וואַסער און האָט זיך אָפּגעטובלט זיבן מאָל, און ווען ער איז צוריק אַרויס אַ נאַסער, אַ דורכגעווייקטער, האָט אַלץ אויף אים געציטערט, געפיבערט.

די חולאים אַרום – אשכנזים, ספרדים, תימנער – זיינען זיכער געווען, אַז ס'איז געשען אַ נס. זיי האָבן געגלאָצט מיט די אויגן און באַנומען, אַז דער יונגער שומרוני איז גענעזן געוואָרן. די געליימטע האַנט איז צוריק לעבעדיק געוואָרן, פאַרלוירן דעם פּאַראַליז.

אַלע האָבן געקוקט ווי דער אַלטער כהן גדול זעצט זיך אויפן אייזל און רייט צוריק אַוועק דורכן טויער. הינטער אים רייט נאָך דער יונגער שומרוני, אַ שטאָלצער, אַ גענעזענער און ביידע ציִען צום בארג גריזים, גרייט מקריב צו זיין דעם קרבן פּסח.

## די סאָווע

בעט די סאָווע זאָל שטיל ווערן
און לאָזן אַדורכגיין די מוראַשקע אין וואַלד,
דורך אומגעזעענע וועגן וועט זי ברענגען
אַ פולן קויש מיט ווינט.

בעט דעם אויוון וואָס וואַרעמט די שפּין
און וועט זי איינזאַפּן ווי אַ הייליק בילד.
בעט צום אַרבעס־צווייגל וואָס טריקנט
אין לעבערדיקן קויש, אונטערן אויוון.

בעט צו אַלץ אונטערן ליכט,
ביז אַ שפּילקע־קעפּל;
צו אייגענע וואַקסנדיקע ראָזעווע
נעגל.

בעט צו דער סאָווע, צו איר
פאַרשטאַנד,
צום קיישל ווינט,
צו דער מוראַשקע,
צום אויוון,
צום קויש פון אַרבעס־צווייגן -
און זיי אַלע שווייגן.

## דער גרינער טייך

די לבנה זיך באָדט
אין גרינעם טייך
ז׳ האָט גראָד
אים דערגרייכט.
אין הימל קרייזט
צווישן וואָלקנס אַ קערפּער
און ווערט פאַרפּלייצט
ווי אין אַנדערע ערטער.

ביינאַכט די שטערן
פונעם מילכוועג
אין קרייז זיך מערן
און פינקלען אין באַוועג.
אייביק ווי היינט
באָדט זיך די לבנה
אין טייך, און שיינט
מיט איר פּנים - אַ גרינע
שטענדיק פאַרוויינט.

---

**ישראל גובקין**

## אויף דער עלטער

(הלל גרינבערג לזיכרון)

ר׳עסט זיין ברויט אָן טרערן
כאָטש סע טונקלט זיין געמיט,
און פון לעבנס־קלעם דעם שווערן,
טראַכט ער: טראָגן אָדער ניט?...
גראָע יאָרן קריכן, שווינדן,
שוואַכער ווערן עלטערס טריט;
איילן מענטשן - פייל פון בויגן,
אים אַ וואָרט ברענגט קיינער ניט -

## פּאַרנאָסע

טאַנצן שטראַלן אויף מיין פּנים,
בלויט די רו אַרום.
פלאַקערט פלוצים אויף אַ וואָלקן,
ס׳פאַלט אַ ברודער אום.
שטראַלן, שטראַלן, הערט אויף טאַנצן!
זעט, סע קראַכן ווענט;
ברידער פעכטן פאַר מיין גורל,
ווינען מיינע הענט...

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין
אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-
קולטורעלע אוצרות פון אונזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען
פון די ברענטשע פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט (213) 552-2007

שרה ראַפּאַלין־ליינער

# אין זכות פון די ערלעכע פרויען

ווי מיר האָבן אָפּגעמערקט אין פאַריקן נומ. "חשבון" איז פרוי שרה ראַפּאַלין־ליינער, די באַליבטע לעקטאָרין און מיטאַרבעטערין פון אונדזער זשורנאַל, באַלוינט געוואָרן מיט אַן ערן־דאָקטאָראַט פונעם "דזשואיש יוניווערסיטי אָף אַמעריקאַ" אין לאָס־אַנדזשעלעס. ווייטער ברענגען מיר איר דאַנק־רעדע בעת דעם פייערלעכן באַנקעט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 30־סטן יוני פ.י. רעד.

טייערע פריינד! איך דאַנק אייך זייער פאַר די ווונדערבאַרע געדאַנקען וועלכע זענען אויף מיין חשבון היינט דאָ געזאָגט געוואָרן.

איך בין זייער גערירט ביים באַקומען דעם "האָנאָריס־קאַוסאַ" טיטל פון אַזאַ פּרעזטיזשפולע אינסטאַנץ ווי דאָס איז דער "בית המדרש לתורה", אַ מוסד וואָס האָט מחנך געווען פיל טויזנטער תלמידים, רבנים און בעלי־בתים, וועלכע זענען איינגעזאַפּט מיט תורה און זענען וועג־ווייזערס און מנהיגים אין דער יידישער וועלט.

ס'איז פאַר מיר אַ דאָפּלטער כבוד, ווייל איך באַקום דעם דאָקטאָראַט צוזאַמען מיט הרב אבנר ווייס, באַוווּסט ווי אַ גרויסער תלמיד־חכם, אַ גלענצנדער רעדנער און מנהיג רוחני פון די קהילות וועלכע האָבן געהאַט דעם זכות אים צו האָבן ווי אַ גייסטיקן פירער.

גלייכצייטיק וויל איך אונטערשטרייכן דעם פאַקט וואָס איך באַקום די אויסצייכענונג פון אַזאַ באַרימטן אָרטאָדאָקסישן אַנשטאַלט ווי דאָס איז דער "בית המדרש לתורה" וועלכער האָט באַשלאָסן צו ערן אַ פרוי, אַ יושבת אהל, אַ ווייב, אַ יידישע מוטער. דאָס שטאַרקט מיין שטענדיקן טעזיס אויף וועלכן איך האָב פיל גערעדט און געשריבן, אַז נישט געקוקט אויף דער קריטיק כלפּי דער יידישער פרוי, האָט אונדזער טראַדיציע אין אַלע צייטן אָנערקענט איר ראָל אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן און המשך.

אין משנה סוטה (י"א), ווען עס האַנדלט זיך אַרום יציאת מצרים, די ערשטע פרייהייטס־באַוועגונג אין דער געשיכטע, זאָגט זיך אַזוי: "בשבח נשים צדקניות שבאותו הדור נגאלו ישראל ממצרים" – "אין זכות פון די ערלעכע פרויען איז דאָס פאָלק ישראל באַפרייט געוואָרן פון מצרים". במשך דורות איז דער קיום פון יידישן פאָלק אויפגעהאַלטן געוואָרן אויף די אַקסלען פון דער יידישער פרוי, וועלכע איז געווען גייסטיק־רייך און געווידמעט איר מי צו דערציען און מחנך זיין די ירושה קייט.

דער ספר שופטים דערציילט אונז אויך בנוגע דער ראָל וואָס דבורה הנביאה האָט געשפּילט ווי אַ שופטת, מיליטער־מנהיגה און איז באַצייכנט געוואָרן אין תנ"ך וו אַ נביאה גלייך נאָך משה רבינו. אָבער, ווען זי באַזינגט דעם נצחון איבער די כנענים, שרייט זי אויס. "כ'האָב זיך דערהויבן ווי אַ מוטער אין ישראל" – "חדלו פרזון בישראל, חדלו, עד שקמתי דבורה, שקמתי אם בישראל". אַזוי אַרום וויל דער תנ"ך באַמערקן אַז העכער פון אַ מיליטער־מנהיג און אַ שופטת איז געשטאַנען די מוטער ביים יידישן פאָלק.

אַ מוטער איז די צענטראַלע פיגור אין דער משפּחה; ספּעציעל אין אַ יידישע משפּחה,

ווייל אויסער דערציִען די קינדער, איז זי די וועלכע פאַראייניקט די גאַנצע פאַמיליע.

עס איז באַוווּסט אַז דער כּוח פון אַ געמיינדע איז אָפּהענגיק פון דעם איינפלוס וואָס די משפּחה האָט בכלל, און שטעלט פאָר דעם אבן־הפּינה, דעם גרונטשטיין פון דער געזעלשאַפט. אַ פאָלק איז געבענטשט דאַן ווען עס איז צוזאַמענגעשטעלט פון שטאַרקע און האַרמאָנישע פאַמיליעס. יידן האָבן באַקומען די דאָזיקע ברכה און מיר קענען שטאָלץ זיין מיט דעם. נישט־יידן באַוווּנדערן אונז צוליב דעם שטריך, און אַפילו אונזערע שׂונאים האָבן עס אויך אָנערקענט. אין ספר במדבר האָט בלעם־הרשע, דער אַנטיסעמיט, געמוזט איינשטימען און ניט ווילנדיק געמוזט פּראָקלאַמירן - "מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל", ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן יעקב".

איך דערמאָן מיט יראת הכבוד מיין אייגענע מאַמע, אמי מורתי חנה־גיטל ע"ה, וועלכע האָט מיר פון קינדווייז אָן, לערנענדיק זאָגן קריאת־שמע און מודה־אני, איינגעפלאַנצט יידישע ווערטן אין אַ פּשוטער און קאָנקרעטער פאָרם, וואָס אַ קינד פון דריי אָדער פיר יאָר האָט עס געקענט פאַרשטיין. פון איר און פון מיין פאָטער, אבי מורי, מאיר־אריה ז"ל האָב איך זיך אויסגעלערנט אַלע מדות טובות פון אונזער רייכער מורשה, אונזער גייסטיקע ירושה: ליבע פאַר אונזער תורה און לערנען, באַשיידנקייט, הילף פאַר יעדן בכלל און יידן בפרט, זאָרגן פאַר דעם ווילזיין און צוקונפט פון ישראל און דעם יידישן פאָלק, ליבע צו ארץ־ישראל און כלל ישראל; דאָס אַלץ האָט מיין מאַמע ע"ה מיט אייגענע ביישפּילן מיך אויסגעלערנט. פרייטיק פלעגט זי מיר בעטן צוטראָגן אַ פּעקל עסן פאַר אַן אָרימע משפּחה, בכדי זיי זאָלן האָבן עפּעס אויף שבת. כ'וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן מיינע געפילן ווען איך האָב געזען מיין מאַמען זיך אַראָפּנעמען פון איר פינגער איר טבעת קידושין - איר חתונה־רינג - איר איינציקן רינג וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און דאָס בייגעטראָגן פאַרן קרן קיימת לישראל ווען אַ ציוניסטישער מנהיג האָט באַזוכט אונזער שטעטל. דערמאָנענדיק מיין מאַמען, אויך אַ יושבת אהל, און האָבנדיק איר פאַר מיינע אויגן, דאַנק איך זייער דעם "בית המדרש לתורה" פאַרן צוטיילן מיר דעם כבוד.

איך בין זייער שטאָלץ מיטן פאַקט וואָס אַזאַ פּרעסטיזשפולער לערן־אוניווערסיטעט ווי דער "בית המדרש לתורה" האָט מיר מכבד געווען, ווייל לערנען האָט אונדז דעפינירט ווי דער עם הספר, נאָך איידער ווען מוחמד האָט אונדז אַזוי באַקרוינט אין זיבעטן יאָרהונדערט.

די פעלקער־געשיכטע איז צוזאַמענגעשטעלט פון עפּאָכעס: מלכים, קעניגן, מלחמה־פירער און לאַנד־קאָנקיסטאַדאָרן פון פאַרשיידענע מלוכות און אימפּעריעס. פאַרקערט, ביי אונדז יידן, זענען די תקופות פאַרטיילט לויט אונזערע ספרים, ווי למשל, תקופת התנ"ך, תקופת המשנה, תקופת הגמרא, אאַ"וו. אונזערע העלדן זענען אונזערע גרויסע חכמים און לומדים, ווי הילל און שמאי, רבי יוחנן בן־זכאי, רבי עקיבא, דער רמב"ם, דער ווילנער גאון, ר' ישראל סאַלאַנטער און אַנדערע. אַפילו אונדזער גרויסער מנהיג משה ווערט דערמאָנט נישט ווי דער גענעראַל, דער באַפרייער, נאָר ווי משה רבינו, משה אונזער לערער. יחוס המשפּחה איז אָפּהענגיק געווען פון לומדות און חינוך - דערציִאונג.

שטענדיק האָט אונדזער פאָלק געהאַט אַ ספּעציעלן חוש צום לערנען, און נישט נאָר די עליטע. די תורה פלעגט געלייענט ווערן עפנטלעך שבת און אין די מאַרקטעג מאָנטיק און דאָנערשטיק. שמעון בן שטח, דער ראש הסנהדרין, האָט אין זיינע צייטן

איינגעשטעלט אַ סיסטעם פון פּרעפּאַדאַטאָריע־שולעס פאַר קינדער אין עלטער פון זעכצן יאָרן אָן. הונדערט יאָר שפּעטער האָט יהושע בן גמלא עטאַבלירט אַ נעץ פון אָנפאַנג־שולעס אין אַלע שטעט, פאַר קינדער פון פינף יאָר אָן. אויף אים זאָגט די גמרא: "זכור אותו האיש לטוב, יהושע בן גמלא שמו, שאלמלא הוא נשתכחה תורה מישראל" - "ווען נישט ער, וואָלט די תורה פאַרגעסן געוואָרן צווישן פאָלק ישראל".

דער געשיכטע־פאָרשער, יוסיפוס פלביוס, האָט זיך אַ מאָל באַרימט אַז בלויז אין ירושלים האָבן פונקציאָנירט דרייסיק בתי־ספר. עס איז כמעט נישט געווען אַ שטאָט אָן אַ תלמוד תורה. און אויב עס האָט זיך געפונען אַ שטאָט אָן אַ שולע פלעגט מען זי אָנרופן מיטן נאָמען "עיר נדחת". אַ וויסטע שטאָט, וועלכע האָט זיכער ניט געהאַט אַ זכות קיום.

אין ילקוט שמעוני, ירמיהו ב' איז דאָ זייער אַ שיינער מדרש וועלכער דערציילט אַז ווען ג' האָט געגעבן די תורה אויפן באַרג סיני, האָט ער געבעטן אַ גאַראַנטיע ביים יידישן פאָלק בכדי איר צו באַשיצן; האָבן דאַן די יידן פאָרגעלייגט ווי אַזעלכעס אונדזערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, ווי אויך אונזערע אמהות, שרה, רבקה, רחל און לאה, אָבער דאָס איז נישט אָנגענומען געוואָרן. נאָכער האָבן זיי פאָרגעלייגט די נביאים ווי אויך די גרויסע תלמידי־חכמים און צדיקים און געהאַט אויך אַ נעגאַטיוון ענטפער; דאַן האָט מען פאָרגעלייגט די קינדער, מיטן רוף: "בנינו, תינוקות של בית רבן ערבים בעד העם" - "אונזערע קינדער די תלמידים אין די שולעס, וועלן זיין אונדזער גאַראַנטיע". דאָס איז אָנגענומען געוואָרן.

דער דאָזיקער שיינער מדרש גיט אונדז אַ וווּנדערלעכע לעקציע. היות מיר האָבן אָנגעגעבן אונדזערע קינדער ווי באַשיצער, זענען מיר אַזוי אַרום געצוווּנגען זיי לערנען לאָזן בכדי איבערצוגעבן אונדזער שטענדיקע ירושה, אונדזער מורשה, פון דור צו דור. שטיצן חינוך איז נאָר אַ פילאַנטראָפּישער אַקט, נאָר אַ הצלה־זאַך, ראַטעווענדיק און פאַרזיכערנדיק דעם קיום פון אונדזער פאָלק מיטן פּנים צו דער צוקונפט.

דעריבער, אין דעם זין און גייסט האָבן מיר, מיין מאַן שמחה און איך, געווידמעט אַ סך פון אונדזערע אָנשטרענגונגען און מי שטיצנדיק יידישן חנוך. מיר האָבן געטאָן דאָס בעסטע בכדי צו מחנך זיין אונדזערע אייגענע קינדער אַלס גוטע יידן, געבנדיק זיי אַ פאָרמעלע דערציאונג און עפּענענדיק פאַר זיי דעם אוצר פון יידישן וויסן מיט גוטע פערזענלעכע ביישפּילן.

כ'גלויב אַז אויפהאַלטן אַ משפּחה און גייסט פון אונזער טראַדיציע איז אַזוי וויכטיק ווי יעדער ראָל אין אונדזער געמיינדע. אָבער דערציען קינדער אין אונדזערע צייטן, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט וויפל צייט מ'גיט זיך אָפּ צו דעם, פאָדערט אַ ספּעציעלן מזל. איז דעריבער צוליבן זכות פון מיינע עלטערן און פון מיין מאַן האָבן מיר אַזעלכע גוטע קינדער, וועלכע זיינען פאַרבונדן בלב ונפש צו יידישע ווערטן, ספּעציעל צו חנוך און גערעכטיקייט.

אין מדרש תנחומא ווערט געבראַכט, אַז אין זכות פון קינדער ווערן עלטערן באַערט. און אַזוי איז מיט אונדז; בזכות אונזערע דריי זין מיט זייערע טייערע ווייבער, און אונדזערע ניין וווּנדערלעכע אייניקלעך, האָבן מיר דערגרייכט דעם כבוד פון דער יידישער געזעלשאַפט.

און איצט, אחרון אחרון חביב, וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן מיין מאַן, שמחה, וועלכער האָט מיך לענג אויס מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, מיינע לעקציעס און

**הינדע זאַרעצקי** / ניו־יאָרק

## צו אַ דיכטערן

אין דיין צימער דעם קליינעם,
פיר איילן אין לענג און אין ברייט,
אויפן טיש ליגן ווייסע פּאַפּירן -
פּאַרנאַכטיקע טויבן מיט פליגל פאַרלייגט.

איילסט אַוועק איבער ליכטיקע גאַסן,
ליכטיקט זיך טאָג, אַ טיפער און בלויער,
טריפט די זון אַזור־בלויען גרין.

שפּאַנסט אַריבער וואָכיקן לעבן -
מיט געזאַנג און לידער עס שוימט,
בלענדט דער טאָג פוך־גאָלדיק
באַזוימט

## טונקלהויטיקע אַרבעטאָרן

פּאַרפוצט אין דיין דזשאָנגל־היים
מיט נאָז־באַנד און מיט פייקל,
פלעגסט זיך געבן אַ צעטראָג
מיט דיינע העוויות אַ צעקייקל.

איז געקומען ווייסער מענטש -
דיך באַפרייט פון דזשאָנגל,
האָט זיך דיין לעבן אויסגעלייגט
אין פינצטערניש און באַנג.

אין דער יינגסטער שעה פון טאָג
קומסט אין פרעמדער שטוב אַריין,
גיסט אַ הורבע אויף דאָס
בעטגעוואַנט,
צירסט פענצטער און די שפיגל ריין.

אין די ווינקלען נישטערסט, זוכסט,
אַ שטויבל דאָ און דאָרט און דאָ,
די ווירטן מיט מאַניקירטע נעגל
פליקט אַ לאַנגווייליקע שעה.

---

לימודים, שטענדיק נאָכאַנאַנד געשטיצט. ער איז מיין גרעסטער פּאַרערער און גלייכצייטיק מיין גרעסטער קריטיקער. שטענדיק איז זיין קריטיק - פּאַרשטענדלעך - קאָנסטרוקטיוו. אָן זיין ענערגיע, שטיצע און ליבע, וואָלט איך קיין מאָל זיך נישט געקענט אָפּגעבן צו מיין לערן־קאַריערע. אין דעם אומפאַרגעסלעכן מאָמענט פון מיין לעבן, וויל איך עפענטלעך דאַנקען שמחה'ן צוליב זיין מיין גייסטיקער חבר אין אַלץ וואָס איך האָב עד היום געמאַכט. זאָלסט האָבן אַ סך געזונט. אריכות ימים ושנים עד מאה ועשרים.

צום סוף, וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק צו רבי ד"ר זשעראַלד אייזענבערג, דעם פּרעזידענט פון אוניווערסיטעט, פאַרן צוגעטיילטן כבוד היינט דאָ, און צו דעם הויכגעשעצטן רבי וויליאם שפּיגלמאַן פאַר זיין אָנשטרענגונג אַז דער היינטיקער אָוונט זאָל געקרוינט ווערן מיטן גרעסטן דערפאָלג.

גלייכצייטיק דאַנק איך זייער אַלע משפחה־מיטגלידער, הן די וועלכע לעבן דאָ אין אונדזער שטאָט און די וועלכע זענען ספּעציעל געקומען פון אויסלאַנד, די חשובע רבנים און לערער, וועלכע נעמען אָנטייל אין היינטיקן יום־טוב. אויף אייביק וועל איך געדענקען די דאָזיקע מסיבה. אַ דאַנק!

גרוניאַ קאַהן / מאָנטרעאָל

## גאָלדן־זוניקע פרימאָרגנס

גאָלדן־זוניקע פרימאָרגנס,
קינדער־יאָרן פריי פון זאָרגן
אָ, ווי ס׳בענקט זיך נאָך אייך, ליבע,
נאָך דעם קליינעם, אַלטן שטיבל,

נאָך דעם וועלדעלע דעם קילן,
נאָך דעם טייכעלע דעם שטילן,

נאָך דער מאַמעס האַרציק ניגון,
נאָך דעם ליד זי פלעגט פאַרוויגן.

אין מיין האַרצן טיף פאַרבאָרגן
זייט איר ליבע קינדער־יאָרן -
שיינע יאָרן, פריי פון זאָרגן.

## ס׳איז סוף סעפּטעמבער

ס׳איז סוף סעפּטעמבער,
ס׳ווערט קילער דאָס וועטער
באַפּוצט שטייט דער בוים -
אַ פּאָר גאָלדענע בלעטער.
"איך דאַרף ניט, איך דאַרף ניט,

קיין קליידער קיין נייע,
די בלעטער די גרינע
זענען ליב מיר און טייער" -
טרויערט דער בוים.

ס׳איז סוף סעפּטעמבער...

## קינדערשע הענטעלעך

קליינינקע, וואַרעמע, קינדערשע הענטעלעך,
וואָס קען זיין ליבער פון קינדערשע הענט?
נעמט מיך אַרום, דריקט מיך צו, קליינע הענטעלעך
צערטלעכע, האַרציקע, קינדערשע הענט.

גיט מיר אַ גלעט, קליינע, שיינינקע הענטעלעך,
ס׳איז אַזוי גוט, ווען איר גיט מיר אַ גלעט,
כ׳בענק נאָך אייך, ליבינקע, כ׳בענק נאָך אייך, טייערע,
וואַרעמע, גוטינקע, קינדערשע הענט.

---

## מיר דאַנקען

די פריינד שמחה און שרה ליינער (לאָס־אַנדזשעלעס); יוסף ניומאַן (סקאַרסדייל, ניו־יאָרק) און שעלבי שאַפּיראָ (בעטעסדא, מערילענד) פאַר זייער באַטייטיקן פינאַנציעלן בייטראָג צום איצטיקן נומער פון אונדזער זשורנאַל.

רעדאַקציע און פאַרוו. פון
"חשבון"

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# 500 יאָר נאָך גירוש שפּאַניִע

דער 15־טער יאָרהונדערט איז געווען דער לעצטער י״ה פונעם יידישן ישוב אין שפּאַניע. די אַלוועלטלעכע יידישע געשיכטע האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע זיגזאַגן אין משך פון טויזנטער יאָרן. די יידישע צעשפּרייטקייט האָט דאָך עקזיסטירט אויך ווען יידן האָבן געהאַט זייערע אייגענע זעלבשטענדיקע מלוכות. פאַרן חורבן בית שני זענען געווען גאָר גרויסע יידישע קהילות אין אַלעקסאַנדריע (עגיפּטן) און אין דער גאָר פאַרצווייגטער רוימישער אימפּעריע.

ווען עס איז חרוב געוואָרן דער ערשטער בית המקדש, האָט נבוכדנצר אַוועקגעפירט זיינע באַזיגטע געפאַנגענע יידן קיין בבל, ווו זיי האָבן אויפגעבויט אַ גייסטיקן און מאַטעריעלן גרויסן שאַפערישן קיבוץ. עס איז באַוווּסט אַז דער מאָנומענטאַלער תלמוד, וואָס יידן לערנען, איז געשאַפן געוואָרן אין בבל און טראָגט דעריבער דעם נאָמען: תלמוד בבלי. דורך די יאָרהונדערטער פונעם מיטלאַלטער בעת עס זענען אין אַ ריי לענדער פון אייראָפּע אָנגעגאַנגען שוידערלעכע רדיפות און שאַנדלעכע אָרגיעס קעגן יידן, האָבן יידן אין שפּאַניע, ווו זיי האָבן אָנגעהויבן צו באַזעצן זיך נאָך אַ סך פריער ווי ס'איז אונטערגעגאַנגען דער בליענדיקער יישוב אין בבל, גענאָסן פון אַ פאַרהעלטנישמעסיק רויק שאַפעריש לעבן.

אין שפּאַניע האָט זיך צעבליט אַ רייכע העברעישע ליטעראַטור מיט וועלט־באַרימטע יידישע דיכטער ווי אבן גבירול, יהודה הלוי - צו דערמאָנען נאָר אַ פּאָר נעמען פון אַ לעגיאָן הויך טאַלאַנטירטע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן גרויס געמאַכט די העברעישע דיכטונג און ליטעראַטור. יידן האָבן פאַרנומען הויכע ערטער אין דיפּלאָמאַטישן דינסט, אין דער מעדיצין, אין דער פילאָסאָפיע - אין אַלע צווייגן פון מלוכהשן לעבן.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן 15־טן י״ה ווען דער פאַנאַטישער קאַטאָליציזם האָט זיך פאַרנומען אויסצורייסן מיטן וואָרצל אַלצדינג וואָס האָט נישט געשמעקט דעם קאַטוילישן קלעריקאַליזם. עס איז דאָ נויטיק צו באַמערקן אַז אין שפּאַניע האָט געלעבט אַ בונטע באַפעלקערונג אין באַשטאַנד פון דריי רעליגיעזע און קולטורעלע גרופּן: קריסטן, יידן און מוסולמענישע מורן. בעת דער אַראַבישער הערשאַפט אין שפּאַניע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן שיינע הונדערטער יאָרן, האָבן אַלע דריי עטנישע גרופּן געלעבט צווישן זיך בשלום. דער אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן ווען די קאַטוילישע קירכע אין שפּאַניע האָט אַדאָפּטירט פון איסלאַם די אידעע צו פאַרשפּרייטן איר הערשאַפט מיט דער הילף פון דער שווערד.

750 יאָר איז אָנגעגאַנגען דער קריג צווישן דער קריסטלעכער און מוסולמענישער רעליגיע. אַ קריג דורך יאָרהונדערטער איז דאָך נישט שטענדיק מיט דער זעלבער אינטענסיוויטעט, אַ מאָל שטאַרקער, אַ מאָל שוואַכער, אָבער אינעם 15־טן י״ה האָט דער קאַטוילישער פאַנאַטיזם געשטרעבט מיט אַלע גוואַלדמיטלען צו שאַפן אין שפּאַניע אַ 100־פּראָצענטיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג. די אַנדערש־גלויביקע טויפן אָדער אַרויסטרייבן פון לאַנד.

ש מ ד אָדער ט ו י ט, איז געווען דער לאָזונג פון דער קירכע. די ״יידישע פּראַגע״ האָט די קירכע געזוכט צו לייזן אויף צוויי וועגן: איין העלפט פון דער יידישער

באַפּעלקערונג אין שפּאַניע אַריינטרייבן מיט גוואַלד־מיטלען אין שויס פון דער קירכע, און די צווייטע העלפט, וואָס וועט זיך אָפּזאָגן צו דינען דעם צלם - פאַרטרייבן פון לאַנד. אָט די ריכטליניע־פּאָליטיק וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין יאָר 1391, איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1492.

אָנהייב 1492 האָבן די מורן פאַרשפּילט זייער לעצטע שלאַכט און פעסטונג פון גראַנאַדע (אַ נאָמען וואָס קלינגט אָפּ אין אונדזערע אויערן פונעם שפּאַנישן בירגער־קריג אין סוף פון 1930־ער יאָרן). עס האָט גענומען גאַנצע צען יאָר ביז די קריסטלעכע שפּאַנישע אַרמיי האָט איינגענומען די לעצטע פעסטונג פון די מורן, אַ קליינע מוסולמענישע נעסט אין דרום פון דעם האַלב־אינדזל. דאָס מוסולמענישע קעניגרייך אין שפּאַניע האָט אין גראַנאַדע געקראָגן איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן פון דער פאַראייניקטער קריסטלעכער אַרמיי פון קאַסטיליע און אַראַגאָניע. דאָס לאַנד איז געווען צעטיילט אויף פאַרשיידענע געגנטן אונטער באַזונדערע הערשאַפטן. נישט געווען דעמאָלט קיין הויפּטשטאָט, קיין קרוינשטאָט איבער גאַנץ שפּאַניע. די טיילן אונטער דער מוסולמענישער הערשאַפט, ווו ס'האָבן געוווינט די מ ו ר ן, האָבן געליטן שרעקלעכע מפּלות. אין 1487 איז געפאַלן די מאַלאַגע־פעסטונג, און סוף 1491 האָט זיך אונטערגעגעבן גראַנאַדע.

דעם 2־טן יאַנואַר 1492 האָט זיך איינגעפעסטיקט אַ געאייניקטע קריסטלעכע מלוכה אין גאַנץ שפּאַניע. דאָס קיניגלעכע פּאָרל איז דאַן צוגעטראָטן אויסצוראָטן די טרעגער פון דער עלטסטער רעליגיע - די יידן, מיט פייער און שווערד. די שפּאַנישע יידן זענען געווען דער אַקטיווסטער עלעמענט פון דער אָרטיקער באַפּעלקערונג. זיי האָבן פאַרבונדן קאָמערציאָנעל שפּאַניע מיט די מערק פון אייראָפּע און אַפריקע. יידן האָבן געוווינט אין שפּאַניע נאָך אין די צייטן פון דער רוימישער אימפּעריע, נאָך איידער קריסטנטום האָט זיך דאָרט פאַרשפּרייט. אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער, אונטער דער אַראַבישער און קריסטלעכער הערשאַפט, האָבן זיי געשאַפן די גייסטיקע אוןווירטשאַפטלעכע קולטור פון לאַנד; אויסגעבויט, אַנטוויקלט איינצייטיק זייער יידישן נאַציאָנאַלן און קולטורעלן צענטער, וואָס איז געווען דער סאַמע דריטער גרויסער צענטער נאָך ארץ־ישראל און בבל. הגם די קירכע האָט געפירט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר שמד אינעם יידישן צענטער, איז עס אָבער געווען אָן דערפאָלג דורך די אַלע יאָרן, ביז דער אַנטשטייאונג פון דער שוידערלעכער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

דאָס קיניגלעכע פּאָרל פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבן געגרינדעט דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל אין יאָר 1478. זיין ציל איז געווען, ווי דערמאָנט, שמד אָדער אַרויסטרייבן פון לאַנד. דאָס איז געווען נוגע די יידן און איסלאַמישע מורן. די וואָס האָבן יאָ פאָרמעל אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, אָבער נישט נשמהדיק מיטן גאַנצן האַרץ, האָט די אינקוויזיציע פאַרפאָלגט אויף דעם שוידערלעכסטן אופן. צו ערשט דער עפּיטעט: מאַראַנען, א ו מ ר י י נ ע, אַן אויסדרוק באַנוצט אין אַלע לשונות. יאָר־יערלעך, האָט מען זיי אין די הונדערטער פאַרמישפּט צום טויט דורך פאַרברענען אויף אַן אויטאָ־דאַ־פע. די אינקוויזיציע־פּראָצעסן זענען אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרשפּיגלט אין אַ ריי קינסטלערישע ווערק, דראַמאַטיש געשילדערט.

אין די יאָרן פון אָט דער אינקוויזיציע האָבן אַ סך יידן עמיגרירט קיין פּאָרטוגאַל, און די יידישע קהילות האָבן פאַרלוירן דעם אַקטיווסטן טייל פון זייערע מיטגלידער. די

קעניגלעכע קאַסע האָט פאַרלוירן די גרויסע צינזן, וואָס עס האָבן געמוזט צאָלן די נישט־געשמדטע יידן. צוליבן קאַסע־פאַרלוסט האָבן די קאַטוילישע הערשער שטרענג פאַרבאָטן עמיגראַציע און באַשטראָפט מיט קאָנפיסקירן דעם פאַרמעגן, דעם ייד־עמיגראַנט פאַרקויפט אַלס שקלאַף. אָבער קיין שום שטראָף האָט נישט געקענט אָפּשטעלן די יידישע מאַסן־עמיגראַציע פון לאַנד.

די שינאה קעגן יידן האָט אויך נישט אויסגעמיטן די איבערלויפערס צום צלם, ווען מען איז חושד געווען, אַז זיי זענען אַריין אין שויס פון דער קירכע אויפצורייסן זי פון אינעווייניק. פאַר דער קירך איז דער מאַראַן כסדר געשטאַנען אונטערן פאַרדאַכט פון אַן "אינעווייניקסטן שונא", וואָס איז געפערלעכער, ווי אַן אויסנווייניקסטער. דאָך זענען מאַראַנען (וואָס אין שפּאַניש איז עס געווען אַ סינאָנים פון "פאַרשאָלטענע" אָדער "חזירים") אַריינגעדרונגען אין די הויכע פענצטער פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז אַרום 1474. דער פּראָבלעם - באַציונג צו מאַראַנען, האָט אַרויסגערופן כמעט אַ שפּאַלטונג אין דער שפּאַנישער געזעלשאַפט. די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט צו זיך, די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט יאָ געהאַט אַ היפּשע צאָל נייע קריסטן, אָבער די פאַנאַטישע שונאים האָבן אונטערגעצונדן זייערע הייזער אין אַ סאָרט פּאָגראָם־העצע אין 1467, און פונקט, ווי לעצטנס (בעתן די אומרוען אין לאָס־אַנדזשעלעס) האָבן זיי דעמאָלט פאַרברענט איבער אַ טויזנט הייזער און דערמאָרדעט 130 מאַראַנען מיט זייער אָנפירער, פערדינאַנדע דע לאַ טאָרע.

פּאָרטוגאַל, וואָס האָט פון אָנהייב געדינט ווי אַ מקום־מיקלט פאַר די פאַרפאָלגטע אין שפּאַניע יידן און מאַראַנען, האָט גאָר אַ סך געגאָסן פון אָט די אָנגעקומענע עלעמענטן אין לאַנד. כדאי צו געדענקען, אַז אין פּאַלאַץ פון קיניג אַלפאָנסאָ דער 5־טער, האָט פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעען אָרט איינער פון די גרעסטע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע יידישע פּערזענלעכקייטן: דון יצחק אַברבנאל (1437 - 1508). די געשיכטע פון דער מישפּחה אברבנאל סימבאָליזירט די געשיכטע פון דעם יאָרהונדערט לגבי די יידן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער שחיטה אין סעוויליע (1391) און געענדיקט מיט גירוש שפּאַניע, מיט אַ 100 יאָר שפּעטער (1492).

סעוויליע איז געווען די היימשטאָט פון דער דאָזיקער מישפּחה. ר' יצחקס זיידע האָט נאָך איבערגעלעבט די ערשטע קאַטאַסטראָפע. דער שר ונדיב שמואל אברבנאל, האָט אונטערן מעסער פון די קירכלעכע פאַנאַטיקער געמוזט אָננעמען קריסטנטום , און זיין נאָמען געענדערט אויף כואַן דע סעוויליאַ. ביי אַ גוטער געלעגנהייט איז ער שפּעטער אַנטלאָפן קיין ליסבאָן און זיך אומגעקערט צו יידישקייט.

זיין זון יהודה אברבנאל איז געוואָרן פינאַנץ־אַגענטביים קיניגלעכן הויף. ר'האָט איבערגעגעבן דעם פּאָסטן זיין זון יצחק, אַ גרויסער געלערנטער אין טעאָלאָגיע, פילאָסאָפיע, נאַטור־וויסנשאַפט און אַנדערע קענטעענישן. יונגערהייט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע, וואָס האָט זיך שטאַרקער צעבליט ביים סוף פון זיין לעבן. אָבער צווישן דעם אָנהייב און דעם סוף פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז ער דורכגעגאַנגען אַ שטיק וועלטלעך לעבן אין דעם קרייז פון דער העכסטער ליסבאָנער געזעלשאַפט. ער האָט זיין לעבן אַזוי באַשריבן:

"אין די יאָרן 1465-1481 האָב איך געלעבט אין מיין הויז, פול מיט אוצרות פון מיינע אָבות, אין דער באַרימטער שטאָט ליסבאָן, דער מוטער פון די פּאָרטוגעזישע שטעט. גאָט האָט מיך געבענטשט מיט עשירות, מיט כבוד און מיט אַלע פריידן פון אַ

מענטשלעך לעבן. מיין הויז איז געווען אַ זאַמלפּונקט פֿאַר געלערנטע, מען האָט דאָרט דיסקוטירט וועגן שרייבער און ביכער, וועגן עלעגאַנטן געשמאַק, וועגן וויסן און גאָט־פאָרכטיקייט. איך האָב מיט הצלחה געאַרבעט אין הויף פון דעם קיניג, דאָן אַלפאָנסאָ, אַ גערעכטער רעגירער, וואָס אונטער אים האָבן יידן געלעבט פריי און זיכער".

אָבער דער קיניג איז געשטאָרבן און ס'איז געקומען אַ נייער, יאָאַן דער 2־טער, אַ דעספּאָט און אַן אַכזר (1481–1495), און אַברבנלס ווילזיין האָט זיך האַסטיק פאַרענדיקט. דער קיניג האָט אַלע חושד געווען אין אַ פאַרשווערונג (דאָס דערמאָנט אונדז אַ גוט־באַקאַנטן נאָמען...) און אַ סך זענען אַנטלאָפן פון ליסבאָן. צווישן זיי - יצחק אברבנאל. זיינע פריינד האָבן אים געוואָרנט וועגן דער געפאַר פונקט ווען ער האָט זיך געגרייט צו גיין אין קיניגס פּאַלאַץ, ווו ער איז פאַרבעטן געוואָרן. ער איז געהיים אַריבער די פּאָרטוגעזישע גרענעץ, מען האָט אים נאָכגעיאָגט, אָבער נישט געכאַפּט. בשלום אָנגעקומען קיין קאַסטיליע, זיין גאַנץ פאַרמעג קאָנפיסקירט, האָט ער געדאַרפט אָנהייבן זיין לעבנסוועג אויף ס'ניי אין טאָלעדאָ אין 1483. דאָרט האָט ער איבערגעלעבט דעם לעצטן אַקט פון דער טראַגעדיע פון די שפּאַנישע יידן.

פאַרן יידישן יישוב אין שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע טראַגישע ערע, ווען דאָס פירשטנטום פון אַראַגאָניע האָט זיך פאַראייניקט מיטן פירשטנטום פון קאַסטיליע, מחמת ס'האָבן חתונה געהאַט דער קיניג פון אַראַגאָניע, פערדינאַנד, מיט דער קיניגין פון קאַסטיליע (אַ פאַנאַטישע קאַטוילין) איזאַבעלאַ, וואָס איז געווען די קרוין־יורשטע פון קאַסטיליע, נאָכן טויט פון איר ברודער, ענריקע דער 4־טער (1474).

זינט אָט דער דאַטע האָט זיך פאַרפעסטיקט אין שפּאַניע אויף לאַנגע צייטן דער ענגער פאַרבאַנד פונעם קאַטוילישן קלעריקאַליזם מיטן מאָנאַרכישן אַבסאָלוטיזם. זיי האָבן פאַרוואַנדלט דאָס שפּאַנישע לאַנד אין אַ גיהנום פאַר אַלע נישט־קריסטן, וואָס האָבן דורך יאָרהונדערטער דאָרט געלעבט גוט.

די פּאָליטישע צונויפשמעלצונג אונטערן שירעם פון דער קאַטוילישער קירך, האָט געפירט צו דער פאַרטיליקונג פון די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו בוקן פאַרן צלם. גאַנץ־פּאָגראָמען האָבן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר אַ מלוכהשן לעגאַלן קאַמף קעגן די אָפּטריניקע. פאַר דעם האָט מען אָבער געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פון רוים, פון פויפּסט. אָבער וועגן דעם האָבן שוין פריער געזאָרגט די קאַסטילישע דאָמיניקאַנער צו קענען גרינדן אַן אייגענע באַזונדערע אינקוויזיציע. פאַר די שפּאַנישע רעגירערס איז געווען אַן אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם סיי לגבי די יידן, וועלכע די קירך האָט דורך אַ 100־יאָריקן טעראָר נישט באַוויזן צו באַקערן צום קריסטנטום; סיי לגבי די יודאַיזירנדיקע מאַראַנען, וואָס האָבן געהיים אָפּגעהיט די יידישע אמונה פון זייערע אבות. דער הויפּט־פּראָבלעם פאַר דער אינקוויזיציע איז דאָך געווען ווי אַזוי איינצוהאַלטן אין דער קריסטלעכער קירך די קינדער און קינדסקינדער פון די מאַראַנען. דער עיקר האָט די אינקוויזיציע געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק, מיט די האַרבסטע מיטלען, צו באַשטראָפן די נייע קריסטן וואָס היטן אָפּ געהיים יידישע טראַדיציעס און יום־טובים.

דער פויפּסט האָט געגעבן די "גרינע ליכט" פאַר אַן אינקוויזיציע וואָס זאָל זיין אונטער דער השגחה פון רוים. אָבער דאָס קיניגלעכע פּאָרל האָט צו דעם נישט געוואָלט מסכים זיין צוליבן חשד, אַז אינקוויזיטאָרן באַשטימט פון רוים וועלן פאַר רוים

צונעמען די קאָנפיסקירטע פאַרמעגנס פון די באַשולדיקטע מאַראַנען. זיי האָבן געוואָלט די פאַרמעגנס פון די פאַרמישפּטע פאַר דער אויסגעליידיקטער שפּאַנישער קאַסע.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון גייסטלעכע, וואָס האָט געפאָרשט וויפל יודאַייזירנדיקע נייע קריסטן פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין דער שפּאַנישער געזעלשאַפט, בפרט, אין דער מלוכהשאַפט. די קיניגין האָט געהאַט אַ פּערזענלעכן גייסטלעכן, טאָמאַס טאָרקעמאַדאַ, גוואַלדיק-פאַנאַטיש צו ראַטעווען נשמות דורך פייער און שווערד, אַ צוגעפּאַסטער צום פאַנאַטיזם פון דער קיניגין איזאַבעלאַ.

אונדזער גרויסער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, אויף וועמען איך שטיץ זיך אַ סך אין דער אָפּהאַנדלונג, באַמערקט, אַז דאָס קיניגלעכע פּאָרל האָט פון אָנהייב אַליין זיך אַ ביסל געוואַקלט וועגן די שריט פון דער אינקוויזיציע. מסתמא האָט דער היסטאָריקער געהאַט אויף וואָס זיך סומך צו זיין אין זיין באַמערק וועגן זייער וואַקלעניש. אויפן געדאַנק קומען פאַרגלייכן מיט דעם היטלעריסטישן האָלאָקאָסט, וואָס שטייגט טויזנטפאַך איבער די שפּאַנישע אינקוויזיציע. די א י י כ מ אַ נ ס אין אונדזער עפּאָכע האָבן דאָך זיכער אויף קיין סעקונדע זיך נישט געוואַקלט צו טאָן דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אונדזער פאָלק...

איך האָב זיך פאַרטראַכט ביים לייענען איצט דובנאָוון, אַז דער פּויפּסט האָט דאָך ג ע מ ו ז ט נאָכגעבן די שפּאַנישע הערשער צו שאַפן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע אינקוויזיציע מיט טאָרקעמאַדאַ בראש פאַר איר שווידערלעכער מערדעריי. די הסכמה פון פּויפּסט (1478) האָט דער אינקוויזיציע-צוגרייטונג צוגעגעבן אימפּעט, און אין 1480 האָט זי אָנגעהויבן אירע מישפּטים.

איך האָב זיך פאַרטראַכט אויף דובנאָווס ווערטער, אַז די וואַקלענישן זענען לכתחילה געווען צוליב דעם, וואָס אַ סך פון די מאַראַנישע קרבנות זענען פאַרבונדן מיטן הויף און אַדל. (די היטלעריסטן האָבן נישט געהאַט דעם פּראָבלעם ביי זייער "לייזונג" פון דער יידן-פראַגע...) דער ערשטער שפּאַנישער אינקוויזיציע-טריבונאַל, געגרינדעט אין סעווילע איז באַשטאַנען פון דאָמיניקאַנער טעאָלאָגן, אַ געלערנטן אַבאַט און באַאַמטע פאַרן זאַקרויב - דאָס קאָנפיסקירטע פאַרמען פון די פאַרמישפּטע צום אויטאָ-דאַ-פע. למען האמת איז דאָך נויטיק צו זאָגן אַז די "רייניקונג" פון די מאַראַנען דורך פייער, האָט איזאַבעלאַ נאָך אָנגעהויבן פריער, דורך איזאָלירן זיי פון יידן, דורך פאַרטרייבן אַלע יידן פון אַנדאַלוזישע קרייזן, פון סעווילע און קאָרדאָוואַ דורך די יאָרן 1480-1482.

דאַן האָט אַ טייל יידן זיך איבערגעקליבן אין די נאָך עקזיסטירנדיקע שכנישע לענדער פון די מורן, מאַלאַגע, גראַנאַדע. שומרים האָבן שטרענג אַכטונג געגעבן אַז יידן זאָלן וווינען נאָר אין זייערע קוואַרטאַלן, ווייט פון די גאַסן ווו ס'האָבן געוווינט מאַראַנען. און זעט ווי די היטלעריסטישע אינקוויזיציע און די סטאַלינים, האָבן געלערנט פון דער שפּאַנישער, צו מאַכן אַ חוב פאַר אַלע קריסטן צו מסרן אויף אַלע, אַפילו גלידער פון אַן אייגענער מישפּחה - אויף וועלכע עס איז דאָ דער מינדסטער חשד... עס איז אַרויס אַן אינסטרוקציע מיט 37 פּונקטן, ווי אַזוי אַכטונג צו געבן אויף די אַנוסים-מאַראַנען, יענע וואָס טראָגן בעסערע קליידער און וועש אויף שבתים און יידישע יום-טובים; די סאָרטן וויינען וואָס זיי נוצן, פליישן.

שפּיאָנען פלעגן ערב יום-כיפּור זיך פאַרגנבענען נעבן מאַראַנישע וווינונגען אויפצוכאַפּן צי עלטערן בענטשן פאַרנאַכט זייערע קינדער. שפּיאָנעריי איז געוואָרן אַ

וויכטיקע פּראָפּעסיע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן. ביים לייענען עס , האָט אַ גלעקל אָפּגעקלונגען פון אונדזער צייט. ווי דעמאָלט, האָבן זוכענישן, אַרעסטן, מסירות, אָנגענומען אַ שוידערלעכן מאַסן־כאַראַקטער. ווייזט אויס אַז געשיכטע האָט ליב זיך איבערצוחזרן...

אין מיטן 15־טן י״ה האָבן זיך אָנגעהויבן אין שפּאַניע די טעראָר־אַקציעס קעגן די מאַראַנען. טויזנטער יידן וואָס האָבן אָנגענומען די קאַטוילישע רעליגיע אין קאַסטיליע און אַראַגאָניע, האָבן זיך בלויז פאָרמעל טאַקע געשמדט, לפנים געקומען אין קירך, אָבער געהיים אָפּגעהיט זייער יידישקייט. נישט געקוקט אויף די שוידערלעכע רדיפות און שפּיאָנעריי קעגן די מאַראַנען, איז זיי געלונגען אויסצובאַהאַלטן זייער יידישע נשמה ביז אַ געוויסע צייט, ווען מען האָט זיי געכאַפּט אין דעם "פאַרברעכן". אויב זיי זענען דורך דער צייט געשטאָרבן, האָט דער גרויס־אינקוויזיטאָר טאָמאַס טאָרקעמאַדאַ פאַראָרדנט צו מישפּטן אויך די געשטאָרבענע, אויסגראָבן זייערע ביינער און פאַרברענען, און ביי די געבליבענע יורשים - קאָנפיסקירן זייער פאַרמעגן.

אין זומער 1490 איז דער מאַראַן בעניטאָ גאַרסיע אַרעסטירט געוואָרן אונטער אַ באַשולדיקונג פון שוידערלעכע בילבולים. מ׳האָט אים זייער שטאַרק געפּייניקט ער זאָל אַריינציען נאָך כלמרשטע מאַראַנען און יידן, זיך מודה זיין אין אַן אַקציע צו דערמאָרדן די אינקוויזיטאָרן פון לאַנד.

ווען כ׳האָב איצט געלייענט די געשיכטע, איז אויפן גערדאַנק אַרויפגעשוווּמען דער גרויזאַמער בילבול אויף די יידישע דאָקטוירים - "די ווייסע כאַלאַטן" - אין 1953. ווידער איז עס אַן איבערחזרונג פון דער געשיכטע בעת דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. דער שפּאַנישער גרויס אינקוויזיטאָר טאָרקעמאַדאַ און דער גרוזינישער דזשוגאַשווילי -ביידע זענען דאָך געווען תלמידים אין אַ גלחישן סעמינאַר. דער אונטערשייד פון די יאָרהונדערטער שפּילט נישט קיין ראָל. וויכטיק איז דער גייסט וואָס מ׳זאַפּט אַריין... 1490 און 1953 האָבן זיך איבערגערופן מיט איין און דעם זעלבן בלבול: יידן זענען פאַרמישט אין אַ פאַרשווערונג! פאַלשע עדות האָבן נישט געפעלט. ווען מ׳דאַרף י אָ ר־ע ד ו ת, זענען זיי שטענדיק דאָ אויפן אָרט. אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען אין 15־טן יאָרהונדערט און אַזוי אין 20־טן...

עס איז אָבער פאַר מיר געווען כאַראַקטעריסטיש צו לייענען ווי דער יידישער הויפּט־באַשולדיקטער האָט אויף דער סאַמע לעצטער אויספאָרש־זיצונג פון דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל זיך איינגעבראָכן צום גוטן, און זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אויפגעצווונגענעם פריערדיק עדות זאָגן וועגן אַ כלומרשטער יידישער פאַרשווערונג. ער האָט זיך דעצידירט צו שטאַרבן על קידוש השם ווי אַן ערלעכער ייד און מענטש. עס איז פאַרבליבן אַ דאָקומענט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און געזאָגט:

"איך בין געבוירן געוואָרן אַ ייד און כ׳בין געוואָרן אָפּגעשמדט מיט אַ 40 יאָר צוריק. ערשט לעצטנס האָב איך איינגעזען, אַז דאָס קריסטנטום האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי אַ גרויסע טראַגי־קאָמעדיע פון ה י י ד נ ט ו ם. דעריבער האָב איך אין האַרצן זיך אומגעקערט צו יידישקייט. איך האָב געזען די שוידערלעכע אויטאָ־דאַ־פעס פון דער אינקוויזיציע וואָס האָט אָנגעפילט מיין האַרץ מיט רחמנות צו די קרבנות און מיט שינאה צו די תלינים. איך האָב פיינט געקראָגן דאָס קריסטנטום. יאָ, אַ ייד, אַ משומד, און אַן אַנטיקריסט! אָבער נאָך אַ פיל־ערגערער אַנטיקריסט איז דער

גענעראַל־אינקוויזיטאָר טאָמאַס טאָרקעמאַדאָ".

אָט דער ווידוי פון הויפּט־באַשולדיקטן איז נאָך פאָרגעקומען מיט אַ צוויי חדשים פריער איידער דאָס קריסטלעכע שפּאַניע האָט באַזיגט די מורישע פעסטונג גראַנאַדע. מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שׂימחה עס האָט באַהערשט די שפּאַניער, ווען די זיגרייכע פאָן פונעם צלם האָט געפלאַטערט איבער דעם מוריטאַנישן פּאַלאַץ פון אַלהאַמברע.

צו באַדאַנקען גאָט פאַר דעם גרויסן ניצחון, איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער באַפעל, דער "אַלגעמיינער עדיקט וועגן פאַרטרייבן אַלע יידן פון אַראַגאָניע און קאַסטיליע (31־ער מערץ 1492). אַלע מענער, פרויען, קינדער זאָלן פאַרלאָזן אונדזער מלוכה און מער קיין מאָל נישט טאָרן זיך קריקקערן אַהער. ביזן סוף יולי (1492) זאָל קיין איין מענטש פון אונדזער קיניגרייך נישט דערוועגן צו האַלטן ביי זיך אָפן אָדער באַהאַלטענערהייט אַ יידישן מאַנצביל, אַ יידישע פרוי מיט זייערע זין און טעכטער"...

דאָס איז געווען דער שווידערלעכער גזר־דין פאַר צענדליקער טויזנטער יידן אין שפּאַניע, דעמאָלט דער גרעסטער היסטאָרישער צענטער פון יידישן פאָלק.

איך האָב אין דער אָפּהאַנדלונג פריער דערמאָנט דעם גרויסן יידישן זשעני אברבנאל, וואָס איז אין דער לעצטער מינוט פון פּאָרטוגאַל אַנטלאָפן קיין שפּאַניע און דורך דעם באַוויזן צו ראַטעווען זיין לעבן. די שפּאַנישע הערשער, פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, האָבן גוט געוווסט וואָס פאַר אַ זשעני, אויך אין פינאַנצן, עס איז דער פּליט פון ליסבאָן. צוליב דער שוין דערמאָנטער אויסגעליידיקטער שפּאַנישער קאַסע בעת דעם קריג איינצונעמען די פעסטונג פון גראַנאַדע, זענען זיי אָנגעקומען צום יידישן זשעני און אים אָנגאַזשירט אַלס פינאַנץ־שאַץ־קאַמער. ער האָט שוין גוט געוווסט וועגן זייער טייוולאָנישן פּלאַן אַרויסצוטרייבן די יידן, איז ער צוזאַמען מיט אַן אַנדער חשובן סעניאָר אַוועק אין פּאַלאַץ, וויסנדיק, אַז דעם קיניג אינטערעסירט אין דעם גירוש בעיקר דאָס יידישע גאָלד און פאַרמעג. זיי האָבן דאָן פאָרגעלייגט אַ גרויסע סומע פון 30 טויזנט גאָלד־דוקאַטן פון יידן פאַר דער קיניגלעכער קאַסע און אָפּשאַפן די גזירה גירוש. דער קיניג, וואָס איז נישט געווען אַזוי שטאַרק פאַנאַטיש, ווי זיין פרוי איזאַבעלאַ, איז באַשר געווען געניגט אַנטקעגנצוקומען די בקשה פון זיינע הויף־יידן. אָבער ווייזט אויס, אַז דער גרויס־אינקוויזיטאָר האָט פון דעם דערוווסט זיך באַצייטנס, איז ער אַריינגעלאָפן מיט אַ גרויסן צלם אין האַנט און אויסגעשריגן צום קיניגלעכן פּאָרל: "יודאַש איש קרית האָט פאַרקויפט קריסטוסן פאַר 30 שטיקער זילבער, און איר ווילט אים פאַרקויפן פאַר 30 טויזנט. אָט איז ער, נעמט און פאַרקויפט אים!" מיט די ווערטער האָט ער אַנידערגעלייגט דעם צלם אויפן טיש און איז האַסטיק אַרויס פון פּאַלאַץ. די דאָזיקע סצענקע זאָל האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף דער קיניגין און די יידישע שתדלנים האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג.

ביים סוף אַפּריל 1492 האָבן אויסרופערס, די דעמאָלטיקע מ ע ד י א - אָנגעזאָגט אין לאַנד, אַז די יידן ווערט געגעבן אַ צייט פון דריי חדשים צו ליקווידירן זייערע עסקים און פאַרלאָזן שפּאַניע. די וואָס וועלן בלייבן נאָך דעם טערמין - זענען חייב מיתה; טויטשטראָף, אָדער זיך מוזן שמדן. דער 2־טער אויגוסט, איין טאָג פאַר קאָלומבוסעס לאָזן זיך אין וועג צו זוכן די אינדיעס - איז געווען דער לעצטער טאָג פאַר יידן אין שפּאַניע.

כדאַי ביי דעם צו דערמאָנען, אַז יידן האָבן געוווינט שוין אין שפּאַניע נאָך אין די

זשאַק בורשטין־פּינער / פּאַריז

# עמבלעמען
## (דערציילונג)

פּאַראַן טאַלאַנטן איינגעבוירענע, נישט קיין אויסגעלערנטע. און עס זענען דאָ אויסגעלערנטע. אַ מענטש מיט אַן איינגעבוירענעם טאַלאַנט דאַרף מען נישט אַריינהאַמערן אין מוח, אין געמיט: אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט און וואַקס! דאָס איז במילא אין אים אַ מין צווייטע נאַטור, אַן אינסטינקט, פון וועלכן מ'קאָן נישט אַנטלויפן. אַפילו ווען ער איז אַ לאַסט וואָס דריקט, האָמעוועט דעם פרייען לויף פון שטימונגען, פון ספּאָנטאַנע אימפּולסן. אַן איינגעבוירענער טאַלאַנט מוז זיך אונטערגעבן דעם אינערלעכן דראַנג, גאָר אַנדערש טראַכטן, צי ער וויל יאָ, אָדער נישט. אַן אויסגעלערנטער טאַלאַנט, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

פּאַראַן אויך אַ ב אַ ז ו נ ד ע ר ע ר טאַלאַנט – אַ טאַלאַנט ליב צו האָבן. דאָס דערקענט זיך ביי די וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם זאָג: "ואהבת לרעך כמוך", ווי אַ געבאָט. נאָר גאָר באַזונדער זעט זיך דאָס אָן ביי מאַמעס, אַפילו איצט, אין די מאָדערנע ציַיטן, אין די אונדזעריקע, איז מאַמע־ליבע אַ מין איינגעבוירענער טאַלאַנט, וואָס גייט מיט מיטן ווערן מאַמע – און גאָר־גאָר באַזונדער – ביי יידישע מאַמעס.

שיינדל, למשל, איז פון זינט זי האָט געבוירן איר ערשט קינד – און אפשר פריער נאָך – געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אומבאַגרענעצטער מוטערלעכער ליבע, זי איז געווען אַ פּשוטע יידישע פרוי און דער נאָמען שיינדל האָט איר גראָד זייער גוט געפּאַסט, וואָרעם, זי איז טאַקע געווען אַ שיינע פרוי, נאַטירלעך־שיין און אַ שיינדל פאַר איר משפּחה. נישט געשמירט, נישט געשמינקט די ליפּן, נישט געפאַרבט די האָר, נישט מאַניקירט די נעגל, נישט צוגעקלעפּט אויף די באַקן וועלכע ס'איז חן־פּינטעלעך, נישט געשמייכלט קינסטלעך, נישט אויסגעגלעט אויף איר געזיכט די קנייטשן. פאַרקערט, די קנייטשן האָבן איר נאָך צוגעגעבן מער חן, גאָר פאַרשענערט איר עכט יידיש געשטאַלט.

זענען דעמאָלט אָנגעשטאַנען שווערע ציַיטן. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט און שוין איז אויסגעבראָכן אַ נייע מלחמה, צווישן די פּאָליאַקן

---

ציַיטן פון דער רוימישער אימפּעריע, נאָך איידער קריסטנטום האָט זיך דאָרט פאַרשפּרייט. דער יידישע היסטאָריקער שמעון דובנאָוו שטעלט זיך ברייט אָפּ אויף דעם גרויסן צושטייער, וואָס יידן האָבן געגעבן דורך יאָרהונדערטער צו דער גייסטיקער,ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון פּירענעיִשן האַלב־אינדזל. און דאָס איז דאָך געשען סיי בעת דער אַראַבישער הערשאַפט ווי בעת דער קריסטלעכער. איינציַיטיק האָבן יידן אויך אויסגעבויט זייער נאַציאָנאַלן צענטער, ווי שוין דערמאָנט – דער דריטער גרעסטער גייסטיקער צענטער אין דער יידישער געשיכטע. די אינקוויזיציע האָט צו דעם אַ סוף געמאַכט. דאָס זעלבע איז געשען מיט די איסלאַמישע מורן. פאַר זיי אויך: שמד אָדער גירוש. אויך זיי האָבן געהאַט מאַראַנען (זייער נאָמען: מאָריסקעס). זייער מצב – דער זעלבער ווי דער יידישער. זענען זיי געלאָפן אויך קיין פּאָרטוגאַל, וואָס האָט עטלעכע יאָר שפּעטער נאָכגעפאָלגט שפּאַניע...

און דער יונגער מלוכה פון די באָלשעוויקעס. אָט דער נייער קריג האָט מיטגעבראַכט מיט זיך גרויסע ענדערונגען און אַן איבערקערעניש אין די מוחות פון יידן אין פּוילן, דער עיקר - ביי דער יוגנט. פּנים אל פּנים מיטן געראַנגל פון די פּוילישע פּילסודסקי־לעגיאָנערן קעגן דער יונגער רויטער אַרמיי, איז געשטאַנען אַן אָרעמע אַרבעטלאָזע יידישע יוגנט און געזוכט באַשייד.

די סימפּאַטיעס פון די זאַטע יידן, די אייבערשטע פון שטייסל, זענען געווען אויף דער זייט פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן, אונטער זייער רויטווייסער פאָן מיטן ווייסן אָדלער, דעמאָלט געקעמפּט. דער רוב מנין יידן אָבער האָבן זיך מיט די פּוילישע אַמביציעס קנאַפּ וואָס אָנגעקערט, - זייער עמבלעם איז געווען דער מגן־דוד אויפן פּרוכת פון אָרון קודש אין שול און די בלוי־ווייסע פאָן, וואָס האָט צוגעזאָגט אַן אייגן לאַנד.

אָבער אַ גאָר גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט איז פאַרכאַפּט געווען פון די פרייהייטלעכע אידעען, וואָס די רויטע אַרמיי האָט געטראָגן מיט זיך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און במילא אויך פאַר יידן.

שיינדלס זון, יצחקל, איז ווייט געווען פון פּוילישן אָדלער, אַפילו פון דער בלוי־ווייסער פאָן און פון מגן־דוד, און געווען פאַרכאַפּט און פאַרטאָן אינעם קאָמוניסטישן עמבלעם, דעם סערפּ־און־האַמער.

דער קאַמף צווישן אָט די דריי סימבאָלן: פּוילישער אָדלער, רעליגיעז־יידישער, אָדער ציוניסטישער מגן־דוד און סערפּ־און האַמער, זענען שוין פון לאַנג פאַרביי, אין היטלער־דייטשלאַנד איז שפּעטער צוגעקומען אַ פערטער, אַ משונהדיק־ווילדער, מענטשנפרעסערישער, מערדערישער האַקנקרייץ, וואָס האָט שיער־שיער איינגעשלונגען אַלע דריי סימבאָלן, דער עיקר - דעם יידישן. אַ גליק נאָך וואָס טיילן פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָבן מיט נישט ווייניקער איבערגעגעבנקייט געקעמפּט, אַגיטירט און אַליין זיך געלאָזט אונטערן צייכן פון מגן־דוד און דער ווייס־בלויער פאָן קיין ארץ־ישראל, איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, אַזוי אַז עס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ היפּשער טייל פון אָט דער גלייבערישער יוגנט און ס'איז אויפגעקומען די יידישע מדינה.

שיינדל אָבער איז אין יענע יאָרן געווען פאַרזאָרגט דער עיקר וועגן איר יצחקלס צוקונפט. אָט די זאָרג האָט איינגעקריצט נאָך מער קנייטשן אין איר פּנים. זי האָט זיך פרי געעלטערט. חוץ דעם, האָט זיך דער הונגער, דער דלות צעלייגט ביי זיי אין שטוב און געפייפט, ווי מ'זאָגט, אין אַלע ווינקעלעך.

די מוטער שיינדל האָט זיך שווער געראַנגלט מיטן הונגער. עמך ישראל צריכים פּרנסה! דעם ביטערן טעם פון הונגער און נויט קאָנען דאָך די שיינדלס, די זיסלס, די ליבעס און די גוטעס. ווערן זיי אַלט פאַר דער צייט, אָבער געוויינען זיך צו צו דער נויט. אָבער יצחקל, אַ קינד, וואָס וואַקסט אונטער, איין גליק נאָר וואָס ער געפינט אַ טרייסט אין זיין פידעלע. אַ פידעלע האָט ער, און אים דוכט זיך, אַז מיט זיין שפּילן פאַרגעסט ער די פּיין, די דאגה פאַרן שטיקל ברויט, דערביי צעגייט ער זיך אין פרייד, ווען ער דערמאָנט זיך דעם וועג צו דער פרייהייט, צו אַ זאַטער לעבן, פאַר וועלכן עס קעמפּט די רויטע אַרמיי. כאָטש זיין מאַמע, מיט איר אינסטינקט, פילט, אַז איר זון איז פאַרקראָכן אויף פרעמדע וועגן...

פונקט אַזוי ווי זיין מאַמע איז געבענטשט געוואָרן מיט דער מידה פון גוטסקייט, איז ער, יצחקל, געבענטשט געוואָרן פון דער נאַטור (פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אים איז אַלץ

נאַטור) מיט אַ פיינעם געהער, מיט מוזיקאַלישן טאַלאַנט. גאָר גיך איז ער באַקאַנט געוואָרן ווי אַ פידלער פון פאַרנעם, פון מדרגה. נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די אָרטיקע מוזיק־שול, האָט ער שוין אָנגעהויבן אַליין שאַפן קאָמפּאָזיציעס. זיינע לערערס האָבן אים פאָרויסגעזאָגט אַ מוזיקאַלישע קאַריערע. מ'האָט זיך מיט אים געגרויסט, און זיין מוטער שיינדל איז ממש געווען אין זיבעטן הימל.

ווען זי פלעגט אים הערן שפילן ערנסטע מוזיק פון באַרימטע מחברים, צי אַפילו זיינע אייגענע נאָך־רויע קאָמפּאָזיציעס, פלעגט זי פאַרגאַפט ווערן פון די קלאַנגען פון דעם מוזיק־לשון, וואָס האָט גערעדט צו איר געמיט. קלאָר, אַז זי האָט אים געשאַצט אַ סך מער ווי דיווירקלעכקייט איז געווען. אָבער גיי שפּאַר זיך מיט אַ מאַמעס פילן און... פאַרשטיין. האָט גאָרנישט געהאַמעוועט, נישט איר, נישט יצחקלס פאַנטאַזיעס, אַז אין אַ יאָר אָדער אין אַ צוויי אַרום וועט פון אים אויסוואַקסן אַ באַרימטקייט. אין בערלין, אין לאָנדאָן צי אין פאַריז וועט, ערגעץ אין אַ גאַס אויף אַ הויז, הענגען אויף אַ טיר אַ שילדל מיט דער אויפשריפט: "קאָמפּאָזיטאָר יצחק קערשנבוים".

דער "רויטער שטערן", אָדער דער "סערפּ־און־האַמער": האָט געליטן אַ גרויסע מפּלה ביי דער ווייסל און איז אָפּגעשטויסן געוואָרן דורכן פּוילישן "ווייסן אָדלער". די רויטע באָרוועסע אַרמיי האָט אין יענעם יאָר, 1920, גענומען אין בהלה צוריקטרעטן פון דער ווייסל, פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך. אויך ביי זיי אין שטאָט איז איצט געוואָרן פינצטער־חושך. די בהלה איז געווען אין לשער. יצחקל, ווי אַ סך אַנדערע יידישע בחורימלעך און מיידלעך, האָט געטראַכט און געפּלאַנט מיטצולויפן מיט דער צעשלאָגענער רויטער אַרמיי און גיין מיט איר אַהין, ווו דער שטערן, דער רויטער, וואַכט און היט אָפּ די רעוואָלוציע. וואָרעם מ'מוז אַנטרינען, אַנטלויפן פון די האַלערטשיקעס, פון די פּאָזנאַנטשיקעס, פון די ווייסטע פּוילישע אַנטיסעמיטן.

וואָס וועט אָבער זיין מיט זיין פידעלע? אַ פידל איז נישט קיין ביקס, ס'איז אַ צאַרטער אינסטרומענט. ווי וועט ער אין דער לויפעניש דאָס אויסהיטן פון אַ בייז אויג? האָט ער אַרויפגעטראָגן דעם פידל אויפן בוידעם, פאַרשטעקט אים דאָרטן אונטער אַ פּאַק שמאַטעס, עד יעבור זעם.

נאָר ווי אַזוי לאָזט מען דאָס איבער די מאַמע, די ברידער, די שוועסטער, וואָס זענען אים אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן? די צייט איז אַזוי קורץ, גורלדיק, קוקט ער זיך מער נישט אום, און לויפט, לויפט אין איין אָטעם.

דער וואָקזאַל איז שוואַרץ פון מענטשן. אַ לאַנגער צוג שטייט דאָרט מיט אָפענע וואַגאָנען, לאַסט־וואַגאָנען, אָנגעשטעלט מיט פעסער, מיט קאַסטנס, פערד, בהמות. אויפן פּעראָן, אין דער זומערדיקער היץ, דרייען זיך אַרום יונגעלייט מיט רויטע לענטעס אויף די אָרעמס, זיי קאָמאַנדעווען, באַמיען זיך צו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג אינעם געדראַנג פון דער פּליטים־מאַסע – די אָנגעהעריקע צו דער רויטער שטאָט־פאַרוואַלטונג במשך די קורצע פּאָר וואָכן בעת די רויטע אַרמיי האָט דאָ געהערשט. נישט בלויז יידן זענען דאָס געווען, נאָר אויך פּאָליאַקן, רוסן. זיי ווילן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די אַכזריותדיקע פּאָזנאַנטשיקעס און האַלערטשיקעס.

צווישן אָט דער צעכוואַליעטער בהלה־מאַסע, אין אַ זייט, דרייט זיך אַרום אַ גרופּע יונגעלייט, יידישע יונגעלייט. אויך זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער היים, פון טאַטע־מאַמע, פון גאָט, פון אַלץ וואָס זיי האָבן ביז איצט פאַרמאָגט אין זייער לעבן. זיי

גרייטן זיך מיטצולויפן. וווהין? אין גרויסן ברייטן רוסלאַנד איז נישטאָ קיין סטאַבילע היים. אַלץ איז נאָך דאָרט צעשוווּמען אין אַ כאַאָס. וואָס טוט מען?

אַרויסגעגנבעט זיך פון דער היים, מיטן טשעמאָדאַנטשיקל אין האַנט, שטייט יצחק צווישן דער חברה אין גאַנצן אַ צעטומלטער. ער ווייסט נישט פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ מוט, אָפּצוטאָן אַזאַ מין זאַך? ער האָט זיך דאָך שטיל אַרויסגעגנבעט פון שטוב, נישט זאָגנדיק דער מוטער קיין וואָרט, זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט איר. פאַרלאָזן דאָס פידעלע, די מאַמען, די ברידער, שוועסטער.

כאָטש מיט דער מאַמען האָט ער אין דער פרי יאָ גערעדט. ער האָט אַפילו בדעה געהאַט - אַ משוגענער געדאַנק אַזאַ געווען ביי אים - צוצורעדן דער מוטער זי זאָל איבערלאָזן אַלץ און לויפן צוזאַמען מיט אים. איי, די ברידער, די שוועסטער, די אָרעמע באַלעבאַטישקייט - ווי אַזוי וועט זי אַלץ איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט? אין זיין פיבער האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון. דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט, האָט ער נישט געקאָנט גאָרנישט אויפקלערן און איז שטומערהייט אַרויס פון שטום.

פּלוצים הערט ער אין טומל און אין רעש אַ געשריי:

- יצחקל! וואַרט אַ רגע!... אָט לויף איך דיר ברענגען כאָטש אַ לעבל ברויט אויפן וועג!

ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ בייזן חלום. ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די פּלייצעס פון די חברים, כדי צו זען די מוטער, איר עפּעס וואָס זאָגן, אָבער ער האָט שוין זיין מוטער מער נישט געזען. זי איז שוין געווען פאַרשוווּנדן, איז אַוועק מיט אייליקע טריט, כדי צו זוכן פאַר אים אַ לעבל ברויט אויפן וועג, אין אָט דער צעטומלטער ווילדער צייט.

*

ווי אַזוי ער איז אַרויס פון "דאָרט" אַ לעבעדיקער, דערגרייכט די פרייע וועלט און געוואָרן דער באַרימטער פידלער א י ז אַ ק ק ע ר ש נ ב ו י ם, דאָס איז אַ נס פון די נסים, וועלכע ווערן לעצטנס דערציילט דורך צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער, וואָס דער גורל האָט זיי געפירט, פאַרפירט און אַרויסגעפירט.

צענדליגער יאָרן זענען שוין זינט דעמאָלט אַוועק. די עמבלעמען האָבן שוין פון לאַנג פאַרלוירן זייער צוציונג־כוח און טייל אַפילו זייער באַטייט. נאָר ער גריבלט זיך נאָך אַלץ אינעם שלל פון זכרונות און געפילן, אין זיינע גרעסטע מוזיק־דערפאָלגן וויל ער זען קודם כל זיין מאַמען. ער וויל זען ווי זיין טייערע מאַמע איז פאַרשוווּנדן. ער ווייסט דאָך אַפילו נישט צי זי איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אינעם ווייס־אָדלערדיקן פוילן, צי האָט זי דער האַקנקרייץ אַריינגעוואָרפן אין יענע גריבער ווו עס רוען די אַלע שיינדעלעך, ליבעס גוטעס?

ווער ווייסט!

און נאָך עפּעס פרעגט ער זיך, אין זיינע שלאָפלאָזע נעכט, וואָס די גרעסטע דערפאָלגן קאָנען אים דאָס נישט ענטפערן: - האָט זי כאָטש דעמאָלט געפונען פאַרן זון, פאַר איר יצחקלען, דאָס לעבל ברויט, וואָס זי איז געלאָפן זוכן?

אויב יאָ - זעטיקט ער זיך מיט דעם דאָזיקן מאַמע־ברויט ביזן היינטיקן טאָג. טאָמער אָבער, חלילה, נישט, עסט ער פרעמד ברויט, אַזאַ ברויט, וואָס קומט אים נישט. כאָטש זיין טאַלאַנט האָט אים פון אַלע געפאָרן געראַטעוועט און די ליבע פון דער מאַמען, וואָס האָט שטענדיק און אומעטום געוואַכט איבער אים.

עקיבא פישבין / פּאַריז

# עלי וויזעל טוט "יום־טובן דעם תּלמוד"

הכלל, אַ שיעור פון ר' עלי וויזעל איז מיט גאָלד צוגליידך! נישט נאָר קאָנט איר ביי אים לערנען און לערנען, נאָר אויף אַן הוספה וועט איר נאָך גאַנצע עמערס עסטעטישן תענוג ביי אים שעפּן. די מעשה דערפון איז, וואָס דער בעל־השיעור איז טאַקע אַ למדן מופלג, אַ ייד, אַ בן־תורה, וואָס שווימט אַרום אויף די כוואַליעס פון בבלי און ירושלמי ווי אַ פיש אין וואַסער, ער איז אָבער אויך אַ גבירותדיקער דערציילער. דעם איכות פון אַנאַליז לייגט ער אַריין אין אַ נאַראַטיווער פאָרעם און צינדט אָן אַזוי אַרום ביי אייך אַ תשוקה צום שיעור. אָט רעדט ער וועגן אַן ענין מיט אַ קילע באַטראַכטקייט, און באַלד שטייגט ער אויף מדרגות מיט אַ נשמה־שוווּנג וואָס פירט אַוועק העט־ווייט צו ספּיריטועלע הויכקייטן.

דעם אָ איינדרוק טראָגט מען אַרויס נאָכן איבערלייענען דעם לעצטן ספר וויזעלס א"נ: - "יום־טובן דעם תּלמוד" - אַ געזאַמל פון תּלמוד לעקציעס געהאַלטן אין ניו־יאָרק, באָסטאָן און פּאַריז. דער דאָזיקער ספר האָט מעלות אויף מעלות!

עלי וויזעל איז אַ ברען פייער פאַר יידישקייט. עפּעס דערמאָנט ער דעם גאָלדענעם מלמד פון אַ מאָל, דעם מאַדים פון אַ יידישן פּעדאַגאָג, וואָס גלייך נאָר ווי ער האָט דאָס יידישע קינד אין זיינע הענט אַריינבאַקומען האָט ער אין זיין נשמהלע - קודם אַ ליבשאַפט, אַן אייביקע, צום יידישן אות פּאַרזייעט; און ווייטער אַריין, שוין ביסלעכווייז־ביסלעכווייז, אין אים אַ נישט געלאָשענעם דורשט אָנגעצונדן צום תּוכן פון אַ יידישן פּסוק, ביז ער האָט פון קינד געמאַכט בסוף אַ ייד, וואָס וועט שוין דאָס אייביקע לעבן "זוכן מיט די בטחון־אויסגעבענקטע אויגן אין אַלץ און אומעטום אַ צייכן אויף גאולה", ווי דאָס זאָגט שיין און ריכטיק עלי שעכטמאַן, דער דעמב פון דער היינטצייטיקער יידישער פּראָזע. אַ סברא, אַז אַזאַ מאַדים פון אַ מלמד איז געווען עלי וויזעלס ערשטער רבי אין שטעטל, מחמת אָן דעם מים־חיים פון די יידישע קוואַלן קאָן דער דאָזיקער מענטש נישט לעבן.

עלי וויזעל, קאָן מען זאָגן, איז מיטן תּלמוד פאַרבונדן זייט אַלע זיינע יאָרן. די מעשה איז נאָר, וואָס זיין תּלמוד־קשר איז נישט אַזאַ פּשוטער. דאָס איז נישט ווי די געוווינשאַפט ביי אַ פרומען ייד צו לערנען דעם דף יומי יעדן טאָג. ביי אים איז דאָס אַ סך, אַ סך מער. ביי אים איז דאָס אַ נשמהדיקער קשר וואָס ווערט געבוירן ביי אַ מענטש אויס פלאַמיקער אהבה! עלי וויזעל האָט, גאַנץ פּשוט, דעם תּלמוד ליב אָבער אַלץ הייסט ליב! איצט ווידער, גייט אים בנפשי ז י י ן אהבה צום תּלמוד איבערצופלאַנצן אויף אַנדערע. וויזעל האָט ליב דעם תּלמוד מחמת זיין קיומדיקער עשירות און דער זעלטענער פּשטות זיינער, ווייל דער תּלמוד איז אַ פעסטע בריק - אַ זיכערע - צו אַ שיין, גוט לעבן בין אדם לחברו, מחמת דעם תפארת החיים ותפארת המענטש, וואָס קוועלט אַרויס פון יעדן איינעם דף זיינעם, צוליב דעם האָט וויזעל ליב דעם תּלמוד. די נאָנטקייט מיטן בבלי וירושלמי, מיט זייערע חכמים; די נאָנטקייט מיט די בטעמטע אגדות פון תּלמוד איז פאַר אים אַ טום־טוב - אַ יום־טוב וואָס לייטערט, וואָס דערהייבט און וואָס דערמאָנט כסדר, אַז מען איז מחויב אַ מענטש צו זיין בצלם אלוקים!

זייט דעם ערשטן בלאַט גמרא זיינעם, וואָס יינגלווייז האָט עלי וויזעל געלערנט אין זיין שטעטלדיקער ישיבה, לערנט ער און דערלערנט כסדר צו באַקענען די גייסטיקע ריזן פון תלמוד. ער איז בחן אַן אייביקער לערנער! אַפילו ווען ער אַליין טוט מיט אַן עולם לערנען אַ שיעור - אויך דעמאָלט איז ער אַ לומד. עפּעס איז ער אַן אייביקער לומד ומלמד! און אַז עלי וויזעל נעמט רעדן וועגן תלמוד, טוט אַ פלאַטער פאַר זיינע אויגן דאָס בילד פון די קינדער יאָרן זיינע. אָט זיצט ער אין אַ באַשיידענעם צימער, ווו דער סופיט ס'ליגט אַלעמען אויפן קאָפּ. ביים בלאַסן שיין פון אַ נאַפט-לאָמפּ זיצן אַרום אַ פּירקאַנטיקן טיש אויסגעזעצט ר' זיידע, דער אַלטער מלמד און זיינע תלמידים. און ס'לערנט מיט אַ ניגון דער אַלטער מלמד: - זאָלסט נישט אָנצינדן אַ ליכט אין שבת! און בשעת ס'ניגונט האַרציק אַזוי דאָס קול פון מלמד, טראָגט זיך אַריבער אין דמיון דער קליינער עלי העט-וויט אַוועק, אַזש צום וויטן בבל, צום גליל צו, און אַפילו קיין ירושלים, דער עיר הקודש. דאָרט, אין דער וויטקייט, דער יידישער, שלאָגט ער זיך אָן אין די גייסטיקע ריזן פון תלמוד; ער האָרכט זיך איין אין זייערע שאַרפע וויכוחים; און אין אים וואַקסט דאָס האַרץ. לאַנג שפּאַצירן דאָרט, פלאָנטערן זיך צופיל אַרום די תלמוד-חכמים, דאָס דערלאָזט נישט דעם רבינס ניגונדיק קול. די שבת דינים, וואָס דער מלמד לערנט די תלמידים, ברענגען צוריק צו דער יום-יומיקייט. עד היום קלינגט אים נאָך אין די אויערן דער ניגון פון דעם אַלטן רבין: - מען טאָר נישט אָנצינדן און אויך נישט אויסלעשן אַ ליכט אין שבת, ווייל דאָס הייסט געאַרבעט; שבת איז פאַר אַ ייד באַשטימט געוואָרן צו רוען. אָבער! - און דאָ נעמט דער מלמד שוין אַ העכערן טאָן - ווי איז למשל דער דין, אַז מען שרעקט זיך פאַר גזלנים? אָדער דו וואַכסט ביי אַ קראַנקן, וואָס קאָן נישט איינשלאָפן נעבעך? דאָ - ציט ווייטער ר'זיידע מלמד מיט אַ ניגון - דאָ ווערט דער לאו בטול מחמת פקוח נפש! איין קלייניקייט - ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן! פאַראַן אין תלמוד אַ סך אַזעלכע "אָבערס".

און עלי וויזעל איז ממשיך דעם פאָדעם פון זיין נאָסטאַלגיש בילד: - "ס'שטייט מיר פאַר די אויגן די געשטאַלט פון אַלטן ר'זיידע, איך זע אים - ער טייטלט מיטן פינגער אויפן פאַרגעלטן דף, מיר קלינגט אין די אויערן נאָך אַלץ זיין ניגונדיק קול: - קוקט קינדערלעך, און זעט! קאַפּויער צו די טענות פון אונזערע פאַרלוימדער, די עם-הארצים, האָט די תורה נישט בדעה צו באַשווערן דאָס לעבן פון יידן!"

יאָ, עלי וויזעל איז קינדווייז אַריבער די שוועל פו תלמוד מיטן רעכטן פוס. באַגלייט האָט אים די הבטחה פון אַלטן מלמד זיינעם, אַז ווי האַרב ס'זאָל נישט זיין דער דין, איז אייביק פאַראַן אַן "אָבער". אונזערע חז"ל האָבן דעם דאָזיקן "אָבער" אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס דעם מענטש ער זאָל וואַכן און היטן זיין לעבן. דאָס לעבן פון מענטש, האָבן מכריז געווען די חכמי התלמוד, איז קודש קדשים!!!

יינגלווייז שוין האָט עלי וויזעל ליב באַקומען די גייסטיקע ריזן פון בבלי און ירושלמי. זיי זענען אים אַריין אין האַרץ! די פונקען וואָס האָבן געפלאַקערט אין זייערע נשמות האָבן אָנגעצונדן זיין יינגלערישע פאַנטאַזיע. און די תורות זייערע - זיי פלאַקערן אין אים עד היום. אין די פּרקים פון זיין לעצטן ספר דערלאַנגט אונז וויזעל דעם קלימאַט פון דער תלמוד סביבה. מיר פילן דאָרט די הייליקע טומלעניש, אָפּט מאָל מיט אַ דראַמאַטישן רעזאָנאַנס. איז דאָך די כוונה פון יענע גייסטיקע ריזן געווען - באַלייכטן דעם ייד אַ וועג מיט אַ הימליש-בלוי ליכט. צונאָגלען האָבן זיי געוואָלט

משה שקליאַר

# גערענקסט די ליים־גריבער?

## דערציילונג

דער פאַרהאַנג איז אַראָפּגעלאָזט. אין זאַל איז שוין פינצטער, מען קאָן קוים זען דעם עולמס קעפּ, וואָס וויגן זיך ווי כוואַליעס פון אַן אויפגעשטורעמטן טייך. באַלד דאַרף זיך אָנהייבן די פאָרשטעלונג, אָבער פאַן אַנטאָני האָט פאַרשפּעטיקט אויפשטעלן די דעקאָראַציעס. עפּעס דאַרף ער נאָך צוקלאַפּן אַ ברעטל, פאַרריכטן אַ בענקל, און גראָד האָבן אים אויסגעפּעלט נעגל. מאַירקע קוקט אַרויס דורך אַ שפּאַרונע און זוכט זיין טאַטן, אָבער ער זעט בלויז קעפּ און קעפּ. נאָר אָט רופט אים דער לערער זייד. "מאַירקע - זאָגט ער - עס וועט נאָך נעמען אַ ווײַלע ביז מיר וועלן זיין גרייט. גיי דערווייל אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און זאָג דאָס ליד וואָס דו האָסט געזאָלט דעקלאַמירן שפּעטער".

מאַירקעס האַרץ נעמט האַסטיק קלאַפּן. עס שרעקט אים די פינצטערניש. בעת די פּראָבעס איז אַלע מאָל געווען ליכטיק אין זאַל, און דאָ - אַזאַ פינצטערניש, גלייך ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ תהום. דאָס ליד וועגן יאַנקעלען האָט ער גראָד גוט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק, נאָר איצט דאַכט זיך אים, אַז ר'האָט אַלץ פאַרגעסן. "לערער - זאָגט ער - כ'האָב מורא, ס'איז אַזוי פינצטער"... דער לערער זייד שמייכלט מיט זיין קרומלעכן מויל און טרייסט אים: "נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן, מאַירקע, דו ביסט דאָך נישט קיין פּחדן". און אָט נעמט ער אים פאַר דער האַנט און פירט אים

---

דעם ייִד צו אַן הלכה אין לעבן, ער זאָל חס ושלום אַ חיה רעה נישט ווערן, ער זאָל דעם צלם אלוקים נישט פאַרלירן!! ווייל טאָמער נעמט די חיה אין בן־אדם דעם דיקטאַט, גייט די וועלט צו קאַטאַסטראָפעס, שפיכת־דמים, צו גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריע־אויוונס...

קומט איצט עלי וויזעל מיט זיין ספר און פאַרטיפט די תורות פון אונזערע חז"ל, בכדי די געבאָטן, ווי ער זאָגט, פון סיני־מדבר, זאָלן דעם מענטש צוהעלפן באַקעמפן דעם מדבר פון זיין נשמה גופא. אין ספר "יום־טובן דעם תלמוד" באַקומען מיר אַ בילד פון די חכמי־התלמוד; וויזעל באַקענט אונז מיט זייערע ביאָגראַפיעס, זייער גייסטיקן דרך, זייער בליק אויף די שטורמישע צייט־געשעענישן. און דערביי, ווען ס'קומט אויס צו באַהאַנדלען די תקופה פון חורבן בית שני, לאָזט נישט אַרויס דער מחבר פון אויג דעם חורבן בית שלישי. "יום־טובן דעם תלמוד" איז נישט סתם אַ בוך פון אַ שיינגייסט, וואָס אַנטלויפט פון זיין צייט אין דער שטילקייט אַריין פון זיין שטודיר־צימער. וויזעלס ספר איז אָנגעפּיקעוועט מיט מחשבה, וואָס רירט אָן דעם אומגליקלעכן דור־השואה אונדזערן.

מצד השני, איז "יום טובן דעם תלמוד" פון עלי וויזעל אַ פיבערדיקער מזמור־שיר לכבוד הומאַנער טאָלעראַנץ און מענטשלעכער גלייכהייט; אַ שיר לכבוד אַ געזעלשאַפט, וווּ נישט די פויסט דיקטירט, אלא דער דרך־ארץ פאַר מענטש.

יאָ, עלי וויזעל גלויבט, אַז דער אמת וועט אַ מאָל גובר זיין דעם שקר, דעם פאַרשלייערטן אין צביעותדיקע בלומען, מחמת מנצח זיין מוז בסוף פסוק דאָס לעבן, וואָס די חכמי התלמוד האָבן ציטערדיק אַזוי געוואָלט אָפּהיטן.

אַרויס אין פראָנט פונעם פּאַרהאַנג. מאירקע הערט אַ פּאַטשערײַ פון הענט און מיט אַ מאָל ווערט שטיל. אַ טויטע שטילקייט. אַ רגע שטייט ער ווי פּאַרלוירן, נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך די ווערטער פונעם ליד, און הייבט אָן:

יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַריין, / יאַנקעלע וויל אַ יעגער זיין,
שיסן וויל ער נאָר אַ בער, / ווּ נעמט מען געווער?

איידער ער באַווייזט אָנצוהייבן דעם צווייטן פּערז פילט ער ווי עמיצער האָט אים געגעבן אַ שטויס אין רוקן און גלייך פאַלט ער אין פינצטערן תהום אַריין. ער הערט אַ טומל, אַ געשריי און פון ערגעץ ווייט דערטראָגן זיך צו אים, ווי אַן עכאָ, די ווערטער: "ווּ נעמט מען געווער, ווּ נעמט מען געווער?"...

*

"...ווּ נעמט מען געווער?" - ישראליק חזרט איבער די דאָזיקע פראַגע שוין צום וויפלטן מאָל. אין בונקער, ווּ זיי זיצן זאַלבעפינף, ישראליק, זיין ברודער בערל, שמאַיאַ, שרהלע קאַץ און מאירקע, ברענט אַ קאַנעצל וואָס באַלייכט קוים זייערע פּנימער. ס'איז קאַלט. סוף אָקטאָבער. די גרויסע אַקציע אין געטאָ האָט זיך שוין געענדיקט. פון צווישן זייערע רייען זענען אַרויסגעריסן געוואָרן די בעסטע, די געטרייעסטע און נאָענטסטע חברים. איצט נעמען זיך צוזאַמען די רעשטלעך - אויסגעהונגערטע, פאַרמאַטערטע, אָבער נישט רעזיגנירטע. דורך וועגן און אומוועגן האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן די ידיעה, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, און - מען וועט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. "מיר דאַרפן, מיר מוזן זיך באַוואָפענען"...

נאָר ווּ נעמט מען געווער?

ישראליק קוקט אויף די חברים מיט דעם גוט באַקאַנטן פייערל אין זיינע אויגל, און די חברים קוקן אויף איינאַנדער, גלייך ווי יעדער וואָלט מורא געהאַט איבערצורייסן די שטילקייט. פּלוצלינג רופט זיך אָפּ שמאַיאַ:

- איך וועל גיין.

- וווהין - פרעגט ישראליק - ווּ ווּעסטו גיין מיט איין האַנט?

- דערווייל גיי איך נאָך אויף די פיס און נישט אויף די הענט - זאָגט שמאַיאַ און שמייכלט שעלמיש. - און חוץ דעם, ווער נאָך האָט אַזאַ פּנים ווי איך? מיט אַזאַ פּנים וועל איך נישט פאַרפאַלן ווערן אויף יענער זייט. און פאַרגעסט נישט, איך האָב באַקאַנטשאַפט אין דאָרף.

אַזוי איז עס געבליבן. שמאַיאַ גייט אין דאָרף, אויף יענער זייט געטאָ־מויער, און מאירקע גייט מיט אים. פאַרוואָס מאירקע? ווייל ער ווייסט צום בעסטן דעם וועג דורכן בית־עלמין צום מויער וואָס פירט אויף פּאָוואַנזעק, און דאָרט וווינט פאַן אַנטאָני. עטלעכע מאָל איז ער געווען ביי אים אין דער היים, ווען ר'איז נאָך געגאַנגען אין שול. דאָרט וועלן זיי איבערנעכטיקן. עס קאָן נישט זיין, אַז פאַן אַנטאָני זאָל אָפּזאָגן. ווייטער וועט שוין פירן שמאַיאַ.

שרהלע קאַץ קוקט אויף מאירקען שווייגנדיק און ער דערקענט דעם אומרו אין אירע אויגן. ער ווייסט, זי וועט נישט פּרווון אים אָפּהאַלטן, זי וועט ליידן שטילערהייט און וואַרטן. בלויז ווען זיי לייגן זיך שלאָפן אין זייער ווינקל, טוליעט זי זיך צו אים שטאַרקער ווי שטענדיק, גלייך זי וואָלט וועלן ווערן אַ טייל פון אים, כדי אים נישט פאַרלירן.

– זיי פאַרזיכטיק, מאירקע – שעפּטשעט זי – געדענק, דו ביסט ביי מיר בלויז איינער פאַרבליבן. מער קיין נאָענטע האָב איך נישט. ווען נישט דו וואָלט איך אויך פאַרנומען געוואָרן צום אומשלאַג, צוגלייך מיט טאַטע־מאַמע. אפשר וואָלט טאַקע בעסער געווען אַזוי"...

– וואָס רעדסטו, טייערסטע – זאָגט ער און קושט אירע פאַרטרערטע אויגן, פאַרפרעסנדיק איר מויל מיט זיינע הייסע ליפּן גלייך ער וואָלט קאָנען אַזוי אַרום אירע ווערטער צוריק אין קעל פאַרשטופּן. – שווייג, שווייג, רעד נישט אַזוי, קעצעלע. עס וואָלט נישט בעסער געווען... דו ביסט ביי מיר אויך די איינציקע, די נאָענטסטע. און איך וועל זיין צוריק. און מיר וועלן האָבן געוועזר. און מיר וועלן פאַר אַלץ נקמה נעמען. ווערסט זען...

*

פאַרטאָג. אַ בלייכע זון קוקט קוים אַפּער פון אונטער די וואָלקנס. שוואַכע שטראַלן רייסן דורך די גרויקייט גלייך זיי וואָלטן זוכן עפּעס אויף די אויסגעליידיקטע גאַסן. פון הייזער שלייכן זיך אַרויס מענטשן, ווי שאָטנס איינגעוויקלטע אין שמאַטעס. זיי איילן צו די זאַמלפּונקטן וואָס פירן צו די אַרבעט־"פּלאַצוווקעס" אויף יענער זייט מויער. פון ווו נישט ווו דערטראָגט זיך אַ געלעכטער און דער אָפּהילך פון פּאָליציייִשע שטיוול אויפן ברוק. די פּאָליציי־לייט וואַרטן שוין אויף זייער "סחורה" וואָס זיי דאַרפן באַגלייטן צו דער אַרבעט און שפּעט אין אָוונט צוריק ברענגען אין געטאָ.

אויך שמאַיאַ און מאירקע שלייכן זיך אַרויס פון זייער האַלב־איינגעפאַלענעם הויז און שליסן זיך אָן אין אַ גרופּע אַרבעטער. ביים טויער, וואָס פירט אַרויס פון געטאָ, שטייען עטלעכע אָנגעפרעסענע דייטשן און זיי באַטאַפּן אַלעמען מיט די אויגן. די פּאָליציי־לייט, וואָס באַגלייטן די צונויפגעזאַמלטע אַרבעטער, שמועסן עפּעס מיט די דייטשן, פאָכען מיט די הענט, און לסוף לאָזט מען זיי דורך. איצט דאַרף מען זיך אָפּרייסן פון דער מחנה און גיין דעם אייגענעם וועג. צוערשט רייסט זיך אָפּ שמאַיאַ. ווי אַ קאַץ גיט ער זיך אַ בייג אין דרייען ביים ערשטן עק פון דער גאַס. אַ שפּרונג, און שוין איז ער אין אַ טויער. קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט. דאָרט דאַרף ער וואַרטן אויף מאירקען. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט. איצט איז מאירקעס ריי. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און וואַרט ביז דער פּאָליציאַנט וואָס גייט נעבן אים וועט זיך דערווייטערן. עס נעמט אַ ווייַלע און אָט זענען זיי שוין פאַרביי אָן אַנדערן עק גאַס. נישט גוט, שוין צו ווייט אַוועק פון שמאַיאַן. נאָר אָט דערווייטערט ער זיך, דער פּאָליציאַנט. אַן אַנדערער האָט אים אַ רוף געטאָן און זיי רעדן עפּעס צווישן זיך. ער נוצט אויס די געלעגנהייט און טוט אַ שפּרונג אין אַ זייט ווי אַ ווינט וואָלט אים געטראָגן אויף די פליגל. ער פאַרשטעקט זיך אין אַ נאָענטן טויער און וואַרט.

פּלוצלינג באַווייזט זיך דער סטרוזש, אַ האַלב־פאַרשלאָפענער רייבט ער די אויגן מיט איין האַנט און אין דער צווייטער קלינגען שווערע שליסלען, ווי גלאָקן וואָס וועקן די וועלט פון איר טיפן שלאָף. מאירקע הערט ווי דער סטרוזש שעלט די שלאָפנדיקע וועלט, די דייטשן און די יידן, און שטעקט אַריין אַ שליסל אינעם פאַרזשאַווערטן שלאָס. די שווערע טיר עפנט זיך מיט אַ גרילץ און פאַרמאַכט זיך צוריק. דעם סטרוזשס טריט דערווייטערן זיך אין דער פאַרקערטער ריכטונג. מאירקע האָט אָפּגעוואַרט נאָך עטלעכע רגעס ביז די גאַס איז געוואָרן ליידיק, אַרויסגעשטעקט דעם

קאָפּ פונעם טויער און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. די פּאָליאַקן זענען נאָך נישט אַרויסגעקראָכן פון די בעטן, און די דייטשן גרייטן זיך ערשט צו בייטן די וואַך־פּאָסטנס. מיט שטילע טריט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן דערשטיקן זייער ווידערקול, שלייכט ער זיך, מאירקע, לענגאויס די מויערן ביז ער דערגרייכט דעם טויער ווו שמאַיאַ האָט זיך געהאַט פאַרשטעקט. ענדלעך זענען זיי ווידער צוזאַמען.

דער וועג צום בית־עלמין גייט דורך אַן שטרויכלונגען. זיי גייען דורך הינטערגאַסן וואָס זיי קענען ביידע זייער גוט, נאָך פון די קינדער־יאָרן. די געלע לאַטעס האָבן זיי שוין פון לאַנג אַראָפּגענומען און פאַרשטעקט אין די שיך. זיי וועלן צוניץ קומען אויפן וועג צוריק,ביים אַריינבאַקומען זיך אין געטאָ.

דער טויער פון בית־עלמין איז געשלאָסן. פּינקערטס חברה קדישא־לייט שלאָפן נאָך. עס וואַרט זיי אַ שווערער טאָג אַרבעט ביים אָפּרוימען די מתים פון גאַסן און הויפן. זאָלן זיי שלאָפן. קיין עדות זענען נישט נייטיק. אַפילו נישט די פּינקערט־לייט. מאירקע בייגט זיך אַראָפּ און שמאַיאַ קריכט אַרויף אויף זיינע אַקסלען. די משא איז אַ שווערע אָבער ער גלייכט זיך אויס און שוין איז שמאַיאַ אויף דער מויער. ער דערלאַנגט מאירקען זיין ליידיקן אַרבל און שלעפּט אים אַרויף ווי מיט אַ שטריק. מיט דער געזונטער האַנט האַלט ער זיך אָן אין דער מויער כדי נישט אַראָפּצופאַלן. אַ שפּרונג און ביידע זענען אונטן אויפן גראָז, צווישן די מצבות. אַ שאַרפער ריח פון די קאַשטאַן־ביימער און קליאָנען גיט אַ שלאָג צום מוח, אַז עס פאַרדרייט זיך אַזש אין קאָפּ.

– דו פילסט עפּעס? – פרעגט מאירקע שמאַיאַן.

– יאָ, איך פיל, איך פיל אַז כ'בין הונגעריק...

–הונגעריק בין איך אויך – זאָגט מאירקע – אָבער איך מיין דעם ריח, דעם ריח פון די ביימער. ווי קומט אַזאַ ריח אָט דאָ, אויפן געטאָ בית־עלמין, ווו טאָג־טעגלעך ווערן געבראַכט צו קבורה הונדערטער שטינקענדיקע גופים?

זיי האָבן זיך דערקליבן צו אַ האַלב־איינגעפאַלענעם אוהל און פאַרשטעקט זיך אונטער די מירמל־פּליטעס. פון דער באַהעלטעניש קאָן מען זען אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום. זיי קאָן מען פון דרויסן נישט זען. לעבעדיק באַגראָבן... צוויי מתים מיט אָפענע אויגן און אַ נאָיענדיקן הונגער. מאירקע נעמט אַרויס פון טאַש דאָס שטיקל ברויט, וואָס שרהלע האָט אים מיטגעגעבן, און טיילט זיך מיט שמאַיאַן.

– זיי שפּאָרעוודיק – זאָגט ער אים – עס דאַרף סטייען אויף אַ גאַנצן טאָג און אפשר אויף לענגער.

נאָר שמאַיאַ הערט אים נישט. איינס און צוויי און דאָס ברויט איז פאַרשוווּנדן. מאירקע באַהאַלט אַ שטיקל אויף שפּעטער. ווער ווייסט ווען עס וועט אויסקומען ווידער זען אַ שטיקל ברויט פאַר די אויגן?

אָפּגעגעסן, לייגן זיי זיך אַוועק אויף דער פייכטער ערד און הערן זיך איין אין דער שטילקייט. מען הערט נישט מער ווי דעם רויש פון בלעטער. ערגעץ ווו בילט אַ הונט מיט אַ ווייגענדיק־וויעענדיקער בילעריי, גלייך ער וואָלט געוווּסט וואָס אַרום טוט זיך. און אפשר איז ער אויך הונגעריק און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אים צוואַרפן אַ ביין?

דאָ דאַרפן זיי זיין ביז זון־פאַרגאַנג. ווען ס'וועט ווידער ווערן שטיל אַרום, די פּינקערט־לייט וועלן פאַרשווינדן און דער טויער וועט ווערן אָפּגעשלאָסן, דעמאָלט

וועלן זיי אַרויס פון דער באַהעלטעניש, דערקלייבן זיך צום פּלויט וואָס טיילט אָפּ דעם בית־עלמין פון גויאישן צווינטער, און אַריבער אויף יענער זייט. פון דאָרט פירט שוין אַ גלייכער וועג צו פּאָוואָנזעק. מאירקע שליסט צו די אויגן, שמאַיאַ איז וואַך. ער דאַרף אויפוועקן דעם חבר האַלבטאָג. דעמאָלט וועט יענער איבערנעמען די וואַך.

*

מאירקע טראַכט וועגן פּאַן אַנטאָניס שטיבל אין פּאָוואָנזעק - ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפן געסל, וואָס דערמאָנט מער אין דאָרף ווי אין שטאָט, וועגן פּאַן אַנטאָנין טראַכט ער, און ווייסט נישט צי יענער וועט אים דערקענען. אַ מאָל איז ער פּאַר אים געווען אַן "איטשלאָק", ווי אַלע ייִנגלעך אין שול, און איצט... אַ דערוואַקסענער מאַנצביל מיט וואָנצעס ענלעכע צו זיינע. צי וואָלט ער זיך אַליין דערקענט ווען ער איז אויף יענעמס אָרט?

פּאָוואָנזעק, פּאָוואָנזעק... ווידער איז ער אַ ייִנגל און יאָגט זיך נאָך ווישניעווסקיס טויבן אין דער פרייער צייט פון שול. פאַרנאַכט־צו, ווען ער קערט זיך צוריק, אין הויף , רופט אים יאַנעק:

-מאירקע, ווילסט גיין מיט אינדז?

- מיט וועמען?

- נו מיט אינדז - חזרט איבער יאַנעק - איך, מיין ברודער און זעגאָן... ביינאַכט מיר גייען נאָך טויבן. קיין פּאָוואָנזעק.

גיין נאָך טויבן איז ער שטענדיק גרייט, מאירקע. ער ווייסט נאָך נישט וואָס ער וועט זאָגן דעם טאַטן, נאָר עפּעס וועט ער שוין צוטראַכטן. נישט איין מאָל בלייבט ער דאָך אין דרויסן ביז האַלבער נאַכט.

פּאַר מאירקען איז עס אַ גרויסער כבוד וואָס זיי נעמען אים מיט. יאַנעק איז זיינער אַ גוטער חבר, הגם ער איז עלטער פון אים. מיט מיעטעקן, זיין ייִנגערן ברודער, קומט ער נישט אויס. אָפּט שלאָגן זיי זיך און שפּעטער בעטן זיי זיך איבער. זעגאָנען קען ער בלויז פון זען. ער איז אַ הויכער גוי מיט ברייטע פּלייצעס און אַ ברייטלעך פּנים פון וועלכן עס קוקן אַרויס צוויי שמאָלע שפּעלטלעך־אויגן. ער וווינט נישט אין זייער הויף, זעגאָן. בלויז צייטנווייז, אין די אָוונטן און זונטיק־טעג, קומט ער אַריין צום סטרוזש אין שטוב און זיצט דאָרט אַ ווײַלע. שפּעטער גייט ער פון דאָרט אַרויס מיט מאַנקען.

- ער איז מאַנקעס חתן - האָט אים איין מאָל געזאָגט יאַנעק.

וווהין זיי גייען ווייסט ער נישט, מאירקע, אָבער ווען זיי קומען צוריק זעט ער - זיי בלייבן שטיין אין טויער, אין אַ פינצטערן ווינקל, קוועטשן זיך צו איינאַנדער, ווי עס וואָלט זיי שווער געווען זיך אָפּצוטייסן. אָט פונקט ווי די טויבן ווען זיי פּאָרן זיך.

אים ווילט זיך פרעגן יאַנעקן פאַרוואָס ביינאַכט. שוין עטלעכע מאָל איז ער מיט אים געגאַנגען נאָך טויבן אויפן מאַרק ביים קערצעלאַק־פּלאַץ, אָבער שטענדיק בייטאָג. יאַנעק פלעגט פאַרקויפן פאַרשיידענע אַלטוואַרג און קויפן אַ טויב אָדער צוויי. געבראַכט אַ היים, האָט ער זיי אַריינגעלאָזט אין קעלער־קאַמער, ווו עס האָבן זיך געהאָדעוועט קראָליקעס און הינער. קיין סך טויבן האָט ער נישט געהאַט, יאַנעק. מיט ווישניעווסקין האָט ער זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן. אָבער ער האָט זיי ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. און אפשר נאָך מער. מאירקע אויך. ווילט זיך אים פרעגן: "פאַרוואָס ביינאַכט?" אָבער ער האָט מורא, ער קאָן נאָך בייז ווערן, יאַנעק, און אים נישט מיטנעמען. ווייזט אויס, אַז ער האָט באַמערקט זיין פאַרלעגנהייט און זאָגט צו אים

מיט אַ שמייכל דורך די פּאָדערשטע צוויי ציין וואָס שטאַרצן אַרויס פונעם מויל ווי לאָפּעטעס:

– פּאַמוירע זאָך נישט [1], מאירקע, זענאָן וויל גיין ביינאַכט...

עס איז שוין גוט פינצטער ווען זיי פאַרלאָזן דעם הויף זאַלבעפיר - יאַנעק, מיטעק, זענאָן און מאירקע. עס זעט זיך נישט קיין שטערן אויפן הימל. די לבנה האָט זיך אויך באַהאַלטן ערגעץ צווישן די וואָלקנס. זענאָן גייט דער ערשטער. ער לאָזט נאָך זיך אַ לאַנגן שאָטן און מאירקע היט זיך נישט אָנצוטרעטן אויף אים. גייט ער דער לעצטער און קוקט אויף די קוים זיך לייכטנדיקע לאַמטערנעס, וואָס מיניען זיך אין זיינע אויגן ווי פייערלעך וואָס ברענען ערגעץ ווייט. זיי באַגלייטן זייערע טריט, די לאַמטערנעס, אַזש ביזן סוף פון גויאישן צווינטער, און נאָך דעם זעט זיך שוין נישט קיין שום זאַך. בלויז די ווייס-געקאַלכטע ווענט פון הייזקעס קוקן אַרויס פון דער פינצטערניש ווי שטערן, וואָס זענען גלייך פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן. דאָס איז פּאָוואָנזעק...

זענאָן פאַרקערעוועט ערגעץ צווישן די הייזקעס און בלייבט שטיין נעבן אַ גרויסן צוויי-גאָרנדיקן טויבנשלאַק. מאירקע זעט ווי דורך יענעמס אויגן-שפּעלטלעך פינקלען זיך צוויי גרינע פייערלעך, ווי ביי אַ קאַץ. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און באַלד הערן זיך זיינע באַפעלן:

–יאַנעק, דערלאַנג די צוואַנגען! מיטעק, מאירקע, גיט אַכטונג צי קיינער קומט נישט אָן פון דער גאַס.

אַ רגע, און ער איז אויפן דאַך פונעם טויבנשלאַק. עטלעכע באַוועגונגען, און עס עפנט זיך אַ טירל. פון הינטערן רעקל ציט ער אַרויס, זענאָן, אַ גרויסן זאַק און נעמט אים אָנפילן מיט טויבן, ווי מיט קאַרטאָפל. ער דערלאַנגט יאַנעקן דעם פולן זאַק און מיט איין שפּרונג איז ער אונטן. יאַנעק גיט אַ שטילן פייף און פאָכעט מיט דער האַנט אין מאירקעס ריכטונג:

– מאירקע, נעם דעם זאַק – זאָגט ער. - פּאַמוירע זאָך נישט, דו גיי נאָך זענאָנען, מיר וועלן גיין נאָך דיר.

מאירקע נעמט דעם זאַק און פאַרוואַרפט אים אויפן אַקסל. דער זאַק איז אפשר גרעסער פון אים, נאָר ער איז נישט שווער, דער זאַק. אויף דער פלייצע פילט ער אַ ווייכע וואַרעמקייט. זענאָן גייט מיט שנעלע טריט. מאירקע האָט מורא אים נישט צו פאַרלירן פון אויג אין דער פינצטערניש. גייט ער אויך שנעל, כמעט לויפנדיק. הינטער זיך הערט ער אויך אַ געלויף, אָבער ער קאָן זיך נישט אומקוקן, ווייל דער זאַק פאַרשטעלט אים אין גאַנצן. פּלוצלינג גיט אים עמעץ אַ צי פאַרן אַרבל און ער הערט יאַנעקס קול:

– נו, גענוג מאירקע, דערלאַנג דעם זאַק.

מאירקע עטעמט אָפּ לייכטער און ער גיט אים איבער דעם זאַק מיט טויבן. איצט שטעלט ער לאַנגע, פעסטע טריט, יאַנעק, און מאירקע זעט קוים ווי יענער גלייכט זיך אויס מיט זענאָנען. אין דער זעלבער צייט קומט צו מיטעק און גיט אים אַ קלאַפּ אין פלייצע:

– ביסט אַן אייגענער, מאירקע, נישט ווי די אַנדערע...

מאירקע פאַרשטייט גוט וואָס ער מיינט, מיטעק, און ס'ווילט זיך דערמאָנען אים פון וועמען ער שטאַמט... אַזאַ הינטישער זון!... "נישט ווי די אַנדערע"... וואָס דען, אַ שייגעץ

1) האָב נישט קיין מורא.

איז ער? ער וואָלט אים גוט דערלאַנגט אין דער צורה, ווי דעמאָלט ווען ער האָט צו אים אַ שיפּע געטאָן ווי אַ שלאַנג: "דו בייליס!" און ער, מאירקע, האָט אים צוריק געענטפערט מיט דעם באַקאַנטן פּיזמון: "בייליס זשיע אַ מאַצאָך גניע!"[2] נאָר אַרום איז פינצטער, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש, און זיי זענען דריי. און אים ווילט זיך זען וואָס זיי וועלן טאָן מיט די טויבן.

ווידער באַווייזן זיך די לאַמטערנעס און מאירקען דאַכט זיך, אַז זיי לייכטן איצט העלער ווי פריער. אויך די לבנה קוקט אַפּער פון אונטער די וואָלקנס און באַגלייט זיי פון איין גאַס צו דער צווייטער.

-געמיינט עס וועט רעגענען - זאָגט מיטעטק - און דאָ גאָר אַ לבנה.

מאירקע ענטפערט נישט קיין וואָרט. אין די אויערן גלינגט אים אַלץ אָפּ יענעמס זאָג: "נישט ווי די אַנדערע"... זענאָן פירט דורך אַן אַנדערן וועג, אַ קירצערן. עטלעכע מאָל מוזן זיי אַריבערשפּרינגען פּלויטן און לסוף באַווייזט זיך דער הויף. דער טויער איז אָפּן. איינער נאָכן צווייטן שלייכן זיי זיך אַריין אינעווייניק. זענאָן עפנט דעם קעלער-קאַמער און יאַנעק עפנט דעם זאַק. די פינצטערע שטילקייט ווערט מיט אַ מאָל צעריסן פונעם פליגל-געפּאָך און פּאַר מאירקעס אויגן וויקלט זיך פונאַנדער אַ רעגנבויגן פון קאָלירן: ווייס און שוואַרץ, ברוין און געל, בלוי און רויט. די פליגל פלאַטערן, די קאָלירן מישן זיך אויס און עס שווינדלט אים אין קאָפּ. אַזוי פיל טויבן, אַזוי פיל טויבן...

ס'איז שבת אין דער פרי, קיינער וועקט אים היינט נישט, ווי שטענדיק ווען ער דאַרף גיין אין שול אַריין. ווי נאָר די זון באַווייזט זיך אין פענצטער איז ער שוין אויף די פיס, מאירקע. יאַנעק האָט אים נעכטן געזאָגט, אַז פאַרטאָג וועט ער אַרויס לאָזן די פרישע טויבן אויף אַ פּראָבע צי זיי האָבן זיך שוין צוגעוויינט צום נייעם פּלאַץ. זענאָן וועט אויך זיין. לויפט ער אויף די טרעפּ אַ נישט געוואַשענער און נישט געגעסענער, און... שטאָט ווייסע טויבן דערזעט ער... שוואַרצע פּאָליציאַנטן. דריי פּאָליציאַנטן און זענאָן אין דער מיטן, מיט קייטלעך אויף די הענט. מאַנקע, זיין כלה, שטייט פון דער וויטנס אַ פּאַרוויינטע, און איר מאַמע, וואָס שטייט דערנעבן, רעדט עפּעס צו איר. צו מאירקען דערטראָגן זיך בלויז אָפּגעריסענע ווערטער:

- געזאָגט... אַ גנב... גיי נישט...

מאַנקע הערט נישט אויף וויינען. יאַנעקן זעט ער נישט. און די טויבן? אַ קליינער גראָבער גוי, ווי אַ פּעסל מיט וואָנצעס, שטייט נעבן קעלער-קאַמער אָנגעבויגן, מיט אַן אָפענעם זאַק אין די הענט, און עמעצער וואַרפט אַהין אַריין די טייבעלעך איינס נאָכן אַנדערן. אָנגעפילט דעם זאַק, גייט צו דאָס פּעסל צו די פּאָליציאַנטן, יענע דערלאַנגען אים עפּעס אַ פּאַפּיר, ער שרייבט אונטער און גייט אַרויס פונעם הויף מיטן זאַק אויף די פּלייצעס. נאָך אים גייט זענאָן מיט די קייטעלעך אויף די הענט, און פון ביידע זייטן צוויי פּאָליציאַנטן. דער דריטער גייט הינטער אים. אין הויף ווערט פּוסט און שטיל. בלויז מאַנקעס געוויין שניידט דורך די שטילקייט און דער עכאָ שלאָגט זיך אָפּ אין די טויבע ווענט.

*

מאַנקעס געוויין.... ווי מאָדנע, דאָס געוויין ווערט אַלץ שטילער און שטילער, און

2) "בייליס לעבט און מאַצאָך פוילט". דער גלח מאַצאָך איז אין 1910 פאַרמשפּט געוואָרן אין טשענסטאָכאָוו פאַר באַגנבענען דעם הייליקן קלויסטער אויף דער "יאַסנאַ גוראַ".

ביסלעכווייז פֿאַרוואַנדלט עס זיך אינעם מיאַוקען פֿון אַ קאַץ. אַ שוואַרצע קאַץ מיט פֿייערדיק-גרינע אויגן שטייט איבער אים און מיאַוקעט אַ בייז מיאַוקריי. פֿון וואַנען האָט זי זיך דאָ גענומען, די שוואַרצע קאַץ? וואָס וויל זי פֿון אים? איז זי צוריק אַרויס פֿונעם וואַסער, ווו יאַנעק שפּילט זיך מיט איר און פּרוווט זי דערטרענקען? אַ קאַלטער שווייס באַדעקט אים, מאַירקען, און ער שרייט:

– יאַנעק, ניין! הער אויף! וואָס ווילסטו פֿון דער קאַץ?

נאָר יאַנעק הערט אים נישט. ער טוט זיך דאָס זייניקע. ער שווימט מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער שטופּט ער אַראָפּ דער קאַצס קאָפּ אונטערן וואַסער. די קאַץ ראַנגלט זיך, אָט פֿאַרשווינדט זי און אָט שטרעקט זי ווידער אַרויס דעם קאָפּ פֿונעם וואַסער, באַוועגנדיק מיט די פֿאָדערשטע לאַפּקעס, ווי זי וואָלט זיך וועלן אין עפּעס אָנכאַפּן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אַלץ אומשולדיק. אַ הייסער זומער-טאָג. אַ באַנדע יינגלעך גייען קיין פּאָוואָנזעק צו די ליים-גריבער. דאָרט, אינעם אָפּגעשטעלטען וואַסער איז גוט צו שווימען. נישטאָ אַזוי פֿיל מענטשן ווי ביי דער ווייסל. אויפֿן וועג דערזעט יאַנעק אַ שוואַרצע קאַץ און נעמט זיך יאָגן נאָך איר. די קאַץ אַנטלויפֿט, נאָר חברה נעמט זי אין אַ רעדל און זי פֿאַלט אַריין אין ישראַליקס הענט. ער גלעט זי, דערלאַנגט איר אין פּיסקל אַריין אַ שטיקל שאָקאָלאַד און די קאַץ באַלעקט זיך מיט איר רויטן צינגל. זי וואַנדערט פֿון איין האַנט צו דער צווייטער ביז זי קומט אין מאַירקעס הענט. ער טוליעט זי צו זיין פּנים און די קאַץ לעקט זיין נאָז, די אויערן. אַ גרויסע נאָענטקייט דערפֿילט ער צו דעם חיהלע און ס'איז אים אַ שאָד עס אַרויסצולאָזן פֿון די הענט.

און אָט זענען די ליים-גריבער. פּאָוואָנזעק. די יינגלעך וואַרפֿן אַראָפּ פֿון זיך די בגדים און גלייך אין וואַסער אַריין מיט אַ געשריי און געפּילדער. איצט איז די קאַץ אין יאַנעקס הענט. ער לאָזט זי שווימען און יאָגט זיך נאָך איר ווי אַ הונט. אָט כאַפּט ער זי ביים עק און באַלד לאָזט ער זי אָפּ און יאָגט זיך נאָך איר ווידער. איינער נאָכן צווייטן גייען די יינגלעך אַרויס פֿונעם וואַסער, נאָר יאַנעק איז נאָך אַלץ דאָרטן מיט דער קאַץ. די קאַץ, זעט אויס, האָט שוין גענוג די פּילעריי און זי וויל אויך אַרויס פֿונעם וואַסער. זי שווימט צום ברעג, נאָר יאַנעק פֿאַרשטעלט איר דעם וועג. פֿאַרקערעוועט זי אויף צוריק און אַנטלויפֿט. יאַנעק נאָך איר. ער כאַפּט זי פֿאַר אַ לאַפּקע און די קאַץ טונקט אונטער איר קאָפּ אינעם וואַסער. מער לאָזט ער זי נישט אָפּ, די קאַץ...

און די קאַץ שטייט איבער אים און מיאַוקעט אַ בייז מיאַוקריי. און איבער דער קאַץ שטייט יאַנעק, מאַירקעס גוטער פֿריינד יאַנעק, אויסגעוואַקסן, הויך און שלאַנק, מיט ברייטע אַקסלען און אַ פֿרעמדן שמייכל אויף די גראָבע ליפּן. מאַירקע עפֿנט די אויגן און ער זעט אַ פּאָר שוואַרצע, גלאַנציקע שטיוול און אַ ברוינעם נאַצי-מונדיר. און זיין גוטער חבר יאַנעק רעדט צו אים גוטע רייד:

– פֿאַמוירע זאָך נישט, מאַירקע, געדענקסט די ליים-גריבער, די קאַץ? איך וועל דיך אויך אַהין פֿירן. דאָס וואַסער איז וואַרעם, ס'איז גוט צו שווימען אין וואַרעמען וואַסער. און ס'איז אויך גוט צו גיין צום גרונט, ווי די קאַץ, ווי די קאַץ...

*

ביינאַכט קריכן זיי אַרויס, מאַירקע און שמאַיאַ, פֿון דער באַהעלטעניש און לאָזן זיך אַוועק צו דער אַנדערער זייט בית-עלמין און, דורכן גויאישן צווינטער, קיין פּאָוואָנזעק.

משה וואַלדמאַן / פּאַריז

# אַ חבר עלטערט זיך - עד מאה ועשרים

## (חיים לאַנדאַו צום ווערן אַ בן־שמונים)

מיט אַ סך וואַרעמע געפילן שרייב איך די שורות וועגן אַ חבר, וואָס זיין חברשאַפט "פאַרגנבעט" זיך אַריין אין אונדז מיט שטילע טאַטן. אייגנטלעך - ער רעדט אויך אין אַ שטילן טאָן. און שטענדיק פאַראַן איז וואָס צו הערן.

אַ פּוילישער ייִד איז ער, מיט אַלע קאַנטיקע סימנים פון אַנטוויקלונג, געירשנטע און באַוווסטזיניק דערגרייכטע. מע דערקענט אויף וויפל ער האָט געאַרבעט אויף זיך צו ווערן אַזאַ ווי ער איז געוואָרן. אויך זיין פאַרבינדונג מיט "השומר הצעיר" האָט צו דעם בייגעשטייערט.

ער איז פון די וועלכע האָבן גאָר יונג - נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה - אויפגעוועקט אין זיך דעם חלום, וואָס דאַרף ווערן וואָר. וואָס דאַרף ברענגען ייִדישע באַנייאונג.

נאָך אין זיין היימישן טשענסטאָכאָוו, וווּהין פאַנאַטיש קריסטלעכע פּאָלאַקן פלעגן "עולה־רגל" זיין צו דער הייליקער בתולה, וואָס אָט די הייליקע מאַרשן האָבן אַרויסגערופן נישט ווייניק פּאַניק צווישן ייִדישע קינדער - צי האָבן אָט די פּראָצעסיעס נישט געקענט משפּיע זיין אויף דעם יונגן דאַן טרוימער, חיימען, צו ווערן אַ חלוץ, בכדי עולה צו זיין אין לאַנד פון די נביאים - צו דער הייליקסטער פון אַלע הייליקע פאַר אונדז שטעט - ירושלים. דאָס האָט די מאַמע נאָך אַריינגעזונגען אין איר קינד דאָס ליד וועגן דער אלמנה בת־ציון און וועגן די ראָזשינקעס און מאַנדלען...

אַז מיר לעבן־אויף אונדזערע יונגע טעג - ווי אַזוי האָבן מיר געזען דעם צוריקגאַנג צום לאַנד פון די אבות וואָס איז אין וויסטעניש פאַרוואָקסן; מיט שאַקאַלן־געוואָיען, וועלכע האָבן איבער אַלע ווייטענישן אַריינגעוואָיעט אין אונדזער געמיט אַ טרויער־געוויין וואָס האָט אויפגעלעבט, באַשאַפן בענקשאַפטן.

ווי אַזוי האָט דער יונגער ייִד פון טשענסטאָכאָוו געקענט זיך "צוהערן" צו די געזאַנגען פון גלויביקע פּאָלאַקן, די אויסגעזונגענע קאַפּיטלעך תהילים, וואָס אינעם ווייטן אַ מאָל האָט זיי דוד המלך געזונגען אין ירושלים.

חיים איז געוואָרן אַן אידעאַליסטישער טרוימער - געקומען אין לאַנד פון זיין יוגנטלעכן טראַכטן מיט אַ וואַרעם האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט אינעם ריטעם פון די לידער וואָס ער האָט געזונגען - צו ווערן אַן אַקערער און אַ פלאַנצער. ער האָט געלעבט מיט דער זכיה פון אַ מיטשאַפער, צו בויען אַ נייעווירקלעכקייט. לעבן פון אַרבעט און מי - בכדי די דורותדיקע וויסטעניש, דערווילדער מדבר, זאָל פאַרטריבן ווערן, אַ נייע היים צו באַשאַפן. פאַר זיך און פאַר די וועלכע דאַרפן קומען.

אפשר איז ריכטיקער צו זאָגן: פאַר די באַשערטע וואָס דאַרפן ערשט קומען, און אויך פאַר זיך אַליין האָט ער אין קיבוץ מ ס י ל ו ת איינער פון די ערשטע אַ צריף אויפגעשטעלט, און פאַרן פענצטער פון דעם הילצערנעם הייזל אַ בוים פאַרפלאַנצט. ווי עס האָט געטאָן דער פּאָעט אריה שמרי אין קיבוץ עין־שמר, ווי משה באַסאָק אין אשדות יעקב, ווי אברהם לעוו האָט עס באַוויזן אין קיבוץ גבעת־השלשה. חיימען צו לאַנגע יאָרן, זענען זיי פרי אַוועק. אַ סך צו פרי.

חיים האָט ווי די דערמאָנטע, דעם והיה באחרית הימים פאַרוואָרט אין דער טעגלעכער האָרעוואַניע.

יהודה הלויס בענקשאַפט־ליד, ביאַליקס געזאַנגען "פון צער און צאָרן", ווי די געזאַנגען פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו צום און פון "אין זוניקן לאַנד" - האָבן זיכער משפּיע־געווען אים, ווי די טויזנטער אַנדערע, צו ווערן באַשעפער פון אָט דער וואָר, אַ צעגרינטע ווירקלעכקייט.

שיין איז מסילות זיך צעוואַקסן - אויסגעוואַקסן. וויפל פרייד לעבט מען איבער קומענדיק אין דעם ווייט ליגנדיקן קיבוץ, אויף דער הייס צעגליטער ערד, וואָס חיים און דינה, זיין לעבנס־באַגלייטערין, האָבן געהאָלפן באַשאַפן.

צוזאַמען מיט דער פּיזישער מי־און־מאַטערניש האָבן זיי ביידע געהאָלפן גייסטיק פאָרמירן די קבוצה, די חברים מיט זיי.

חיים לאַנדאָו איז אַ העברעישער זשורנאַליסט־פּובליציסט. אין "על המשמר" האָט ער זיין שרייבערישע אכסניה אַלע יאָרן. אַ לאַנגע צייט געווען אַ רעפּאָרטער. פון זיינע רייזעס, שליחותן איבערן לאַנד, אָפּגעשפּאָרט דאָס דערקענען פון דער נאָענט דעם אויפקום פון נייע ישובים - צעוואַקסן אין גרינער בליעניש, מיט הייזקעס צעוואָרפן, פון וואַנען דאָס געזאַנג פון קינדער האָט געלאָזט זיך הערן. און אָט אַזוי איז געוואַקסן אין אים די ליבשאַפט צו דער אויפגעוואַכטער ערד אין רחבותדיקע גרינע פעלדער צעשפּרייט, וואָס נערן מיט שפע די בויערס - זיינע חברים, זיינע ברידער יידן.

ביי חיים לאַנדאָו פילט מען אָפּ די וואַרעמקייט פון זיין וואָרט. מען אָטעמט דעם הייסן אָטעם פון זיין איבערלעבונג, וואָס שאַפט באַוווּנדערונג. ער שרייבט קלוג, מיט אַ סך וויסן, איבער יעדן פּראָבלעם. און פון אַ העברעיש־שרייבער איז ער אין די לעצטע יאָרן אַריבערגעקומען צוריק צו יידיש - אין "ישראל־שטימע".

ווי אין "על המשמר" רופט ער זיך אָפּ אויף יידיש־דערשיינונגען, אַזוי ברענגט ער אין דער "ישראל־שטימע" דעם אָפּגלאַנג פון דער העברעישער גאַס.

טעמאַטיש איז זיין פּאַנאָראַמע אויסגעשפּרייט אויך איבער דער וועלט, און וועגן געלייענטע יידישע ביכער שרייבט ער לויט דעם אוממיטלבאַרן איינדרוק. גוט איז אים ווען ער קען מיט באַגייסטערונג אַרויסברענגען זיין אָפּשאַץ. ער געהערט נישט צו די "גריבלער", די זוכערס, וועלכע האָבן נעבעך "הנאה" פון אויסגריבלען און אויסגעפינען אַ "שוואַכן פונקט" ביי אַ מחבר, בכדי זיך אַרויסצוהייבן ווי קענערס. זיין ריכטונג איז אַרויסהייבן דאָס פּאָזיטיווע אינעם שעפער, וואָס האָט אים גופא, דעם געניסער - לייענער, געגעבן הנאה ביים אַריינבליק אינעם ספר.

חיים לאַנדאָו פירט אויס אַ דאָפּלטע שליחות. אין "ישראל־שטימע" מיט אָפּשאַצן די ישראל־ווירקלעכקייט; אין "על־המשמר" - מיט רעפערירן אָפּט יידישוועלט־פּראָבלעמען. דערצו אויך פונעם יידישן שרייבער־טיש.

חיים לאַנדאָו האָט אַ סך אינטערעסאַנטע רעפּאָרטאַזשן פון לאַנד - זיין היים, ווי אויך איבער שרייבער און ווערק.

פרייד צו מיין חבר, צוזאַמען מיט עדינה. נחת אייך. דערפרייט אונדז מיט דיין ווייטער שאַפן. באַזונדערס - אין אַן איינזאַמלונג פון אַ ספר. הלוואי. פון אַזאַ ספר וועט דערקענט ווערן אַ מענטש, וועלכער קוקט אויף דער וועלט מיטן אויג פון איינעם, וואָס העלפט באַשאַפן אַ ליבשאַפט צו די געזונטע דערשיינונגען פון לעבן, וועלכע דינען דעם מענטש. עד מאה ועשרים.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* בינם העלער: "דער גייסט פונעם שטורעם", לידער און פּאָעמעס, 98 זז', י.ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1992.

* יעזשי פיצאָווסקי: "דאָס לייענען די אַשן", לידער. איבערגעזעצט פון פּויליש - בינם העלער. י.ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1992. אין בוך קומען אַריין פינף און צוואַנציק לידער פונם באַוווסטן פּוילישן דיכטער אין אָריגינאַל און אין יידישער איבערזעצונג פון בינם העלער. פאַראַן אויך אַ וואָרט פון מחבר צו דער יידישער אויפלאַגע פון זיין בוך, און אַ נאָכוואָרט "וועגן מחבר" פון נתן גראָס.

* "אָקספאָרדער יידיש" I, 1990, רעדאַקטאָר הירשע־דוד קאַץ. האַרוווד אַקאַדעמישער פאַרלאַג בשותפות מיטן אָקספאָרדער צענטער פאַר העכערע העברעישע שטודיעס. יאָרבוך פאַר יידישע שטודיעס, 400 זז'.

* "אָקספאָרדער יידיש" II, 1991, רעדאַקטאָר הירשע־דוד קאַץ. יאָרבוך פאַר יידישע שטודיעס, 310 זז'.

* "כלל־תקנות פון יידישן אויסלייג", לויטן הסכם פון די אָפּטיילונגען פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור ביים: אָקספאָרדער אוניווערסיטעט, בר־אילן אוניווערסיטעט, ווילנער אוניווערסיטעט און תל־אביבער אוניווערסיטעט. פאַרלאַג אָקספאָרדער יידיש, תשנ"ב - 1992, 56 זז'. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ הקדמה פון הירשע־דוד קאַץ.

* הירשע־דוד מאַינקעס: "עלדאַ דאַן און אַנדערע מעשיות", דערציילונגען. 192 זז', פאַרלאַג "דריי שוועסטער". ראָון ד' וויילז, תשנ"ב.

* עקיבא פישבין: "אין די טריט פון קינסטלער - מוזיקער און פלאַסטיקער", ירושלים תשנ"ב - 1992. 314 זז'. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פן מחבר, געצייכנט פון באַרימטן קינסטלער מיכאל מילבערגער.

* "די גאָלדענע קייט" נומ. 134. פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, תל־אביב 1992. רעדאַקטאָר: אברהם סוצקעווער, רעדאַקציע־סעקרעטאַר: אלכסנדער שפּיגלבלאַט.

* "קשר", נומ. 12, נאָוועמבער 1992. 120 זז' העברעיש און 44 זז' ענגליש. אַרויסגעגעבן דורכן אינסטיטוט צו פאָרשן די יידישע פּרעסע ביים תל־אביבער אוניווערסיטעט. רעדאַקטאָר: ד"ר משה נאור.

* "דער אָנהייב" נומ. 20, נאָוועמבער 1992, מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ. רעדאַקציע: אשר שטשוטשינסקי, משה בעקער.

* "לעבנס־פראַגן" נומ. 88, נאָוועמבער־דעצעמבער 1992. סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק,ווירטשאַפט און קולטור, תל־אביב. רעדאַקטאָר: יצחק לודען.

* "יידיש־וועלט" נומ. 96, דעצעמבער 1992. צייטשריפט פונעם וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור און פונעם פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל.

* "אויפן שוועל", יולי־דעצעמבער 1992. געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר: מרדכי שעכטער. אינעם זשורנאַל איז פאַראַן אַ באַגריסונג פון דער רעדאַקציע און יידישע־ליגע צום הונדערט

צוואַנציקסטן נומער "חשבון". פאַר די וואַרעמע באַגריסונג־און־דערמוטיקונג־ווערטער - אַ האַרציקן דאַנק.

* "יוגנטרוף" ספּעציעלער טאָפּל־נומער געווידמעט דער טעמע: טאַטעס און מאַמעס וואָס רעדן יידיש מיט די קינדער.

ביידע זשורנאַלן: "אויפן שוועל" און "יוגנטרוף" קאָן מען באַקומען אויפן אַדרעס:
200 West 72 Street. Suite 40, New York, N.Y. 10023

## לילי בערגער באַלוינט מיטן ליטעראַטור־פּרייז א.נ. "פּערנאַנדאָ כענאָ" אין מעקסיקע

די באַקאַנטע שרייבערין, מיטאַרבעטערין פון "חשבון" לילי בערגער, איז באַלוינט געוואָרן מיטן ליטעראַטור־פּרייז א.נ. "פּערנאַנדאָ כענאָ" אין מעקסיקע. אויף דער פייערונג ביים פאַרטיילן די פּרעמיעס (עס זענען אויך פּרעמירט געוואָרן שאַפער אין שפּאַניש) האָט וועגן לילי בערגערס פּרעמירטן בוך "געשטאַלטן און פּאַסירונגען" גערעדט פּראָפ. בנימין קאַוואַלסקי.

מיר באַגירסן אונדזער חשובע מיטאַרבעטערין צום באַקומען דעם וויכטיקן ליטעראַטור־פּרייז.

## אַרכיוו־ווינקל

אַן אַלט ווערטל זאָגט: "זוך און דו וועסט געפינען". האָבן מיר טאַקע געזוכט און געפונען אַ זייער וויכטיקן און אינטערעסאַנטן דאָקומענט פון יאָר 1927. דאָס איז דער דאָקומענט וועגן דער אָפיציעלער "אינקאָרפּאָראַציע" און צילן פונעם לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב, וואָס איז געוואָרן רעגיסטרירט ביים קאַליפאָרניער "סטייט־דעפּאַרטאַמענט" דעם 19־טן מאַי 1927 ווי אַ נישט־פּראָפיט אָרגאַניזאַציע. געחתמעט דעם וויכטיקן דאָקומענט האָבן: יוסף פרידמאַן - פּרעזידענט; אליהו טענענהאָלץ - וויצע־פּרעזידענט; ב. ווינער קאַסירער; ה. וואָלמאַן - פינאַנץ־סעקרעטאַר און י. ל. מאַלאַמוט - רעקאָרדיר־סעקרעטאַר.

די דערמאָנטע פאַרוואַלטונג איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף איין יאָר בעת דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דעם 1־טן יאַנואַר 1927.

אין דעם פּראָגראַם און צילן פון דעם ניי־געשאַפענעם יידישן קלוב ווערט צוו. אַנד. גערעדט וועגן פאַרשפּרייטן די יידישע שפּראַך, קולטור, קונסט, ליטעראַטור און בילדונג צווישן די מיטגלידער און פריינד. דאָס דאַרף געטאָן ווערן דורך לעקציעס, מיטינגען, אַרויסגעבן ביכער און זשורנאַלן און אויפשטעלן אַ קולטור־הויז מיט אַ ביבליאָטעק.

עס איז כדאי צו דערמאָנען דעם פּאַראַגראַף נומ. 4, וואָס זאָגט, אַז די אָרגאַניזאַציע דאַרף עקזיסטירן 50 יאָר. ווי ס'איז צו זען, זענען מיר שוין אין דעם 67־טן זמן און מיר האָבן גאָרנישט בדעה זיך צו ליקווידירן. די אָריגינעלע פּאַפּירן און בויער וואָלטן זיכער געוועזן פון דעם צופרידן. מיר האָפן אָנצוגיין מיט אונדזערע אַקטיוויטעטן נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

יוסף סאַסקי

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב

דער היגער יידישער קולטור־קלוב וועלכער איז שוין אַריין אין 67־טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט, ווי אַלע יאָר, אָנגעפאַנגען זיין טעטיקייט פאַרן יאָר 93־1992 גלייך נאָך סוכות.

**מוצאי שבת, אָקטאָבער 24**, צו דער דערעפנונג פון סעזאָן, האָט אונדזער אייגענער י ע ק ב ל ע ו ו י ן פאָרגעבראַכט "די קליינע מענטשעלעך" פון שלום־עליכם.

**מוצאי שבת, אָקט. 31**, האָט סעם בונין דערציילט וועגן דער יידישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע דורך גאַלוועסטאָן, טעקסאַס.

**מוצאי שבת, נאָוו. 7**, אַ גאַסט פון ישראל. דער גוט באַקאַנטער יידישער וויסנשאַפטלער־פאָלקלאָריסט ד ו ב נ ו י האָט גערעדט וועגן "די באָבע מעשה".

**מוצאי שבת, נאָוו. 14**, י ע ק ב ב א ס נ ע ר האָט פאָרגעלייענט פון די הומאָריסטישע פעליעטאָנען פון סעם ליפּצין. מוזיק ר י ס אַ א י ג ע ל פ ע ל ד מיט איר אַקאָרדיאָן.

**מוצאי שבת, נאָוו. 21**, ב אַ ש ע וואַ נ אַ מ י י ק ע ר האָט רעציטירט פונעם שאַפן פון דריי יידישע פּאָעטן: יהואש, לייוויק, הירשביין. מוזיק פ ס ח מ אַ ל ע ו ו י ט ש.

**מוצאי שבת, נאָוו 28**. דער דיכטער ח י י ם ש וואַ ר ץ האָט אין צוויי פאַרזעצונגעןזיך געטיילט מיט זיכרונות וועגן דער באַרימטער אַקטריסע פון הבימה טעאַטער חנה ראָווינאַ.

**מוצאי שבת, דעצ. 5**, געסט פון אַרגענטינע, די אַקטיאָרן י ע ק ב ד ע נ ק ע ר און ד אָ ר אַ ו וי נ ד ל ע ר זיינען אויפגעטראָטן אין אַ רייכן פּראָגראַם פון געזאַנג, הומאָר און רעציטאַציעס.

**מוצאי שבת, דעצ. 12 און דעצ. 19**, ס י י ב ע ל ב ע נ ד ע ר האָט אין צוויי פאַרזעצונגען גערעדט וועגן דער געשיכטע פון ייד. טעאַטער .

**מוצאי שבת, דעצ. 26**, אַ גאַסט פון מעקסיקע מ אַ י אַ וו י י ס פ ע ל ד־א י י ז ן האָט דערציילט וועגן יידישן ישוב אין מעקסיקע.

**מוצאי שבת, יאַנ. 2, 1993**, ד"ר מ ש ה וו אָ ל ף, אַ יידישער שרייבער פון רוסלאַנד, האָט גערעדט וועגן נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דער סאָוו. יידישער ליטעראַטור.

**מוצאי שבת, יאַנ. 23**, אונדזער אייגענע ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר האָט גערעדט וועגן שאַפן פון מרדכי געבירטיק. געבירטיקס לידער האָט געשפּילט און געזונגען ר י ס אַ א י ג ע ל פ ע ל ד.

**מוצאי שבת, יאַנ. 30**, אַ גאַסט פון פילאַדעלפיע, די באַקאַנטע אַקטריסע און ליטעראַטור־קענערין ח י ה ל ע אַ ש האָט גערעדט וועגן פינף הונדערט יאָר גירוש שפּאַניע.

**מוצאי שבת, פעב. 6**, אַ קאָנצערט פון יידישע און העברעישע לידער, אויסגעפירט פון דעם באַקאַנטן חזן און זינגער ה ע ר ש ל פ אַ ק ס מיט זיין פרוי.

**מוצאי שבת, פעב. 13**, דער קאָרעספּאָנדענט פון "וואָס אָף אַמעריקאַ" ר אָ ב ע ר ט מ י ל ע ר האָט דערציילט וועגן לעבן פון די יידן אין איטאַליע.

**מוצאי שבת, פעב. 27**, אַ גאַסט פון דענעמאַרק, מ י כ א ל מ י ר ס ק י האָט רעפערירט וועגן שאַפן פון יידישן שרייבער ע ל י ש ע כ ט מ אַ ן.

**יעקב שייפער**